ISBN: 0-657-11202-X
Old Call#:, Vol.
00-297

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No.........
COOPERATIVE ASSOCIATION

933 || A-3109

פֿאַראייניקטע אַרבעטער קאָאָפּעראַטיווע געז.

2700 בראָנקס פּאַרק איסט, ניו יאָרק, נ. י.

---

1. בלויז מיטגלידער פֿון קאָאָפּעראַטיוו זיינען באַרעכטיגט צו קריגן ביכער פֿון ביבליאָטעק פריי. ניט־מיטגלידער דאַרפֿן איינצאָלן דריי דאָלאַר ($3.00) יערלאַך.
2. יעדער לעזער איז באַרעכטיגט צו נעמען איין בעלעטריס־טישן און איין וויסנשאַפטלאכן בוך צו דערזעלבער צייט.
3. ביכער קאָנען געהאַלטן ווערן ניט מער ווי צוויי וואָכן מיט דעם רעכט צו באַנייען א בוך אַף נאָך צוויי וואָכן, אויב מעגלאַך. נייע ביכער קאָן מען ניט האַלטן מער ווי איין וואָך און מען קאָן זיי אויך ניט באַנייען.
4. פֿאַר נייע בעלעטריסטישע ביכער ווערט גערעכנט 5 סענט א וואָך, וואָס מען דאַרף איינצאָלן אין פֿאָראויס.
5. פֿאַר ביכער, וואָס זיינען ניט אומגעקערט אין צייט, וועט מען דאַרפֿן צאָלן שטראָף איין סענט פֿאַר יעדן טאָג און 2 סענט אַ טאָג פֿאַר יעדן נייעם בוך.
6. אין פֿאַל א בוך ווערט פֿאַרלאָרן, אָדער ווען דער לעזער צערייסט אַ בוך, וועט ער דאַרפֿן באַצאָלן דעם פֿולן פּרייז פֿון בוך.

די ביבליאָטעק איז אָפֿן פֿאַר אויסלייען ביכער:

זונטיק — פֿון 2 ביז 6; מיטוואָך — פֿון 8 ביז 10:30

שבת — פֿון 3 ביז 7 אָוונט

27

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No. ......
COOPERATIVE ASSOCIATION

933 // A-3109

Date Due

FEB 8			
FEB 15			
NOV 29			
JAN 18			

L. B. Cat. No. 1137

שטורעמווינט

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No.........
COOPERATIVE ASSOCIATION

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/shturemvint00wein

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11202

SHTUREMVINT

Max Weinreich

*Permanent preservation of this book was made possible
by The Rauch Family, Angela, Charles, Karen, Matthew, Samantha & Max
In memory of Hyman, Ethel, Melvin & Mark Rauch*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

שטורעמווינט

בילדער פון דער יידישער געשיכטע
אין 17טן יאָרהונדערט

פון ד״ר מאַקס וויינרייך

UNITED WORKERS
LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No.........
COOPERATIVE ASSOCIATION

ווילנע — 1927

פאַרלאַג „טאָמאָר״ פון יוסף קאַמערמאַכער

PRINTED IN POLAND

DR. MAKS WEINREICH — SZTUREMWINT.
„Zawierucha“, szkice z historji Żydów w XVII wieku.

Drukarnia Notes i Szweilich, Wilno.

UNITED WORKERS LIBRARY
2700 Bronx Pk. East
No.........
COOPERATIVE ASSOCIATION
933 A-3109

די פיר אַרטיקלען פון דעם „שטורעמווינט" זיינען פאַרבונדן דורכן אינהאַלט, פאַרבונדן דורך מיין שטייגער שרייבן אויך; נאָר מיין אויפטו אין זיי איז אַ פאַרשיידענער.

די אַרבעטן וועגן גזרת ת"ח און שבתי צבי האָבן ניט בדעה עפּעס מחדש צו זיין. עס איז אין זיי אויסגענוצט אַ היפּשע צאָל שריפטן אין העברעיש, דייטש, פּויליש, רוסיש, אוקראַיניש; אָבער אויסן געווען בין איך נאָר צו דערציילן אין אַ פּאָפּולערער פאָרם וועגן אַ דראַמאַטישן יאָרהונדערט אין דער יידישער געשיכטע. מיין אייגנס איז דאָ סיידן די קאָמפּאָזיציע און די פאָרם.

אַנדערש איז מיט די לעצטע צוויי אַרטיקלען. דאָ האָב איך ניט געשעפּט פון גרייטן שטאָף, נאָר אויסגעשפּרייט פאַרן לייענער פאַקטן, וואָס איך האָב אַליין אַרויסגענומען פון פאַרגעסענע היס־טאָרישע לידער. אָט די לידער, בין איך זיכער, דאַרפן אינטערע־סירן דעם פאָרשער פון געשיכטע ניט ווינציקער ווי דעם פאָרשער פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. אפשר וועל איך זוכה זיין, אַז מיין איצטיקער פּרווו זאָל צו זיי צוציען די אַכט און די אַכטונג פון אונזערע פּראָפעסיאָנעלע היסטאָריאָגראַפן. —

צום ערשטן זיינען די אַרטיקלען געווען געדרוקט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" אין די יאָרן 1924 — 1926. אָבער זיי האָבן דאָ אַלע באַקומען אַן אַנדער פּנים. אין די ערשטע צוויי זיינען אַריינגעטראָגן אַ סך רעדאַקציאָנעלע שינוים; די לעצטע זיינען ממש אָנגעשריבן איבעראַניים.

ווילנע, מערץ 1927. מ. וו.

אינהאַלט

I. באָגדאַן כמעלניצקי . . . . 76—5

דער אייביקער וואנדערער. — דאָס אַלטע פּוילן. — פּריצים און פּויערים. — ווער זיינען עס די קאָזאַקן. — יידן אין אַלטן פּוילן. — באָגדאַן כמעלניצקי. — די שיינע העלענע. — כמעל קלאָגט זיך אין וואַרשע. — די ערשטע שחיטות. — די גזרה פון נעמיראָוו. — די גזרה פון טולטשין. — וישנעוועצקי נעמט נקמה. — די ווייטערדיקע שחיטות. — אַ נייע פּוילישע מפּלה. — לעמבערג און נאַראָל. — דער נייער קיניג. — דער סוף פון קאַמף.

II. שבתי־צבי . . . . 162—77

די געבורט פון שבתי־צבי. — שבתי־צבים קינדערשע יאָרן. — שבתי־צבי האָט חתונה. — שבתי־צבי וואַקסט. — וואָס איז אַזוינס די מיסטיק. — וואָס לערנט דער זוהר. — משיחס צייטן. — דער ערשטער אַרויסטריט. — שבתי־צבים צווייטע חופּה. — דער געהיימער כתב. — אין ארץ־ישראל און מצרים. — צוויי גרויסע תּלמידים. — שבתי־צבים באַשערטע. — דעם משיחס חתונה. — די באַוועגונג שפּרייט זיך אויס. — די שמחות אין סמירנע. — ערב דער אויסלייזונג. — אין דער קריסטלעכער וועלט. — דער אָפּקלאַנג צווישן יידן. — שבתי־צבי פאָרט צום סולטאַן. — די ערשטע שטרויכלונגען. — אַלץ איז אַ מופת. — געסט פון פּוילן. — די קאַטאַסטראָפע. — נאָך שבתיס אָפּטרעטן. — די תּירוצים. — די באַוועגונג גייט ווייטער. — אַברהם קאַרדאָזאָ. — שבתי־צבים לעצטע טעג. — דער אויסלאָז.

III. קדושים אין אַמאָליקן פּוילן . . . . 200—163

די נעמען. — ר׳ אברהם פון מאָשציסק. — ר׳ פּנחס פון טאָמאַשאָוו. — ר׳ מתּתיה פון קראָקע. — ר׳ שלמה פון קשעשוּוו. — ר׳ שכנא פון קראָקע. — ווי אַ געשאָכטענע שאָף. — שרעק און ישועה אין פּויזן. — אכזריות.

IV. דער ווילנער בלוט־בלבול פון 1690 . . . . . . 220—201

דער מקור. — די פאַקטן. — דאָס ליד.

בּאָגדאַן כמעלניצקי

א

דער אייביקער וואַנדערער

עס איז געווען מיט קנאַפּע דרייהונדערט יאָר צוריק, אין 1648. איבער גאַנץ אוקראַינע האָט געפלאַקערט דאָס פייער פון כמעלניצקים אויפשטאַנד. יידישע הערצער האָבן געפלאַטערט אין אַנגסט און פיין. גאַנצע קהילות האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון זייערע ערטער, אויב מען האָט נאָר באַוויזן באַצייטנס אַנטרונען צו ווערן פון שונאס האַנט, און אַנטלאָפן אין אַנדערע שטעט, אַוועק פון דער בלוטיקער אוקראַינע. געלאָפן, וואוהין די אויגן טראָגן.

קיין באַנען זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען. געלאָפן איז מען צופוס, שלעפנדיק דאָס ביסל אָרעמקייט אויף דער פלייצע; די רייכערע האָבן זיך געזעצט אויף פערד און וואָגן. מען האָט ניט געקוקט אויף קיין יום־טוב און שבת — פקוח־נפש ברעכט שבת אויך. צו עטלעכע שורות פורן פלעגן זיך ציען דורכן סטעפּ איבער די צעהויקערטע וועגן. די פאַרמאַטערטע פערד האָבן זיך קוים געשלעפט, און דאָ פלעגן נאָך אונטערקומען פון הינטן גיכע פוסגייער און רייטער מיט גוואַלד־געשרייען: וואָס מאַרודיעט איר, וואָס קריכט איר, דער שונא וועט דאָך אייך אָניאָגן! אַמאָל איז דאָס געווען אמת, אַמאָל מערניט ווי אַ פוסטער איבערשרעק פון אַ צעפלאַמטער פאַנטאַזיע; נאָר עס איז געווען פאַרוואָס זיך צו שרעקן. אין אַ רגע פלעגט ווערן אַ מהומה. יעדער פלעגט נעמען וואַרפן פון פור זיין גאַנץ אייגנס, אַבי דעם פערד זאָל זיין גרינגער צו שלעפן. קיין זאַך האָט מען ניט געזשאַלעוועט: ניט גאָלד און ניט זילבער, ניט זיידנס און ניט פערענעס; אַפילו קיין הייליקע ספרים אויך ניט. ביידע זייטן וועג זיינען געווען באַזייט מיט זאַכן, וואָס ווייער

ווערט איז נאָרניט אָפּצושאַצן. אַ סך האָבן אַוועקגעוואָרפן זייער פּור אויף גאָטס באַראָט און געלאָזט זיך לויפן צופוס. טייל זיינען אַראָפּ פון וועג און אַריין אין די וועלדער זיך אויסצובאַהאַלטן דאָרטן. עלטערן האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער, פרויען זייערע מאַנען. מען האָט ניט געוואוסט, וואוהין מען לויפט, וואו מען וועט אָנשפּאַרן, און מען האָט ניט געקלערט וועגן דעם אויך, אַבי ראַטעווען זיך פון די רוצחים, אַבי אָפּטרייסלען פון די פיס דעם שטויב פון דער פאַרשאָלטענער ערד, וואָס טרינקט מיט אַזאַ דאָרשט דאָס בלוט פון יידישע קינדער. בעהמען, מערן, דייטשלאַנד זיינען פאַרפילט געוואָרן פון די אַנטלאָפענע יידן; אומעטום האָט מען זיי זייער גאַסטפריינדלעך צוגענומען; איבערהויפּט אין דעם ווייטן האָלאַנד.

פון זאַסלאַוו אין וואָלין איז אויך אַזוי אַנטלאָפן אַ יונגערמאַן מיט ווייב און קינד. אַלצדינג איבערגעלאָזט; אַפילו די הייליקע ספרים ניט געקענט מיטנעמען; נאָר אַ קלומעקל טראָגט ער אויף די פּלייצעס. טאָמער שטעלט ער זיך אָפּ אין אַ קהילה און מען פרעגט אים: פונוואַנען איז אַ ייד? נעמט ער איבערעבענען: שטאַמען שטאַמט זייער משפחה פון דייטשלאַנד, אַ סימן — זיין צונאָמען איז האַנאָווער, און דעריבער רופט מען אים טאַקע „אשכנזי”; נאָר זיין פאָטער איז שוין געזעסן אויף אוקראַינע. דערביי פאַרציט זיך זיין אויג מיט אַ טרער. איז מען אים מכבד מיט אַ פיינער עליה, ווי עס שטייט אָן אַן אורח אַ למדן, הייסט ער זיך אויפרופן: „ר׳ נתן בן הקדוש משה”. מען פאַרשטייט די טרער; און עס איז ניט שווער זיך אָנצושטויסן, וואו זיין פאָטער איז דאָס געוואָרן אַ קדוש.

דערשראָקענע קוקן אים אין די אויגן, וואו די שרעק איז פאַרגליווערט געוואָרן, און האָבן מורא צו פרעגן. אַנדערע פרעגן יאָ מיט אַ זיפץ פון טיפסטן האַרצן — כמעלס כוואַליע קייקלט זיך, און וואָס עס האָט אַנומלט געטראָפן זאַסלאַוו און אָסטראָ, קען מאָרגן חלילה טרעפן לעמבערג און לובלין.

דער אורח דערציילט. ער גיט איבער וועגן אַלצדינג אָן ליידנשאַפט, כמעט ווי אָן צאָרן. כמעל, דער רשע, איז דאָך ניט

מער ווי אַ געצייג אין גאָטס האַנט. דוד המלך עליו־השלום האָט שוין געזען בנבואה, אַז די רוסן (יונים) מיט די טאָטערן (קדרים) וועלן מאַכן יד־אחת צו פאַרטילינן אונז יידן; דאָס ווייזן פאַרשייד־ דענע „גמטריאות". בלינד דאַרף מען דאָך זיין, מען זאָל ניט פאַר־ שטיין, וואָס עס מיינט דער פסוק „טבעתי ביון מצולה" (איך בין געזונקען אין טיפן זומפּ) אין תהלים קאַפּיטל ס"ט. ווען מען רעכנט צונויף די אותיות פון די דריי ווערטער, קומט אַרויס 730; און דיזעלביקע 730 האָבן מיר פון 3 ווערטער: "חמיל וקידר ביון יהדיו חברו" (כמעל און דער טאָטער מיטן רום האָבן געמאַכט יד־ אחת). נאָך אַזעלכע פּירושע פסוקים זיינען פאַראַן; און צי איז כמעלם נאָמען אַליין ניט אַן אָנצוהערעניש אויף משיחס צייטן? אַ מלומד־קינד אין קבלה מוז דאָך דערקענען, אַז די ראשי־תיבות פון חמיל (אַזוי שרייבט מען דעם נאָמען אויף העברעיש) מאַכן: חבלי משיח יביא לעולם — די געבורט־ווייענישן פון משיחן וועט ער ברענגען אויף דער וועלט.

יאָ, דער אַנטרונענער איז געווען אריינגעטאָן אין קבלה, און אין זיין קלומערקל זיינען מסתמא געלעגן באַהאַלטענע כתבים, וואָס ער האָט אַרויסגעראַטעוועט פון דעם אַלגעמיינעם חורבן. ער האָט ניט געוואָלט בלייבן אין די סלאַווישע לענדער; אַזאַ שיינע קהילה ווי פּראָג איז פאַר אים אויך ניט געווען קיין אָרט. אים האָט גע־ צויגן קיין איטאַליע, צו דער מעכטיקער האַנדלס־שטאָט ווענעציע. דאָרטן האָבן יידן ניט נאָר געהאַנדלט. דאָ זיינען געזעסן גרויסע מקובלים; דאָ זיינען געווען יידישע דרוקן; דאָ האָט מען געקענט האָבן אַ האָפענונג צו דערזען עפּעס אייגנס געדרוקט.

ר' נתן־נטע איז בשלום געקומען קיין ווענעציע. ער האָט דאָ געפונען די סביבה, נאָך וועלכער ער האָט געבענקט; ער האָט אַפילו אָפּגעדרוקט עטלעכע ספרים, וואָס האָבן אויסגענומען. נאָר קיין רו האָט ער דאָ אויך ניט געהאַט. באַלד האָט ער זיך אַרי־ בערגעקליבן אין אַ צווייטער איטאַליעניש שטאָט, ליוואָרנאָ, פון דאָרטן צוריק קיין ווענעציע. שפּעטער האָט אים דאָס מזל פאַר־ טראָגן קיין מאָלדאַוויע, און ער איז געווען רב אין יאַסי און פּאָק־ שאַן. דאָ איז ער אויך ניט איינגעזעסן; די איבערלעבונגען פון זיין

יוגנט האָבן אים קענטיק געמאַכט פאַר אַ נע=ונדניק אויפן גאַנצן לעבן. אַוועק צוריק קיין איטאַליע, אומגעבלאָנקעט דאָרטן, דער=נאָך האָט ער זיך באַזעצט אין אונגאַריש=בראָד (אין מערן; היינט איז דאָס טשעכאָסלאָוואַקיע). ער איז דאָ געווען מגיד. דאָס האָט אים געגעבן חיונה; און גייסטיק האָט ער געלעבט דערמיט, וואָס ער האָט ווייטער געפאָרשט די סודות פון קבלה.

ס'וואָלט אים אפשר געווען ניט שלעכט, ווען ניט די אומ=רוּיִקע לאַגע אין מערן. עס זיינען דאָרטן כסדר געגאַנגען מלחמות. די טערקן האָבן געשטורעמט אויף די גרענעצן פון לאַנד, אונגאַ=רישע פאַרטייען האָבן געפירט צווישן זיך בלוטיקע מחלוקתן. זומער 1683 איז אויף אונגאַריש=בראָד אויך געקומען די אָנשיקע=ניש. אַ מחנה אונגאַרישע קרינסלייט צוזאַמען מיט טערקן האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטאָט און גענומען קוילענען אויף רעכטס און אויף לינקס, ניט צו מאַכן קיין אונטערשייד צווישן יונג און אַלט. אַ סך חשובע מענטשן פון דער קהילה זיינען אומגעקומען, און צווישן זיי אויך נתן=נטע בן הקדוש משה האַנאָווער.

צי שפּיגלט זיך ניט אָפּ אין זיין טראַגישן גורל די גאַנצע וואַנדערגעשיכטע פון דעם אייביקן ייד? געשטאַמט פון דייטשלאַנד, פאַרוואָגלט געוואָרן קיין אוקראַיִנע, מיט נסים ניצול געוואָרן פון כמעלם רוציחער=באַנדעס און געבלאָנקעט אַ גאַנץ לעבן איבער דער לענג און ברייט פון אייראָפּע, כדי אויף דער עלטער צו שטאַרבן מיט אַ געוואַלד=טויט ערגעץ=וואו אין אַ קהילה אין מערן! אומגע=קומען פון אַ ווילדער האַק און זיך ניט דערוואַרט אויף משיחן...

צוויי ספרים האַנאָווערס האָבן פאַר אונז נאָך ביז היינטיקן טאָג אַ גרויסן ווערט. איינס איז זיין חיבור „שפה ברורה", אַ ווערטערבוך פון העברעיִש, יידיש, לאַטיין און איטאַליעניש, וואו מיר געפינען אַ סך מאַטעריאַל וועגן דער יידישער שפּראַך אין יע=נער צייט. און דאָס צווייטע ווערק איז די היסטאָרישע כראָניק „יון מצולה" (דער זומפּ פון טיפעניש), געדרוקט דעם ערשטן מאָל אין ווענעציע אין 1653, דערנאָך אַ סך מאָל אַרויסגעגעבן גע=

וואָרן אין העברעיִש, יידיש [1]), פראַנצויזיש, דייטש, רוסיש, פויליש. דאָס איז אַ באַשרייבונג פון די יידישע לײַדן אין דער צייט פון כמעלניצקים אויפשטאַנד.

האַנאָווער שילט ניט און יאָמערט ניט; ער דערציילט. ער איז זיך רויִק; אפשר צוליב זיין גרויסן בטחון אין גאָט. איבער־הויפּט רעדט ער וועגן יידן, וועגן יידישע קהילות; נאָר ער פאַר־געסט אויך ניט דעם אַלגעמיינעם צוזאַמענהאַנג פון די געשעענישן. ער הייבט אָן פון די פריערדיקע קאָזאַקישע בונטן; ער שילדערט כמעלניצקים פּערזענלעכקייט. דאָס וואָס ער שרייבט איז כמעט אַלעמאָל ריכטיק, און די שפּעטערדיקע היסטאָריקער האָבן זיך אַלע סומך געווען אויף אים.

פאַרשטייט זיך, לויטן היינטיקן פאַרשטאַנד קומט האַנאָווערס באַשרייבונג אויס אומבאַהאָלפן. ער איז געווען אַ זון פון זיין דור, און דאָס איז געווען אַ דור, ווען קיין צייטונגען זיינען ניט געווען, ווען פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע זיינען געווען נאָך אַ סך מער פאַר־הוילן פון דעם ברייטן עולם, ווי היינט. שפּעטער זיינען אויפגע־דעקט געוואָרן אַ סך נייע דאָקומענטן; אַ סך פאַקטן זיינען קלערער געוואָרן. מיר וועלן אין אונזער שילדערונג אויסנוצן דעם גאַנצן שפּעטערדיקן מאַטעריאַל, מיר וועלן שטעלן איינס אַנטקעגן דאָס אַנדערע די רייד פון פּוילישע, רוסישע און אוקראַיִנישע היסטאָרי־קער. נאָר אָפטמאָל וועט אונז אויסקומען צו שטיצן זיך דווקא אויף נתן־נטע האַנאָווערן, דעם יידישן היסטאָריקער, דעם עדות פון דער שרעקלעכן חורבן פון זיין פאָלק.

זכר צדיק לברכה!

ב

דאָס אַלטע פּוילן

מיט אַ יאָר דריי־דריטהאַלבן הונדערט צוריק, ווען ס'הייבט זיך אָן די טראַגעדיע „גזרת כמעל" אָדער „גזרת ת"ח" [2]), האָט

1 די ערשטע יידישע אויסגאַבע אין אַמסטערדאַם 1686.

2 ת"ח מאַכט 408, דאָס הייסט לויט דער אייראָפּעאישער צייטרעכענונג 1648.

אייראָפּע געהאַט ניט אַזאַ פּנים ווי איצטער. די גרענעצן פון די מלוכות זיינען געגאַנגען אַנדערש; די איינאָרדענונג פון די מלוכות גופא איז געווען אַן אַנדערע. אויב מיר ווילן פאַרשטיין, וואָס עס איז פאָרגעקומען, דאַרפן מיר זיך פריער קלאָר מאַכן, ווי אַזוי האָט אויסגעזען מזרח־אייראָפּע ביזן חורבן. לאָמיר גיין כסדר פון מזרח אויף מערב.

רוסלאַנד איז נאָך יעמאָלט געווען אַ סך קלענער און אַ סך שוואַכער, ווי היינט. ס׳איז נאָך איינגנטלעך נאָר ניט געווען רוס־לאַנד; ס׳האָט זיך גערופן מאָסקאָוויע, מאָסקעוויטערלאַנד. קיעוו, מאָהילעוו, סמאָלענסק, וויטעבסק, דענעבורג האָבן באַלאַנגט צו פּוילן. דער האַלבאינזל קרים איז געווען אין די הענט פון טאָטערשן כאַן, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף טערקיי.

פּוילן איז געווען זייער אַ גרויסע מדינה, וואָס האָט זיך געצויגן שיר ניט פון בערלין ביז הינטער סמאָלענסק, פון קורלאַנד ביים באַלטישן ים שיר ביזן שוואַרצן ים. אָבער דאָס לאַנד איז געווען נאָר גרוים; שטאַרק איז עס ניט געווען, וואָרעם אינעווייניקסטע רייסעונישן האָבן כסדר צעטרייסלט זיינע איננגעווייד.

די פּוילישע מלוכה איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: די קרוין (פּוילן גופא) און דאָס פירשטנטום (ליטע). צו ליטע האָט אויך באַלאַנגט ווייסרוסלאַנד, פּאָלעסיע, וואָלין, פּאָדאָליע, קיעווער געגנד. אַ לאַנגע צייט זיינען פּוילן און ליטע געווען פאַר־איייניקט נאָר דורך די הערשער, דאָס הייסט דער קיניג פון פּוילן איז גלייכצייטיק געווען דער גרויספירשט פון ליטע; ווייטער איז יעדערער געווען פאַר זיך. פּאָליאַקן האָבן געוואָלט וואָס פעסטער צובינדן ליטע צו זיך; די ליטווינער האָבן זיך געראַנגלט, כאָטש אויף זיי איז אויך געהאַנגען די סכנה, אַז מאָסקווע זאָל זיי ניט איינשלינגען. אַזוי האָט זיך געצויגן דער שטרייט אַ היפּשע צייט, ביזן מיטן 16טן יאָרהונדערט (ביז אַ יאָר אַכציק פאַר כמעלניצקין), ווען דער מאָסקווער צאַר האָט געהאַלטן ביי איינעמען גאַנץ ליטע. די ליטווישע פּריצימשאַפט האָט זיך געווענדט צו פּוילן נאָך הילף, און פּוילן האָט זי געראַטעוועט. נאָר דאָס האָט געגעבן דער „קרוין“ אַ געלעגנהייט צו פאָדערן מיט מער כוח אַן ענגערע פאַר־

בינדונג פון ביידער לענדער, און אין 1569, אויפן סיים אין לובּ־לין, האָט זיך איינגעגעבן דורכצופירן די פאַראייניקונג, אָדער, ווי מען האָט עס גערופן, די „אוניע". ביידע לענדער זיינען פאַרבונדן געוואָרן אויף אייביקע צייטן. דערביי איז באַשטימט געוואָרן (די ליטווישע מאַגנאַטן האָבן „פריווילעגיע" געמוזט דערויף איינגיין), אַז דער גאַנצער דרומדיקער טייל פון דער ליטוויש־רייסישער מלוכה (וואָלין, פּאָדאָליע, קיעווער געגנט און פּאָלעסיע) גייט סתּם אַריבער צו דער „קרוין", דאָס הייסט, זיי ווערן אַ טייל פון פוילן. ליטע־רייסן איז געוואָרן קלענער אויף אַ העלפט.

אָט דאָ, אין דער פּאָליטישער פאַראייניקונג פון דעם גרעסטן טייל רייסן מיט פוילן, האָבן מיר איינעם פון די שליסלען צו כמעלניצקים אויפשטאַנד.

נאָך דער פּאָליטישער דערנעענטערונג האָט פוילן גענומען שטרעבן אָפּשאַפן ווי ווייט מעגלעך די רעליגיעזע אונטערשיידן אויך. די פּאָליאַקן זיינען געווען, פּונקט ווי היינט, קאַטויליקן; דער גרעסטער טייל אייגנוואוינער פון רייסן זיינען געווען, פּונקט ווי היינט, פּראַוואָסלאַוונע. האָבן די אָנפירער פון פוילן, איבערהויפּט די גלחים, געוואָלט מאַכן אַלע איינוואוינער פון זייער מלוכה פאַר קאַטויליקן; און אויב ניט אינגאַנצן, טאָ זאָלן כאָטש אַלע אָנער־קענען די אייבערהערשאַפט פון רוימישן פויפּסט. אַ סך העכערע פּראַוואָסלאַוונע גייסטלעכע האָבן אָנגענומען די פאָרשלאָגן, און אין אַ פּאָר צענדליק יאָר נאָכן לובלינער סיים איז טאַקע עפנטלעך אויסגערופן געוואָרן אין בריסק די קלויסטערשע אוניע. אָבער איינגעגאַנגען דערויף זיינען נאָר די שפּיצן, די „פאַרנעמען" פון דער פּראַוואָסלאַוונער קירך; דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט הערן פון דער רעפאָרם. די אָנהענגער און די קעגנער פון דער אוניע האָבן איינע די אַנדערע פאַרשאָלטן און אַריינגעלייגט אין חרם. נאָר די אָנהענגער פון דער אוניע זיינען געגאַנגען צוזאַמען מיט די קאַטויליקן; זיי האָבן געהאַט די מאַכט. אין אַ סך שטעט האָט מען פאַרווערט דעם פּראַוואָסלאַוונעם גאָטס־דינסט; מען האָט צוגענומען ביי די פּראַוואָסלאַוונע ווייערע קלויסטערם און מאָנאַ־סטירן.

קיין ענדגילטיקן ערפאָלג האָט די קלויסטערשע אוניע ניט געהאַט, נאָר זי האָט פונדעסטוועגן געשפּילט אַ גרויסע פּאָליטישע ראָלע. דער „אוניאַט" איז געווען אַ פּריווילעגירטער, ער האָט זיך שוין גענומען שניידן אויף אַ פּריץ; גענומען פון אַ ווייסרוס און אַ ליטווינער ווערן אַ פּאָליאַק. דער פּראַוואָסלאַווער גלויבן איז געבליבן אַ „פּויערשער" גלויבן 1). אָט די צעשפּאַלטונג האָט אויך אַריינגעטראָגן אַ גרויסע פאַרביטערונג און פאַרגרעסערט די שנאה, וועלכע האָט שפּעטער אַרויס=געשפּרודלט אין די קאָזאַקישע מלחמות.

פּוילן האָט געהאַט אַ קיניג, אָבער קיין דינאַסטיע, קיין קיניגלעכע משפּחה, איז ניט געווען. די קיניגלעכע מאַכט פלעגט ניט אַריבערגיין בירושה, נאָר נאָכן טויט פון יעדן קיניג פלעגט זיך אויפקומען אַ בשותּפותדיקער פּויליש=ליטווישער סיים און קלייבן אַ נייעם מאָנאַרך. טעאָרעטיש איז דאָס בעסער ווי אַ בירושהדיקע מאָנאַרכיע, וואָרעם מען מיידט אויס די סכּנה, אַז דער טראָן זאָל אַריבערגיין בירושה צו עפּעס אַן אומפּעיִקן גאָרנישט; מען באַוואָרנט די מיגלעכקייט אויסצוקלייבן אַלעמאָל דעם בעסטן, דעם פּאַסיקסטן. אָבער פּראַקטיש איז געווען אַנדערש. ניט דער קיניג ביי זיין לעבן, ניט דער כיים ביים לעבן פון קיניג האָבן ניט געטאָרט אָנמערקן קיין קאַנדידאַט. דורך דעם האָט געדאַרפט פאַרזיכערט ווערן די פולקומע פרייהייט ביי די נייע וואַלן. דער רעזולטאַט איז אָבער געווען, אַז אין דעם „בין=הזמנים" פלעגט זיין אַ מלחמה, אַן אומאָרדענונג, אַ מישמאַש.

אויף די קלייב=סיימען פלעגן אַגב קומען ניט פאָרשטייער פון גאַנצן פאָלק, נאָר בלויז פון די אַדללייט (שליאַכטע). נאָך איידער עס איז געוואָרן אַ מנהג צו קלייבן דעם קיניג זיינען שוין די שליאַכציצן געווען גרויסע דעה=זאָגער אין לאַנד; איצטער זיינען זיי געוואָרן די גאַנצע באַלעבאַטים. דער קיניג האָט געהאַט נאָר אַ קנאַפּע וואָג. אַפילו זיין פּריוואַט לעבן איז געשטאַנען אונטער השגחה, און נאָט זאָל אויסהיטן, אַז אַ קיניג האָט געוואָלט מאַכן אַ רייזע אין אויסלאַנד אָן דער איינשטימונג פון סיים.

---

1 „כלאָפּסקאַ וויאַראַ".

איידער מען פלעגט אויסקלייבן אַ קיניג, פלעגט מען אים נייטן אונ־טערצושרייבן פאַרפליכטונגען, וואָס באַגרענעצן זיין מאַכט. עס זיינען אָבער ניט געווען קיין קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס, ווי אין היינטיקע מלוכות, נאָר מערניט פּריווילעגיעס פאַר די אַדללייט, זיי זאָלן קענען הערשן איבער די אַנדערע קלאַסן פון דער באַ־פעלקערונג. די איינציקע, וואָס זיינען נאָך געבליבן ביי זייערע רעכט, זיינען געווען די קאַטוילישע גייסטלעכע (אָבער נאָר אַן אַדל־מאַן האָט געקענט ווערן אַ גייסטלעכער!) און עטלעכע שטעט, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן זייערע אַלטע פרייהייטן. ווייטער זיינען אַלע, איבערהויפט דער פּויערשער קלאַס, געווען איבערגעגעבן צו דער שליאַכטע אין די הענט.

די שליאַכטע האָט דעם קיניג אויך אויפגעהערט פאָלגן. זי פלעגט זיך באַהאַלטן אונטער זיינע פליגל, באַפּוצן זיך מיט זיין נאָמען, אויב דאָס האָט געלוינט; נאָר אַזוי האָט זי געבאַלעבאַטע־וועט איבער אים, ניט ער איבער איר. די שליאַכטע מיט איר „גאָל־דענער פרייהייט" האָט לויטן געזעץ געמעגט אַפילו אַרויסטרעטן קעגן דעם קיניג מיט געווער אין די הענט און שליסן קעגן אים בונדן („קאָנפעדעראַציעס"), אויב דער קיניג האָט געמינערט כאָטש אַ האָר פון אירע רעכט.

שפּעטער, שוין אין כמעלניצקים צייט, האָט זיך די שליאַכ־טע אויסגעקעמפט נאָך אַ רעכט, וואָס איז געוואָרן איינע פון די אורזאַכן פון פוילנס אונטערגאַנג: דאָס וועטאָ־רעכט. די באַשלוסן פון סיים האָבן געקענט אָנגענומען ווערן נאָר אויב אַלע האָבן איינ־געשטימט. ס'איז נענוג געווען, איינער פון די בייזייענדיקע אַדללייט זאָל אַ געשריי טאָן: „ניע פּאָזוואַלאַם!" (איך דערלאָז ניט), איז שוין דורכגעפאַלן די רעזאָלוציע. ממילא איז אויסגעקומען, אַז עס איז גענוג, איין דעפּוטאַט זאָל זיך איינשפּאַרן (צי מיט אַ גוטער כוונה, צי אונטערגעקויפט פון עמעצן), איז שוין אוממיגלעך געווען דורכצופירן וועלכן עס איז באַשלוס.

פוילן איז אַלזאָ גיכער געווען אַ רעפּובליק, ווי אַ מאָנאַרכיע, און דער פוילישער נאָמען אירער „זשעטשפּאָספּאָליטאַ" איז טאַקע דער טייטש רעפּובליק. אָבער אַזוי ווי נאָר די אַדללייט האָבן דאָ

געהאַט אַ דעה און די אונטערשטע קלאַסן קיין בּרעקל ניט, מוז מען אָנרופן דאָס אַלטע פּוילן: אַן אַריסטאָקראַטישע, אַ שליאַכטישע רעפּובּליק.

אַדללייט זיינען געווען אין לאַנד זייער פיל. אַ סך האָבּן קיין ערד ניט געהאַט, געזעסן „אויף לאַסקאַווע בּרויט" בּיי די רייכע, און פּאַרט זיינען זיי געווען גלייכע יחסנים מיט די מאַגנאַטן. ווייל די גדולה פון דעם שליאַכציץ איז בּאַשטאַנען ניט אין זיין פאַרמעגן, נאָר אין זיין יחוס. אַ צווייפל אין זיין יחוס האָט אים געפּטרט. טאָמער האָט עמיצער אַרויסגעזאָגט אַ חשד וועגן דעם אָפּשטאַם, האָט דער שליאַכציץ געמוזט בּרענגען זעקס עדות: צוויי פאַר זיין טאַטן, צוויי פאַר זיין טאַטנס מאַמען און צוויי פאַר זיין אייגענער מאַמען, אַז זיי זיינען אַלע געווען עכטע, ניט קיין געפעלשטע מיוחסים. אַזוינע אויספאָרשונגען וועגן דער עכטקייט פון יחוס זיינען פריער געווען אָפּט; צום אָנהייב 16טן יאָרהונדערט האָבּן זיי שוין אויפגעהערט, ווייל אַלע שליאַכטישע געזינדן זיינען שוין געווען פאַררעגיסטרירט אין די אָפיציעלע בּיכער.

געווען אָבּער פאַלן, ווען אַ כשרער שליאַכציץ האָט געקענט פאַרלירן זיין אַדל לויטן פּסק פון געריכט. פּסלען פלעגט מען אָדער פאַר פאַרבּרעכנס, אָדער פאַר בּאַגיין אַזוינס, וואָס עס שטייט ניט אָן אַן אַדלמאַן; אַזוי אַ שטייגער פלעגט אויף געווים אויסגעשלאָסן ווערן פון דער שליאַכטע אַ פּאָטער, וואָס מאַכט חתונה זיין טאָכטער פאַר אַ געמיינעם מענטשן. אויך האַנדל איז געווען טרייף. אַ שליאַכציץ, וואָס האָט זיך אַריינגעלאָזן אין געשעפטן, איז געווען אין סכנה צו ווערן אויס שליאַכציץ. דערפון ווערט שוין קלאָר, פאַרוואָס ייִדן האָבּן געמוזט שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם עקאָנאָמישן לעבּן פון לאַנד.

די שליאַכטע איז געווען אין פּוילן אַלץ. זי איז געווען פאַרטראָטן אין סיים. זי האָט געקליבּן דעם קיניג, און געזעצלעך האָט יעדער שליאַכציץ געמעגט פאַרנעמען דעם קיניגלעכן טראָן. בּיים אויסאַרבּעטן די געזעצן האָבּן די אַדללייט קיינמאָל אָן זיך ניט פאַרגעסן. אויף די העכערע פּאָסטנס אין לאַנד, אין דער אַדמיניסטראַציע ווי אין דער גייסטלעכקייט, האָבּן זיי געהאַט די חזקה.

אַדללייט זיינען געווען כמעט ווי פריי פון מלוכה=שטייערן. נאָר אַ שליאַכציץ האָט געקענט זיין אַן אייגנטימער פון אַ מאַיאָנטעק מיט זיינע פויערים; אַ שטאָט=מענטש (מעשטשאַנין) האָט געמעגט האַלטן ערד נאָר אין די גרענעצן פון שטאָט. בלויז די אַדללייט האָבן גע=האַט אַ רעכט צו עפענען מילן און קוזניעס, צו עפענען ווייַנהייזער (גאָראַלניעס) און שענקען. דעם „יאַסנאָוועלמאָזשנעם פּאַן" איז אָבער ניט אָנגעשטאַנען חלילה צו פירן אַליין די אַלע „שמוציקע" גע=שעפטן; האָט ער ווידער אַמאָל געדאַרפט אָנקומען צום ייד, יעדער פּריץ האָט זיך געמוזט האָבן זיין „זשידעק".

ג.

פּריצים און פויערים

דעם אַדל=שטאַנד איז, הייסט עס, געווען וואויל ווי די וועלט אין פּוילן; נאָר דעם פויער איז געווען פינסטער און ביטער. דעם אַדלמאַנס „גאָלדענע פרייהייט" איז געווען פאַר אים אַן אמתע שקלאַפעריי.

אין 14טן, אין 15טן יאָרהונדערט איז נאָך געווען צו דער=ליידן. אַמאָל פלעגן זיך די קיניגן אָננעמען די פויערימס קריוודע; קאַזימיר דער גרויסער האָט אַפילו באַקומען דעם צונאָמען: „דער פויערשער קיניג". נאָר וואָס ווייטער ווערט די שליאַכטע אַלץ מעכטיקער; דער קיניג האָט שוין קיין העזה ניט צו קעמפן קעגן איר, און אַגב בייטן זיך שטאַרק די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן.

ביזן 15טן יאָרהונדערט האָט די שליאַכטע געהאַט איין לרעה פון די פויערים.

אויפגאַבע: פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד. אין פאַל פון אַ מלחמה, ווען דער קיניג פלעגט רופן, האָבן אַלע ווי איין מאַן געמוזט שטעלן זיך צום מיליטער. נאָר צום סוף פון 15טן יאָרהונדערט האָט זיך גענומען צו=ביסלעך אַרויסווייזן, אַז אַזאַ מין אַלגעמיינער חייל טויג ניט, ווייל ער איז ניט ווי געהעריק צוגעגרייט און אויס=געלערנט. מען האָט באַדאַרפט האָבן אַ געניטע אַרמיי. גאַנץ איי=ראָפּע האָט שוין געהאַט אַרמייען פון געדונגענע זעלנער, וואָס האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט זייער פאַך; און פּוילן

האָט דאָס פאַמעלעך אויך גענומען איינפירן. אין אַזאַ מין מתנה זעלנער האָט מען צוגענומען אַדללייט און געמיינע מענטשן, אַפילו ניט קיין פאָליאַקן אויך. די מיליטערישע אַרבעט האָט שוין ביים דורכשניטלעכן שליאַכציק ניט פאַרנומען איצטער אַזאַ אָרט; זיין אַרבעטסקראַפט איז איצטער פריי געוואָרן פאַר אַנדערע זאַכן. אַ סך שליאַכציצן האָבן זיך איצטער גענומען באַזעצן פעסטער אין דאָרף און אַריינציען זיך אין באַלעבאַטישקייט. דאָס איז טאַקע איצטער געוואָרן אַ בעסער געשעפט אויך, וואָרעם פוילן האָט גראָד באַקומען אַ צוטריט צום באַלטישן ים: דאַנציג האָט זיך אונטערגעגעבן אונטער דער פוילישער הערשאַפט, און עס איז געוואָרן אַ מיגלעכקייט אַרויסצופירן מאַסנווייז תבואה קיין אויסלאַנד. די פרייזן אויף תבואה זיינען געשטיגן; האָט שוין ממילא די לאַנדווירטשאַפט מער צוגעצויגן צו זיך. אַגב האָבן נאָך די פריצים אין סיים דורכגעפירט, אַז זיי מעגן אַרויספירן תבואה קיין אויסלאַנד אָן אַ גרענעץ־אָפצאָל. גלייכצייטיק האָבן זיי זיך געמאַכט אַ רעכט אַריינצופירן פון אויסלאַנד אָן אָפצאָל אַלצדינג וואָס זיי האָבן באַדאַרפט.

די פריצים אין די הויפן האָבן זיך מיט היץ גענומען צו דער אַרבעט. דאָס הייסט: האָרעווען האָבן געהאָרעוועט די פויערים; די פריצים האָבן אַכטונג געגעבן און איינגעקאַסירט די פראָדוקטן. זייער פרינציפ איז געווען פראָסט־פשוט: קאָסטן זאָל די פראָדוקציע וואָס וויינִיקער, לייזן זאָל מען וואָס מער. דערצו איז נייטיק געווען פריער פאַר אַלץ: באַוואָרענען זיך מיט וואָלוועלע אַרבעטער. ביז יעמאָלט איז דער פויער געווען פריי, ער האָט געמעגט אַוועקגיין פון דעם פריץ, מיט וועלכן ער האָט זיך ניט געקענט איינלעבן. איצטער ווערט אַ סוף צו דער פרייקייט.

צום אָנהייב ווערט דאָס אַוועקגיין באַגרענעצט. מען מאַכט אַ געזעץ, אַז ווער עס איז אָפ צען יאָר אויף אַ פריצם הויף, ווערט צוגעשמידט צו דער ערד; ער ווערט אַ לייבקנעכט. דורכפירן אַזאַ און ענלעכע געזעצן אין סיים איז קיין קונץ ניט געווען: דאָרטן זיינען דאָך געזעסן סאַמע שליאַכציצן. פאַר אַנטלויפן פון פריצם הויף ווערן באַשטימט האַרבע שטראָפן. גלייכצייטיק שניידט מען ביים פויער איין רעכט נאָכן

צווייטן. עס ווערט באַשטימט, אַז דער פויער מעג אָנקלאָגן דעם פריץ אין געריכט נאָר אין דעם פריצס בייזיין: איז גענוג, אַז דער פריץ זאָל ניט קומען צו גיין, וויל שוין דער ריכטער דעם פויער ניט אויסהערן. אין אַ ווײַלע אַרום גייט דורך אַ געזעץ, אַז אַ פויער טאָר אינגאַנצן ניט אָנגעבן אויפן פריץ אין געריכט.

די גאַנצע ערד איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר דעם פריצס אייגנס, און דער פויער האָט באַדאַרפט גוט צאָלן פאַר דעם שטיקל קרקע, וואָס מען האָט אים געגעבן צו באַאַרבעטן. חוץ דעם האָבן נאָך די פויערים באַדאַרפט האַלטן אין אָרדענונג די בריקן, די וועגן, געדאַרפט ברענגען אין פריצישן הויף אַריין ברויט, עופות, יאַגדעס, שוועמלעך. און צו די אַלע זאַכן האָט נאָך דער פויער געמוזט גיין אַרבעטן אויף דעם פ אַ נ ס ערד, אַזוי פיל, טעג וויפיל דער פאַן (פריץ) האָט געהייסן (דערפון נעמט זיך דער אויסדרוק פ אַ נ ש ט ש י נ ע). גראָד אין די צייטן פון זייען און פון שניט פלעגט דער פריץ אַרויספאָדערן אַלע פויערים צו זיך, ווײַל ער האָט באַדאַרפט האָבן אַרבעטסהענט, און ס׳האָט אים ניט אָנגעהויבן אַרן, וואָס אין דער זעלבער צייט ווערט דעם פויערס תבואה פאַרברענט פון דער זון אָדער פאַרפוילט אונטערן רעגן.

פאַר לויפן פון דעם פריצישן הויף האָבן געקומט זייער שווערע שטראָפן, נאָר פונדעסטוועגן איז מען געלאָפן. געריסן האָט מען זיך אין יענע טיילן פון לאַנד, וואו מען האָט זיך געקענט אויסבאַהאַלטן און וואו ערד איז נאָך געווען פיל — אין די דרום=מזרחדיקע פראָווינצן פון דער פוילישער מדינה, וואָס האָבן באַקומען דעם נאָמען א ו ק ר אַ י נ ע (גרענעץ=געגנד). דאָ האָט מען קיינעם ניט געפרעגט, פון וואַנען ער קומט. נעענטער צו פוילן, אין וואָלין, האָט מען געקענט קריגן פעלד=אַרבעט ביי די אָרטיקע מאַגנאַטן, און טאָמער האָט מען געוואָלט אַוועקגיין נאָך ווייטער אויף מזרח, אויף יענער זייט דניעפּער, האָבן זיך דאָרטן געצויגן די פרייע סטעפּעס. דאָ איז די באַפעלקערונג געווען גאָר שיטער, קיין שום אַדמיניסטראַציע איז ניט געווען, און יעדערער האָט זיך געמעגט נעמען אַזוי פיל ערד, וויפיל ער וויל.

אין וואָלין, אין פאָדאָליע זיינען אויך געווען פוילישע מאַגנאַטן,

וועמען דער קיניג האָט געהאַט אַוועקגעגעבן גוואַלדיקע שטיקער
פון דער דאָרטיקער פרוכפּערדיקער ערד. אָבער דאָ זיינען די
באַציִונגען צווישן פּריץ און פּויער געווען צו דערליידן — ביז
וואַנען עס איז געקומען די לובלינער אוניע, וואָס האָט
פעסטער צענויפגעבונדן אָט די אוקראַיִנישע (אַמאָל רופט מען זיי
„קליינרוסישע" און אַמאָל „רייסישע") געגנדן מיט פּוילן און
אַריבערגעטראָגן אַהער פּוילישע געזעצן און מנהגים.

אין וואַרשע האָט מען גענומען קוקן אויף אוקראַיִנע ווי
אויף איינגן פאַרמעגן, און דער קיניג מיטן סיים האָבן ניט געקענט
דערלאָזן, אַז געוואַלדיקע שטרעקעס ערד זאָלן ליגן פּוסט און פּאַס,
אָדער אַז דאָרטן זאָלן אַרבעטן פרייע מענטשן, וואָס מאַכן זיך ניט
וויסנדיק פון דער פּוילישער ווירטשאַפטלעך-פּאָליטישער אָרדענונג.
האָט מען גענומען טיילן מיט אַ ברייטער האַנט ערד ביים דניעפּער
און הינטערן דניעפּער, צו יענע פּריצים, וואָס האָבן שוין פאַרמאָגט
גרויסע מאַיאָנטקעס אין וואָלין און פּאָדאָליע. די ערשטע צייט האָט
זיך נאָך קיין זאַך ניט געביטן, מען האָט די ביז-איצטיקע ערד-
האַלטער ניט אַרויסגעטריבן, מען האָט געמיינט פּאַמעלעכקע „אַריינ-
צונעמען זיי אין די הענט". דערווייַלע האָט מען אָנגעהויבן בויען
פּריצישע הויפן און שלעסער אין סטעפּ. די פּריצים האָבן גערופן
צו זיך וואָס מער מענטשן, צוזאָגנדיק זיי גליקן און פרייהייטן אויף
צענדליקער יאָרן; נאָך די צענדליקער יאָרן האָבן געזאָלט נעמען
גילטן די אַלגעמיין-פּוילישע געזעצן. פּוילישע פּויערים האָבן
געקענט קומען ניט איבעריקס פיל, ווייל זיי זיינען שוין געווען צו-
געשמידט צו דער ערד און האָבן זיך ניט געקענט אַ ריר טאָן;
נאָר פון ווייסרוסלאַנד און פון וואָלין איז מען געקומען מאַסנווייז.

גלייכצייטיק מיט דער קליינער צאָל פּוילישע פּריצים, וואָס
האָבן באַקומען ערד, האָט די לובלינער אוניע געעפנט טיר און
טויער קיין אוקראַיִנע פאַר גרויסע מאַסן געמיינערע פּוילישע מענטשן.
פּויערים האָבן ניט געקענט קומען; נאָר מיר האָבן פריער געזען,
אַז אין פּוילן זיינען געווען זייער פיל שליאַכציצן, וואָס האָבן קיין
ערד ניט געהאַט. געזעצלעך האָבן זיי געהאַט די פולע מיגלעכקייט
צו ווערן מיט די מאַגנאַטן גלייך, נאָר איינס האָט זיי געפעלט —

פּאַרמעגן. איצטער האָט זיך אַן עפּן געטאָן פאַר זיי אוקראַינע, דאָס לאַנד פון מילך און האָניק. דאָ האָבן זיי געקענט דערהויבן ווערן. אינדערהיים איז געווען ענג, קיין פרייַ שטיקל ערד איז ניט געווען אויף אַ רפואה; דאָ איז געווען גערוים, ערד אָן אַ שיעור, און דערצו אַ רעגירונג, וואָס האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן געשטיצט די פּוילישע קאָלאָניסטן. דער שליאַכציק, וואָס איז געקומען אָרעם און נאַקעט, האָט זיך פון אָנהייב איינגעאָרדנט מעשה פּשוטער ערד־אַרבעטער; אָבער ווי נאָר ער האָט זיך אַ ביסל אַרויפגעאַרבעט, האָט ער שוין געדונגען אַ קנעכט, און דערמיט איז ער שוין גע־שטאַנען אויפן ערשטן שטאַפּל צו ווערן אַ פּריץ.

די באַפעלקערונג פון אוקראַינע איז אין דער ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט געוואַקסן ווי אויף הייוון. אַרום די שלעסער און שלעסלעך, וואָס די שליאַכציצן האָבן אָנגעבויט, זיי־נען אויסגעוואַקסן פיל צענדליקער שטעט און ישובים.

אָבער גראָד אין דעם אויפבלי, וואָס איז געגאַנגען צו געשווינד און דעריבער געווען ניט נאָרמאַל, האָט געשטעקט דער קערן פון די שרעקלעכע אויפטרייסלונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אינגיכן אין דעם געבענטשט־פאַרשאָלטענעם לאַנד.

ד

ווער זיינען עס די קאָזאַקן

דאָס וואָרט „קאָזאַק" שטאַמט פון טאָטעריש, און באַטייטן באַטייט עס: אַ פרייער מענטש, איינער וואָס זוכט גליקן, אַן אַוואַנ־טוריסט. מיט דעם נאָמען האָט מען אויף די ברייטע פליינען הינ־טערן דניעפּער באַצייכנט יענע מענטשן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון זייערע פּריצים און באַזעצט זיך אויף זייער אייגענער ריזיקע אין סטעפּ. אַ ריזיקע איז דאָס געווען אַ גרויסע, ווייל אָפט פלעגן אָנ־פאַלן די טאָטערן, קומענדיק פון קרים, און ווער עס זאָל זיך אָנ־נעמען פאַר די דאָזיקע פאַרוואָגלטע מענטשן איז ניט געווען. טייל קאָזאַקן האָבן געפירט אַ זיציקן לעבן אין סטעפּ, טייל האָבן „גע־

קאָזאַקעוועט״, דאָס הייסט נאָכגעטאָן די מאָטערן: אויף געיאַנגען אויף רויב=אָנפאַלן, אָפטמאָל זייער ווייט, און געלעבט פון דעם, וואָס מען פלעגט צונעמען ביי יענעם.

בשעת עס זיינען אָנגעקומען די פוילישע אַדללייט, זיך ערקלערט פאַר באַלעבאַטים און גענומען צושמידן די אַלטגעזעסענע קאָזאַקן צו דער ערד, האָט דאָס ניט געקענט געפעלן ווערן די מענטשן, וואָס זיינען געווען צוגעוויינט צו פולער, אומפאַרצאַמטער פרייהייט. איז אָבער צום גליק דער סטעפ גרויס און ברייט. די שליאַכטע איז געקומען אין איין געגנט—זיינען די קאָזאַקן אַוועק ווייטער, געזוכט זיך אַזאַ מין אָרט, וואו די האַנט פון דעם פוילישן פריץ און באַאַמטן זאָל צו זיי ניט קענען גרייכן.

אַן אויסגעצייכנטן פעסטן ווינקל האָבן זיך די קאָזאַקן איינגעאָרדנט אויף די אינזלען פון דעם טייך דניעפּער. אויפן אונטערשטן דניעפּער, נידעריקער פון דעם אָרט, וואו עס ליגט היינט די שטאָט קאַטערינאָסלאַוו, ווערט דער לויף פון דעם וואַסער איבערגעשניטן פון אַ סך פעלזן און אינזלען. דורך דעם ווערט דער טייך שטורעמדיק, און וועגן פירן דאָ שיפן איז נאָר נימאָ וואָס צו ריידן. אין די אַלטע צייטן, ווען מען פלעגט פירן סחורה איבערן גאַנצן דניעפּער אויף קליינע שיפלעך, פלעגט מען צוקומענדיק צו די „שטראָם=שוועלן״ מוחל זיין אַרויסגיין און שלעפּן די שיפלעך אויפן ברעג; און ביז היינטיקן טאָג האָט מען זיך נאָך מיט די געפערלעכע פעלזן קיין עצה ניט געגעבן. אָט אַהער, אויף די אינזלען הינטער די וויסטע שטראָם=שוועלן, האָבן זיך פאַרקליבן די קאָזאַקן. די ניטצוטריטלעכקייט, וואָס איז פאַר אַנדערע געווען אַ חסרון, איז פאַר זיי געווען אַ גליק. זיי האָבן דאָ אויסגעפונען איין שמאָלן פאַס וואַסער, וואו עס איז גרינג זיך דורכצודרייען מיט אַ שיפל. דעם פאַס איז גרינג געווען צו פאַרטיידיקן; און טאָמער האָט דער שונא פאַרקערעוועט אויף רעכטס אָדער אויף לינקס, האָט ער זיך שוין געמעגט געזעגענען מיטן לעבן.

דאָ אויף די אינזלען פון אונטערשטן דניעפּער האָבן זיך די קאָזאַקן אויסגעבויט אַ שטאַרקע פעסטונג, די „זאַפּאָראָגער סיטש״ („סיטש״ הייסט פעסטונג, זאַפּאָראָגער—הינטער די שטראָם=שוועלן).

צום אָנהייב איז דאָס געווען נאָר אַ דערווייליקער מקום=מקלט, דערנאָך איז דאָס געוואָרן זייער שטענדיקער זיץ=אָרט. צום אָנהייב האָט מען זיך דאָ געפילט ווי אורחים אויף אַ ווײלע, געשלאָפן אויף דער ערד, פון רעגן געשיצט זיך איןביידלעך, וואָס מען האָט אויפגעלאַטעט פון געצווייג. דערנאָך האָט מען זיך דערשפירט פעסטער, גענומען איינאָרדענען זיך דויע רדיקער.

דאָ איז געווען גוט. דאָ האָבן זיך די קאָזאַקן אויסגעלאַבט סיי פון די פּאַנעס, סיי פון די טאָטערן. זיי האָבן זיך דאָ באַשאַפן אַ זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע. די קאָזאַקן האָבן זיך געטיילט אויף „מאות“. אין דער שפּיץ פון יעדער מאה איז געשטאַנען אַ בעל=מאה („סאָטניק“), און דעם גאַנצן חייל האָט אָנגעפירט דער העטמאַן (הויפּטמאַן). וויכטיקע פראַגן פלעגן באַשלאָסן ווערן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע זעלנער; דעם העטמאַן פלעגן אויך קלייבן אַלע צוזאַמען. קיין פרויען זיינען אין „סיטש“ ניט געווען; די פאַמיליעס האָט מען איבערגעלאָזט אינדערהיים, אין דער אייבערשטער אוקראַינע, ווייל פרויען און קינדער זיינען אַ לאַסט, און אַ פרייער קאָזאַק טאָר זיך ניט לאָזן שטערן.

די „סיטש“ איז וואָס ווייטער אַלץ מער געוואַקסן.

די פּוילישע מדינה איז גאָרניט געווען צופרידן פון דעם נייעם שכן. עס האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן צוויי באַגריפן וועגן מלוכה=מאַכט, צוויי פאָרשטעלונגען וועגן יחיד און כלל. די קאָזאַקן האָבן געהאַלטן, אַז זיי זיינען פרייע מענטשן, זיי מעגן טון וואָס זיי ווילן און ווען זיי ווילן. אָט האָבן זיי גענומען געלט ביים מאָסקווער צאַר פאַר אָפּהיטן זיינע געמאַרקן פון די טאָטערן; אָט האָבן זיי געשלאָסן אַ בונד מיטן טאָטערשן כאַן; אָט האָבן זיי געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן דייטשן קיסר וועגן דינען אים, און דער קיסר האָט זיי געשיקט אַ פאָן פאַר אַ מתנה. די פּוילישע רעפּובליק ווידער האָט געקענט קוקן אויף די קאָזאַקן נאָר ווי אויף אייגענע אונטערטאַנער: זייער ישוב האָט פאָרמעל באַלאַנגט צו פּוילן, און אָפט פלעגן זיי קומען צו פאָרן צו זייערע פאַמיליעס שוין אויף דער אומשטרייטיקער פּוילישער ערד. פאַר פּוילן זיינען זיי געווען אונטערטאַנער, וואָס פאָלגן ניט; אויב אַזוי, דאַרף מען ברעכן זיי=

ער ווידערשפעניקייט. אָבער דאָס איז געווען שווער, כמעט ווי אוממיגלעך. דעריבער איז ביי וויכטיקע פוילישע פּאָליטיקער געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן אויסנוצן די קריגערישקייט פון די קאָזאַקן לטובת דער פוילישער מלוכה.

די פוילישע קיניגן האָבן גרייליך געדאַרפט האָבן ביים דניעפּער אַ שמירה, וואָס זאָל אָפּהיטן זייערע גרענעצן. די טאָטערן פלעגן זיך אַריינרייסן טיף אין לאַנד און אַוועקרויבן מענטשן און פאַרמעגנס; קיינער איז ניט געווען אַזוי צוגעפּאַסט אָפּצוּווערן זיי, ווי דער קאָזאַק. אמת, אַ קריג צווישן קאָזאַקן און טאָטערן איז אָנגעגאַנגען סיי=ווי, אָבער דאָס איז געווען גיכער אַ פּריוואַטע מחלוקת, מיט אַן אייגננוציקן מיין. די מדינה האָט געדאַרפט האָבן אַ סיסטעמאַטישע, אַן אָרגאַניזירטע שוץ. איז דעריבער נאָך אין 16טן יאָרהונדערט, מיט אַ הונדערט יאָר פאַר כמעלניצקין, באַשאַפן געוואָרן ביי די פוילישע מאַכט=האָבער דער פּלאַן צו מאַכן פון די קאָזאַקן רעגולערע זעלנער. דערמיט האָט מען געהאָפט צו שלאָגן צוויי פליגן מיט איין קלאַפּ: אי מען וועט זיך איינשאַפן אַ געטרייע גרענעץ=שמירה, אי מען וועט איינצאַמען די קאָזאַקישע הפקרות.

אָט אויף אַזאַ אופן זיינען אויפגעקומען די „רייסטערשע“ (פאַררעגיסטרירטע) קאָזאַקן, וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע. מען האָט עטלעכע טויזנט קאָזאַקן פאַרצייכנט אין רייסטערס, איינגעטיילט אויף פּאָלקן, געצאָלט זיי שכירות פון דער קרוינישער קאַסע. מען האָט זיי אויך אָנערקענט פאַר באַלעבאַטים פון דער ערד, אויף וועלכער זיי זיינען פריער געזעסן.

אָבער די קאָזאַקישע פראַגע איז דורך דעם ניט פאַרענטפערט געוואָרן; פאַרקערט, זי איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ שאַרפער. וואָרים די מלוכה האָט צוגענומען אין איר דינסט נאָר אַ קליינעם טייל קאָזאַקן; פאַר די אַנדערע האָט זי קיין באַשעפטיקונג ניט געהאַט. געמיינט האָט מען, אַז די ניט=פאַררעגיסטרירטע קאָזאַקן זאָלן אַוועקוואַרפן זייערע גענג און נעמען אַרבעטן ביי די פּריצים; נאָר דערויף זיינען קיין בעלנים ניט געווען. און דערווייל האָבן קיין אוקראַינע געפּלייצט אַלץ נייע מאַסן מענטשן, וואָס האָבן געבענקט

נאָך דער קאָזאַקישער פרייהייט. פוילישע פויערים זיינען געלאָפן פון די פריצים, וואָס האָבן זיי געוואָלט פאַרשקלאַפן; פ־אַוואָסלאַוונע פון ווייסרוסלאַנד זיינען געקומען צו לויפן צוליב די פאַרפאָלגונגען אויף זייער גלויבן. די פוילישע רעגירונג האָט געשיקט צום דניעפער האַרבע באַפעלן, געפרוווט אָננעמען שטרענגע מיטלען קעגן די „גזלנים”; עטלעכע קאָזאַקישע פירער האָט מען געטייט; נאָר די רעפרעסיעס האָבן קיין פעולה ניט געהאַט. אדרבא, זיי האָבן נאָך מער צעבלאָזן די אומצופרידנקייט און די אויפרעגונג, און צום סוף 16טן יאָרהונדערט האָבן אויסגעבראָכן די ערשטע קאָזאַקישע אויפשטאַנדן, וואָס האָבן שוין ניט אויפגעהערט כמעט ביז כמעלניצקין.

די אויפשטאַנדן האָבן כמעט אַלעמאָל דעם זעלבן פנים. ערגעצוואו הייבט זיך אויף אַן אָפטיילונג קאָזאַקן, מיט אַ באַהאַרצטן פירער אין דער שפיץ, מען לאָזט אַוועק מיטן רויך ישובים און שטעטלעך; מען ראַבירט, ביז וואַנען דער קיניג שיקט אָן אַ שטאַרקע אַרמיי. די שטראָפן, וואָס מען באַשטראָפט די אויפגעשטאַנענע, זיינען גרויזאַם ביז גאָר. דעם קאָזאַקישן העטמאַן נאַליוואַיקאָ אַ שטייגער האָט מען געכאַפט צוזאַמען מיט נאָך זעקס רעדלפירער פון אויפשטאַנד און אַוועקגעשיקט קיין וואַרשע. די זעקס האָט מען באַלד געקעפט; נאַליוואַיקאָן האָט מען דעם פשוטן טויט ניט פאַרגונען. די פאָלקס־לעגענדע גיט איבער, אַז בשעת ער איז געזעסן אין טורמע, האָבן זיך לעבן אים תמיד געפונען צוויי פייקלער; ווי נאָר ער האָט געוואָלט אַנטדרעמלט ווערן, האָבן זיי באַלד געגעבן אַ זעץ אין פויק און ניט געלאָזן אים שלאָפן. אַזוי האָט מען אים געפייניקט גאַנצע וואָכן. דערנאָך האָט מען אויסגעשמידט פון קופער אַ פיגור פון אַן אָקס; נאַליוואַיקאָן האָט מען אַריינגעוואָרפן אינעווייניק און אונטן אָנגעמאַכט אַ פייער. פריער האָט ער געשריען, דערנאָך זיינען זיינע קולות אַנטששטומט געוואָרן. ווען מען האָט שפעטער פאַרלאָשן דאָס פייער און געעפנט די פיגור, האָט מען פון נאַליוואַיקאָס קערפער געפונען ניט מער ווי אַ בערגל אַש.

אפשר האָט די לעגענדע איבערגעטריבן אַ ביסל; אָבער זי איז גענוג כאַראַקטעריסטיש. עס איז אָנגעגאַנגען אַן אומברחמנות־

דיקער קאַמף פון ביידע זייטן. ווער עס האָט געזינגט אויף אַ ווײַלע, האָט אויסגעלאָזן צום קעגנער זיין גאַנצן כעס, זיין גאַנצע בלוט־דאָרשטיקייט, ניט קלערנדיק וועגן דעם, אַז אין אַ ווײַלע אַרום קען ער אַליין זיין אונטערן פערד.

אין יאָר 1638 האָט דער וואַרשעווער סיים, נאָכדעם ווי עס איז דערשטיקט געוואָרן אָקאָרשט אַ נייער אויפשטאַנד, באַשלאָסן צו „פאַרניכטן אויף אייביקע צייטן אַלע קאָזאַקישע פּריווילעגיעס“. אָנשטאָט דעם העטמאַן, וואָס מען פלעגט קלייבן ביז יעמאָלט, איז באַשטימט געוואָרן אַ רעגירונגס־קאָמיסאַר פון צווישן די שליאַכציצן; אַלע אָנטיילנעמער פון אויפשטאַנד זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „כלאָפּעס“, אין לייבקנעכט. די קאָזאַקן האָבן זיך געוועדט, אָבער סוף 1638 האָבן זיי געמוזט איינגיין אויף אַלע פּוילישע פאָדערונ־גען. „רייסטערשע“ קאָזאַקן זיינען געבליבן בלויז זעקס טויזנט; אָבער פון זייערע אַמאָליקע ברייטע רעכט איז קיין זכר ניט געבליבן; זיי זיינען געוואָרן כמעט ווי אַ פּשוטע גרעניץ־וואַך. אַלע אַנדערע האָבן געמוזט ווערן שטאָטלייט אָדער — דער גרעסטער טייל — לייבקנעכט.

„דער קאָזאַקישער שטראָם, שרייבט אַ היסטאָריקער, איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ גרעבליע. די נייע אָרדענונג, וואָס פּוילן האָט געבראַכט, האָט געזיגט. אָבער צי איז די גרעבליע געווען צו שוואַך, צי דער שטראָם צו שטאַרק — נאָר זי האָט אויסגעהאַלטן ניט מער ווי צען יאָר צייט. אַלצדינג איז אַראָפּגעשווענקט געוואָרן דורך דעם שרעקלעכן חורבן פון 1648“.

אָט דער חורבן איז געקומען ניט פּלוצלונג. אין פאַרלויף פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט איז ער צוגעגרייט געוואָרן, אין פאַרלויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט איז געפּעטיקט געוואָרן מיט בלוט דער באָדן, אויף וועלכן ס׳איז דערנאָך אויפגעגאַנגען די זריעה פון כמעלניצקים מלחמות און שחיטות. מאַסנווייז זיינען פון אים אומ־געקומען די פּוילישע פּאַנעס; נאָר דאָס גרעסטע אומגליק איז גע־פאַלן אויף ייִדישע קעפּ, וואָרים די האַק פונם מערדער טרעפט אַלע מאָל דעם שוואַכערן, דעם שוצלאָזן.

ה

יידן אין אַלטן פּוילן

רעדט מען וועגן דער לאַגע פון יידן אין יענע צייטן, דאַרף מען אַלעמאָל האָבן אין זינען: אין פּוילן־ליטע איז געווען איינס, און אויף אוקראַינע גאָר עפּעס אַנדערש.

אין פּוילן און ליטע איז די באַציִונג צו יידן געוואָרן אַלץ ערגער. עס איז אויסגעוואַקסן אַ שטאַנד פון קריסטלעכע שטאָטלייט, סוחרים און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן ניט געוואָלט לײדן די קאָנקורענץ. אין פיל שטעט זיינען דאָ פאָרגעקומען פּאָגראָמען נאָך איידער כמעלניצקי האָט אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד. אין קראָקע, אַ שטייגער, איז אין 1618 געקומען צו אַ באַוואָפנטן אָנפאַל אויף יידן, נאָכדעם ווי איינער מיטשינסקי האָט אַרויסגעגעבן אַ געפעפערטע אַנטיסעמיטישע בראָשור [1]. מיט זיבעצן יאָר שפּעטער איז געווען אַן אמתער פּאָגראָם אין ווילנע. נאָך זיינען פאַרצייכנט אין יענער צייט אַזעלכע „איבערגעלאַפן" אין בריסק, אין פּרעמיסלע, אין לובלין.

אַן אַנדער צרה, פון וועלכער יידן האָבן געליטן יענע צייטן, זיינען געווען די בלוט־בלבולים און די באַשולדיקונגען אין שענדן קריסטלעכע הייליקייטן. די דאָזיקע פּראָצעסן האָבן אָן אויפהער פאַרביטערט דאָס לעבן פון די יידן. אַגב פלעגט זיך שוין דער אויפגערעגטער המון באַנוצן מיט דער געלעגנהייט צו ראַבירן דאָס יידישע האָב און גוטס.

אַפילו ווען מען פלעגט כאַפּן אַ קריסט ביים רויבן הייליקייטן פון קלויסטער, פלעגט אויך די באַשולדיקונג אַלעמאָל זיין אַזאַ, אַז דאָס האָבן אים יידן אונטערגעהעצט. אַזאַ פאַל איז געווען, אַ שטייגער, אין קראָקע, וואו מען האָט איינעם יורקעוויטש פאַרמשפּט צום טויט פאַר גנבענען קריסטלעכע הייליקייט „לויט

---

1 אָט איז דער פולער טיטול: Zwierciadło Korony Polskiey, urazy ciężkie, y utrapienia wielkie, które ponosi od Żydów, wyrażające, synom Koronnym na Seym Walny w Roku Pańskim 1618 Przez M. Sebastiana Miczyńskiego Philosophiey Doktora Wystawione.

דער פאָרעריונג פון יידן". פאַרן טויט האָט ער זיך מתוודה געווען פאַרן גלח אַזוי:

„בשעת מען האָט מיך דעם ערשטן מאָל געבראַכט צו דער אויספאָרשונג, האָט דער ריכטער בעלוזאַ אַ זאָג געטאָן צו מיר אַזוי: טו מיר אַ טובה און זאָג, אַז דו האָסט פאַרקויפט די גע=גנבעטע הייליקייטן צו אַ יידן. דיר איז דאָך דאָס אַלץ איינס, און מיר וועלן האָבן אַ תירוץ אַרויסצוטרייבן יידן פון קראָקע. איך האָב געהאָפט, האָט יורקעוויטש דערציילט ווייטער, אַז אויף אַזאַ אופן וועל איך באַקומען די פרייהייט. און ווייל איך האָב ניט געהאַלטן פאַר קיין עבירה צו באַשולדיקן אַ יידן, האָב איך גע=זאָגט אַזוי, ווי מען האָט פון מיר פאַרלאַנגט"...

אָט אַזוי זיינען יידן אָפּגעקומען פאַר פרעמדע זינד און נאָך אָן זינד אין די פאַרשיידענסטע שטעט פון פּוילן און ליטע. פונ=דעסטוועגן געפינען מיר ביי יידישע שרייבער פון יענער צייט וואַ=רעמע ווערטער וועגן די מלכים. אויף וולאַדיסלאַוו דעם פערטן זאָגט אונזער נתן=נטע האַנאָווער:

„ער איז געווען אַ ליטוועליקער און אַ רייכער קיניג. ער האָט ליב געהאַט יידן, און נאָר שלום איז געווען אין זיינע טעג".

פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ האַרציקייט אין דער אָפּשאַצונג? זי נעמט זיך דערפון, וואָס אונזערע היסטאָריקער האָבן געשריבן שוין נאָך כמעלניצקין, ווען די קליינטשינקע ראַבירונגען פון זיגמונטס און וולאַדיסלאַווס צייט האָבן אויסגעזען פון דער ווייטנס ווי אַ גן=עדן.

נאָר איין שטאַנד איז געווען אין פּוילן אין דער ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך באַצויגן צו יידן פריינטלעך און זיך אָנגענומען פאַר זיי. דאָס איז די ש ל י אַ כ ט ע.

ניט פון גרויס ליבשאַפט חלילה; אירע קינדער, וואָס האָבן זיך געהאָרעוועט אין די יעזויטישע קאָלעגיעס — פלעגן אויך קומען אַהיים אָנגעפּיקעוועט מיט אַנטיסעמיטישן גייסט. נאָר די פּראַקטישע לעבנס=אינטערעסן האָבן געשטופּט אין אַן אַנדער ריכ=טונג. מען האָט געמוזט אָנקומען צו די יידן. די פּריצים האָבן גע=דאַרפט האָבן אַרענדאַרן אין זייערע הויפן, שענקערס און אויפזעער אין די דערפער; דערפאַר איז מען דאָס געווען אַזוי גוט.

די מינסקער שליאַכטע האָט ספּעציעל געבעטן בײַם קיניג אַ דעקרעט פאַר ייִדן צו באַזעצן זיך אין מינסק. אין ווילנע איז די שליאַכטע בעת די סכסוכים פון ייִדן מיטן מאַגיסטראַט געשטאַנען אויפן צד פון די ייִדן. אין עטלעכע שטעט האָבן די שליאַכציצן, אויף זייער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ניט פרעגנדיק בײַם קיניג, געגעבן ייִדן דערלויבעניש צו בויען שולן און אַפילו צו גרינדן נייע קהילות. אין סיים האָבן די דעלעגאַטן פון דער ליטווישער שליאַכטע געטראַשעט, אַז אויב מען וועט באַשטייערן ייִדן אויף מער ווי דריי טויזנט גראָשן, וועלן זיי אַוועקגיין פון סיים.

אויב אַזאַ באַציִונג איז געווען פון דער שליאַכטע צו ייִדן אין פוילן און ליטע, איז אויף אוקראַיִנע געווען נאָך בעסער. דאָ זײַנען די פּריצים געווען די גאַנצע באַלעבאַטים; די שטאָטלײַט האָבן געהאַט נאָר אַ קנאַפּע דעה. און האָבן אַ פּאַרמיטלער איז דער פּריץ אויך נערן געווען; האָט די שליאַכטע גענומען צוציען אַהער ייִדן מאַסנווייז.

קליינע גרופּעס ייִדן זײַנען שוין דאָ געווען פריער, נאָך ביז דער לובלינער אוניע. אָבער אַ שטאַרקע איינוואַנדערונג האָט זיך אָנגעהויבן ערשט צום סוף פון זעכצנטן יאָרהונדערט, ווען ס'איז אין סיים דורכגעגאַנגען דער געזעץ, אַז די ערד אויף מזרח פון בעלאָצערקאַוו (ייִדן רופן דאָס „שדה-לבן" אָדער „שוואַרצע טומאה"), ווערט אַוועקגעגעבן צום קיניג זיגמונט. פּאַקטיש האָט עס געמיינט, אַז דאָס וועלן באַקומען די אַדללײַט. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען אויך, ווי מיר האָבן געזען. די נייע פּריצים האָבן צוגעזאָגט לגאָטעס פאַר די פּויערים, וואָס וועלן קומען צו זיי; און צוזאַמען מיט די שליאַכציצן און פּויערים האָבן זיך אויף די ניי-פאַרנומענע שטרעקעס באַזעצט אויך ייִדן. די פּריצים האָבן זיי מיט גרויס חשק געמאַכט פאַר אַרענדאַרן; די קיניגלעכע סטאַראָסטעס האָבן זיי געמאַכט פאַר איינמאָנער פון שטייערן. אויך האָבן ייִדן באַלד אַנטוויקלט אַ לעבעדיקן האַנדל.

קיין פערזענלעכע סימפּאַטיע צו ייִדן האָבן די פּריצים ניט געפילט. מען האָט די ייִדן גענוג געפּייניקט, און צווישן זיך פלעגן זיך פּריצים וויצלען, אַז „יעדער ייִדל האָט זיך זײַן געשטאַנקל".

נאָר געשעפּט איז געשעפּט, און אָן דעם יידל האָט זיך דער פּריץ ניט געקענט און ניט געוואָלט באַגיין.

ביי יעדן פּריץ אין פּאָדערשטטוב האָט זיך אַלע אינדערפרי אַרומגעדרייט עפּעס אַ מאָשקע אָדער אַ יאָשקע, וואָס האָט רוזיק געוואַרט, ביז וואַנען דער „יאַסנאָוועלמאָזשנע פּאַן“ וועט באַוויליקן אויפשטיין. ער פלעגט דערציילן אַלע נייס, און דערנאָך פלעגט אַוועקגיין אַ רייד וועגן עסק.

דער פּריץ האָט פיינט געהאַט אַ סך צו קלערן און צו אַר־בעטן: זאָל נאָר דער ייד אים שאַפן אַ געוויסע סומע געלט, און ווייטער האָט אים ניט געאַרט. האָט דער ייד גענומען אַראָפּרייסן ביים פּויער די זעלבע סומע געלט און נאָך אַליין עפּעס פּאַרדינען דערצו. קיין שום פּונקטן וועגן ניט עקספּלואַטירן דעם פּויער פלעגט דער פּריץ ניט אויסנעמען — דאָס איז ניט געווען זיין זאַך. זיין זאַך איז געווען צו נעמען דאָס געלט און אַוועק הוליען. די ערד האָט ער געהאַט באַקומען אומזיסט; קיין גרוים צוגעבונדנקייט צו איר האָט ער ניט געשפּירט, און נאָך ווייניקער איז געווען צוגע־בונדן צו איר דער יידישער אַרענדאַר.

אויף אַזאַ אופן האָבן יידן פאַרנומען אַ גרויסן אָרט אין דאָרפישן לעבן. זיי זיינען געווען אַרענדאַרן אין די פּריצישע הויפן; זיי זיינען געווען ביר־ברייער, בראָנפן־ברענער, מעד־קאָכער; זיי האָבן אויך געהאַלטן שענקען און קרעטשמעס.

אַ פראַנצויזישער אינזשעניער, וואָס האָט אין יענע צייטן לאַנג געלעבט אין אוקראַינע, האָט באַשריבן, ווי שרעקלעך פאַרשפּרייט עס איז געווען די שיכּרות. דעם צווייטן טאָג פּאַסכע, גיט ער אי־בער, קומען די פּויערים צו גאַסט צום פּריץ, און דאָרט איז מען זיי מכבד מיט בראָנפן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען אַלע וואַלגערן זיך ווי חזירים אין בלאָטע. און אַזוי פלעגט מען גיסן אין זיך ניט נאָר חגא, נאָר אויך אַ גאַנץ יאָר, ווי נאָר ס׳האָט זיך געמאַכט אַ גע־לעגנהייט. ס׳איז אַפילו געגאַנגען אַ ווערטל אַזאַ: „אויב ניט אָנ־שיכּורן זיך, איז שוין בעסער קיין זאַך ניט טרינקען חוץ וואַסער“. וועגן באָגדאַן כמעלניצקין דערציילט מען אויך, אַז ער איז געווען אַ שיכּור שבשיכּורים. אין די ליכטיקע, ניכטערע מינוטן ווידער

פלעגט מען שילטן דעם יידן, וואָס שטעלט צו דאָס געפּערלעכע וואַסערל.

אַ גוטע פּרנסה האָבן יידן אויך געפונען אין דער סאַליטרע־אינדוסטריע. די אוקראַינער ערד איז זייער רייך אין סאַליטרע, און יידן האָבן שטאַרק מיטגעהאָלפן ביים פאַרשפּרייטן די אויסאַרבע־טונג פון דעם פּראָדוקט. נאָר מען האָט זיי דאָס ניט פאַרגונען, און אין עטלעכע שטעט האָט מען זיי געמסרט, אַז זיי גראָבן אויף די קברים אויף די קריסטלעכע בית־עולמס.

ברייט איז אויך געוואָרן אַוועקגעשטעלט דער האָלץ־האַנדל. און פּונקט ווי די פּריצים האָבן געפירט אַ רויב־ווירט־שאַפט אין זייערע מאַיאָנטקעס, ניט צו קלערן וועגן שאַנעווען די לייבקנעכט און די ערד, אַזוי האָבן זייערע יידישע פאַקטוירים ניט געשאַנעוועט די וועלדער. מען האָט ניט געטראַכט וועגן האַקן מיט אַ פּלאַן, וועגן אָפּהיטן דעם נאָכוואוקס פון די ביימער. מען האָט געהאַקט אויף וואָס די וועלט שטייט — אויף בוי־האָלץ, אויף ברע־נעכץ, אויף פּאָטאַש. די פּריצים האָבן מיט גרוים חשק פאַרקויפט זייערע וועלדער, וואָס מען האָט זיי געשאָנקען, און דערנאָך האָבן זיי געהאַט טענות, פאַרוואָס יידן רויִנירן אַזוי שטאַרק די וועל־דער פון לאַנד.

מען האָט חושד געווען די יידן, אַז זיי האַנדלען מיט שקלאַפן, מיט דער לעבעדיקער סחורה פון יענער צייט. אַז זיי טוען עס אָפן, דערין האָט זיי קיינער ניט באַשולדיקט. אָבער די זעלבע קאָזאַקן, וועלכע האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די טאָטערן, האָבן פונדעסטוועגן געהאַט פּרעטענזיעס דווקא צו די יידן, אַז זיי העלפן שטילערהייט די טאָטערן אין זייער מענטשן־האַנדל.

אין די שפּעטערדיקע אוקראַיִנישע פאָלקסלידער פאַרנעמט אויך אַ גרויסן אָרט די באַשולדיקונג, אַז יידן האָבן גענומען אין אַרענדע די פּראַוואָסלאַוונע קלויסטערס אין אוקראַיִנע, און אַז צו טויפן אַ קינד אָדער חתונה מאַכן אַ פּאָרפאָלק, האָט מען באַדאַרפט אָנקומען צום יידן [1].

---

1 מען מוז זאָגן, אַז אויב אַזוינע פאַקטן זיינען אַפילו יאָ פאָרגעקומען,

אָט האָבן מיר אַלזאָ די לאַגע צום מיטן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט. די אוקראַיִנישע מאַסע אין שטענדיקער אויפרעגונג—די קאָזאַקן צוליב דעם אַטענטאַט אויף זייערע פרייהייטן, די פויערים צוליב זייער פאַרשקלאַפונג. די שליאַכטע לאָזט זיך וואוילגיין פון די רייכקייטן, וואָס זי פרעסט אַרויס ביי די פויערים. און דער פּרעס זיינען די יידן. קעגן זיי האָט זיך דעריבער אַ קער געטאָן דער צאָרן פון דער מאַסע, ווען זי האָט זיך געגעבן אַ הייב פאַר איר פרייהייט און פאַר איר גלויבן.

קיין רויִקייט איז שוין די גאַנצע צייט ניט געווען; איצט, ווען כמעלניצקי האָט געגעבן דעם סיגנאַל און דער המון האָט דערשמעקט דעם ריח פון בלוט, האָבן ער גאָר פאַרלאָרן דעם האַלט. כמעלניצקי האָט ניט אַרויסגערופן די באַוועגונג; אירע אורזאַכן, ווי מיר האָבן געזען, האָט געשטעקט טיף אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. אָבער ער איז געווען דער מענטש, וואָס האָט זיך געשטעלט אין דער שפּיץ, און דורך זיין אומדערשראָקנקייט, דורך זיין פאַרביטערטער עקשנות, דורך זיין בלוטדאָרשטיקייט האָט ער באַלד געוואונען אויף גאַנץ אוקראַיִנע דאָס רעכט פון אַן אייבערשטן פירער.

ו

באָגדאַן כמעלניצקי

אין דעם יאָר, ווען אים איז באַשערט געווען, אַז זיין נאָמען זאָל נעמען קלינגען איבער דער וועלט, איז באָגדאַן כמעלניצקי—אָדער כמעל[1] ווי מען האָט אים אָפטמאָל גערופן—שוין אַלט געוועזן איבער פופציק יאָר. עטלעכע מאָל באַגעגענען מיר אים נאָך פריער אין די היסטאָרישע דאָקומענטן. אין 1636 איז ער געווען

איז דאָס יערנפאַלס ניט געווען קיין אָפּטע ערשיינונג. עס איז פאַר מיר דעריבער ניט פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס האָט שלום אַש דווקא דעם פאַקט געדאַרפט מאַכן פאַר אַן אויסגאַנגס־פונקט פון זיין ראָמאַן „קידוש השם".

1 די אַלטע העברעאישע און יידישע שרייבונג איז „חמיל".

אין דער דעלעגאַציע, וואָס איז אָפּגעפאָרן צום קיניג קלאָגן זיך אייפן מוטוויל פון די באַאַמטע און בעטן וועגן פאַרגרעסערן די צאָל רייסטערשע קאָזאַקן. אין אַ יאָר אַרום איז ער באַשטימט געוואָרן פאַרן „קריגס-שרייבער“ אינעם אייבערשטן קאָזאַקישן ראַט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען אים פון דאָרטן אַוועקגענומען, נאָר ער איז געפאָרן אַ צווייטן מאָל מיט אַ שליחות צום קיניג. אין יאָר 1646, מיט צוויי יאָר פאַרן אויפשטאַנד, געפינען מיר אים אַ דריטן מאָל אין וואַרשע. דאָס מאָל האָט אים דער קיניג אַליין גערופן׳

קיניג וולאַדיסלאַוו דער פערטער האָט געהאַט ברייטע פּלענער. ער האָט געוואָלט צוזאַמען מיטן פּויפּסט און מיט דער רעפּובליק ווענעציע אַרויסגיין אויף אַן אַנטשיידענער מלחמה קעגן די טערקן. באַלד ווי די שלוחים פון דעם פּויפּסט און פון ווענעציע זיינען געקומען מיט דעם פאָרשלאָג, איז דער קיניג פאַרכאַפּט געוואָרן פונם געדאַנק צוצונעמען ביי די טערקן דעם קרימער האַלבאינזל, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און ווער ווייס, אפשר נאָך די הייליקע שטאָט ירושלים אויך.

דעם פּויפּסט איז דאָ געגאַנגען וועגן באַקעמפן די „אומגלויביקע“; ווענעציע איז געווען פאַראינטערעסירט אין קריג צוליב קאָמערציעלע טעמים. וולאַדיסלאַוו אַליין האָט דאַן אַרויסגעוויזן אַ טיפּע אימפּעריאַליסטישע כוונה. די פּוילישע מלוכה האָט, צו איר אומגליק, קיין מאָל ניט פאַרמאָגט קיין פעסטע נאַטירלעכע גרענעצן; איר טעריטאָריע האָט זיך געענדיקט ערגעץ-וואו אין די גראָזן פון סטעפּ. וואָלט זיך אָבער וולאַדיסלאַוון איינגעגעבן צוצונעמען קרים ביי די טאָטערן און דערגרייכן ביזן שוואַרצן ים, וואָלט דערמיט פאַר פּוילן באַשאַפן געוואָרן אַ נאַטירלעכער גרענעץ און שוץ. ווער רעדט נאָך קאָנסטאַנטינאָפּאָל! דאָס וואָלט געעפנט אַ טויער קיין אַזיע און געמאַכט פּוילן פאַר איינער פון די מעכטיקסטע מדינות אין אייראָפּע. ווייסן מיר דאָך, ווי מעכטיק רוסלאַנד איז געוואָרן אין הונדערט יאָר אַרום, ווען זי האָט טאַקע דערגרייכט צום שוואַרצן ים, און ווייסן מיר דאָך, אַז דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט ביז איר אונטערגאַנג ניט אויפגעהערט צו שטרעבן צום באַזיץ פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אגב האָט דער קיניג, פאַרקלערנדיק די אונטערנעמונג, געהאַט דערביי נאָך אַ באַהאַלטענעם מיין: ער האָט געהאָפט, אַז אַ גרויסער זיג אויף אויסוויינינק וועט פאַרשטאַרקן די קיניגלעכע מאַכט און געבן אים אַ מיגלעכקייט איינצוצאַמען די צעלאָזונקייט פון דער שליאַכטע.

האָט אָבער קיניג וולאַדיסלאַוו אָנגעטראָפן מיט זיינע הויכפליענדיקע פּלענער אין זייער אַ שלעכטער צייט. כדי צו פירן אַ מלחמה דאַרף מען האָבן מענטשן, און דער שליאַכטע האָט זיך דאַן וויניקער ווי ווען עס איז געגלוסט גיין זיך שלאָגן. די קאָלאָניזאַציע אין אוקראַינע איז געגאַנגען אויסגעצייכנט, די מאַיאָנטקעס האָבן געטראָגן שיינע הכנסות, געהאַנדלט האָט מען פיין. איבער גאַנץ פוילן האָט מען געפּרעסט פון די פויערים רענדלעך. די שליאַכטע איז געוואָרן פויל און גרויס ביי זיך. וועגן פירן קריג מיט אַזאַ מאַטעריאַל איז גאָר ניט געווען וואָס צו ריידן.

דעריבער האָט דער קיניג באַשלאָסן צו טאָן אויף זיין אייגענער אחריות און אַוועקצושטעלן דעם סיים פאַר אַ געשעענעם פאַקט. עס איז געווען איין עלעמענט אין דער מלוכה, וואָס איז געווען ווי צוגעמאָסטן צו דער אויפגאַבע: די קאָזאַקן. אָט וועגן דעם ענין איז עס כמעלניצקי אין מאָנאַט אַפּריל 1646 צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר הויפּטלייט געקומען קיין וואַרשע. דאָ האָט ער געפירט געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיטן קיניג. אין דער צייט וואָס די מלוכה האָט געהאַט שטאַרק פאַרשמעלערט דאָס רעכט פון די קאָזאַקן צו באַוואָפענען זיך, האָט וולאַדיסלאַוו זיי אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע סומע צו בויען נייע שיפלעך אויפן דניעפּער; אויף די שיפלעך האָבן זיי דאָס דערנאָך געזאָלט אַרויספאָרן אין שוואַרצן ים. דערצו האָט נאָך דער קיניג קענטיק אַרויסגעגעבן די קאָזאַקן עפּעס אַ כתב. וואָס ס'איז דאָרטן געשטאַנען, ווייס קיינער ניט. מסתמא איז דאָרטן פשוט געווען באַשטעטיקט דאָס רעכט צו בויען שיפלעך; נאָר כמעל און די קאָזאַקן האָבן זיך שפּעטער שטאַרק געשטיצט אויף דעם דאָקומענט, וועלכן זיי האָבן גערופן „פּריווילעגיע“.

באַלד נאָכדעם ווי די דעלעגאַציע האָט זיך אומגעקערט פֿון וואַרשע, האָט זיך אויף אוקראַינע געגומען פּאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז די „פּאַנעס" ווילן אומברענגען דעם קיניג, אַז ער וויל פֿון זיי אַנטלויפֿן קיין ליטע, און אַז ער ריכט זיך אויף דער הילף פֿון אוקראַינער פֿאָלק. כמעלניצקי אַליין און די גרופּע אַרום אים האָבן געוויס אונטערגעהאָלפֿן ביים פּאַרשפּרייטן דעם קלאַנג, וואָרים דאָס האָט צוגעגעבן זייער אונטערנעמונג דעם כאַראַקטער פֿון אַ געזעצלעכער שטיצע פֿאַרן קיניג. עס איז געווען די זעלביקע זאַך, ווי אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פֿון ניינצעגטן יאָרהונדערט, וואו מען פֿלעגט אָפּטמאָל איינריידן די פּויערים, אַז דער קיסר איז אויפֿן צד פֿון פֿאָלק, מערניט די בייזע פּריצים לאָזן אים ניט טון זיין ווילן. מען האָט אויך איבערגעגעבן פֿון מויל צו מויל, אַז בשעת כמעל האָט זיך געקלאָגט פֿאַרן קיניג אויף די עוולות, וואָס ווערן אָפּגעטאָן, זאָל דער קיניג האָבן געענטפֿערט: „נאַר איינער, האָסט ניט קיין שווערד?" וויבאַלד דער קיניג אַליין הייסט זיך נעמען צו דער שווערד, דאַרף מען דאָך שוין מער קיין הכשר ניט זוכן.

אַוועקצושטעלן אוקראַינע אויף די פֿיס איז ניט געווען שווער. אין גאַנצן לאַנד האָט געקאָכט און געזוירן. כמעלניצקיס כעס און כמעלניצקיס ראָלע זיינען אַזוי אויסגעוואַקסן צוליב דעם, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער פּאָליטישער באַדריקונג נאָך געהאַט אויסצושטיין שווערע פּערזענלעכע פֿאַרפֿאָלגונגען.

ז

די שיינע העלענע

כמעלניצקיס לעבנסגעשיכטע ביז דעם גרויסן צוזאַמענשטויס איז אונז ניט אַזוי גוט באַקענט. ניטאָ קיין פּינקטלעכע ידיעות וועגן זיין אָפּשטאַם. טייל ווייזן אָן, אַז ער איז געווען אַליין אַ שליאַכציץ; אַנדערע האַלטן, אַז ער איז געווען פֿון געמיינעם

גראַד. מיר זיינען אַפילו ניט באַוואָרנט פונם שרעקלעכן חשד, אַז אָט דער צורר־היהודים, דער מערדער פון טויזנטער יידישע נפשות, איז געווען פון י י ד י ש ן שטאַם. יערנפאַלס האָט דער רוסישער שליח, בוטורלין, געשריבן צום צאַר אין מאָסקווע, אַז באָגדאַנס פאָטער, מיכאַיל, איז געווען אַ משומד: לכתחילה זאָל ער האָבן געהייסן בערקאָ, און געשטאַמט האָט ער כלומרשט פונם שטעטל כמעלניק אין פאָדאָליע. מעגלעך איז דאָס. אַז צווישן די קאָזאַקן זיינען געווען אַ ביסל משומדים, איז באַוואוסט — אָט האָט דער קאָזאַקי־שער ראַט, שוין נאָך כמעלניצקיס אויפשטאַנד, באַשלאָסן, אַז מען זאָל יידן פאַר קיין הויפטלייט ניט קלייבן. אַ פאַקט איז אויך, אַז צווישן פוילישע יידן זיינען געווען און זיינען נאָך ביז היינטיקן טאָג פאַראַן אַזוינע, וואָס טראָגן דעם נאָמען כמעלניצקי. נאָר צי איז אמת די ידיעה פון דעם מאָסקעוויטער, דאָס לאָזט זיך ניט פעסטשטעלן און וועט שוין מסתמא אויף אייביק בלייבן אַ סוד.

פון יאָר 1638 איז כמעלניצקי געזעסן שטענדיק אין דער שטאָט טשאַהרין מיטן טיטל פון אַ „טשאַהרינער סאָטניק“. ער איז געווען אָנגעזען ביי די קאָזאַקן, און אויך דער קיניג האָט גע־האַלטן פון אים אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט געפירט מיט אים גע־היימע אונטערהאַנדלונגען. כמעלניצקי האָט פאַרמאָגט אין טשאַה־רין אַ הויז און הינטערן שטאָט אַ פאָלוואַרק מיטן נאָמען סובאָ־טאָווקע. דאָ האָט ער זיך אויסגעבויט אַ פיין שלעסל, אַ ביסל ווייטער — אַ פראַוואָסלאַוונעם קלויסטער. ער איז געזעסן אויף זיין פאָלוואַרק און באַאַרבעט די ערד.

דער פאָרשטייער פון דער פוילישער רעגירונג אין טשאַהרין איז געווען איינער ט ש אַ פ ל י נ ס ק י, אין יענע צייטן שוין ניט קיין יונגער מאַן. אַ לאַנגע צייט איז ער דאָרט אָפּגעווען אויף זיין פאָסטן און דוכט זיך קיין שום רייסערייען מיט כמעלניצקין ניט געהאַט. נאָר צום סוף 1646 האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי אַ פאַר־ביסענע קריג, וואָס האָט זיך געצויגן דאָס גאַנצע קומענדיקע יאָר און סוף כל סוף דערפירט צום שרעקלעכן אויפרייס. די לופט אויף אוקראַינע איז געווען אַזוי צעהיצט, אַז ס'איז גענוג געווען אַריינצווואַרפן אַ פונק אינעם פאַס פולווער.

אָנגעהויבן האָט זיך דער קאַמף צוליב אַ פרוי. כמעלניצקים ערשטע פרוי איז אים געווען אָפגעשטאָרבן. האָט ער אַריינגענומען צו זיך אין שטוב איינע אַ העלענע, נאָר ער האָט ניט חתונה געהאַט מיט איר לויט די רעליגיעזע געזעצן. ווער די העלענע איז געווען, פון וואַנען זי האָט געשטאַמט, ווייס מען ניט. אָבער זי איז געווען זייער אַ שיינע, וואָרים ווי נאָר דער הויפט פון דער רעגירונג, טשאַפלינסקי, האָט זי דערזען, איז זי אים באַלד אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט זיך שוין ניט אָפגעשטעלט פאַר קיין שום מיטל אַריבערצוציען זי צו זיך. העלענע האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן כמעלן מיטן גוטן ווילן. איז ביי טשאַפלינסקין רעכט געוואָרן צו פאַרניכטן כמעלניצקים היים און אייגנס, צו מאַכן דעם קעגנער מיט דער ערד גלייך, אַבי אויסצופירן זיינס, אַבי צו באַקומען די פרוי.

טשאַפלינסקי האָט געהאַט דערשמעקט, אַז כמעלניצקי פאָרט ערגעץ־וואו, פירט עפעס געהיימע אונטערהאַנדלונגען: עס האָט געהאַט אַ פנים, ווי ער גרייט זיך צו אַ מלחמה, און דאָס איז דאָך געווען שטרענג פאַרווערט; דאָס איז געווען פאַררעכנט פאַר מלוכה־פאַרראַט. טשאַפלינסקי, דער פראָווינציעלער באַאַמטער, און אַפילו זיין העכערער, דער כאָראָנזשי קאָנעצפאָלסקי, האָבן דאָך ניט געוואוסט, אַז כמעל טוט דעם קיניגס ווילן; האָבן זיי אים גענומען פאַרפאָלגן, קוקן אים אויף די פינגער, אַרומגערינגלט אים מיט אַזאַ השגחה, אַז יענער האָט זיך שוין ניט געקענט רירן פריי. איינמאָל ווען די טאָטערן זיינען אָנגעפאַלן און כמעל איז אַרויס צוזאַמען מיט אַלעמען קעגן זיי, האָט איינער פון טשאַפלינסקיס גוטע פריינט „על־פי טעות" דערלאַנגט כמעלן מיט דער שווערד אַזאַ מין שטאַרקן קלאַפ איבערן קאָפ, אַז ער איז געבליבן לעבן נאָר דורך דעם, וואָס ער האָט געטראָגן די לעדערנע שטערנשוץ.

אַז די ערשטע פרווון האָבן זיך ניט איינגעגעבן, האָט טשאַפלינסקי באַשלאָסן צו רויִנירן כמעלן מאַטעריעל. ער האָט געהאָפט מסתמא, אַז פון אַן אָרעמאַן וועט אים גרינגער זיין אָפצורייסן די געליבטע, איידער פונעם פאַרמעגלעכן אָנגעזעענעם פאַרמער, וואָס האָט געלעבט כמעט ווי אַ פריץ. האָט ער גענומען גרונטעווען, פון

וואַנען איז דאָס כמעל אַ באַלעבאָס אויף זיין פּאָלוואַרק. טשאַפּ־לינסקי האָט פאָרגעלייגט זיין ראָש, קאָנעצפּאָלסקין, אַז מען זאָל כמעלן פשוט אַרויסטרייבן פון זיין היים. דער יונגער קאָנעצפּאָל־סקי, וואָס האָט אָקאָרשט געהאַט איבערגענומען דעם פּאָסטן בירושה פון זיין געשטאָרבענעם פאָטער, האָט ניט געוואָלט אָננעמען אַזאַ שאַרפן באַשלוס און באַגנוגנט זיך מיט האַלבע רייד: כמעל־ניצקי זאָל אויפווייזן, מיט וואָס פאַר אַ רעכט, אויף וואָס פאַר אַ סמך געהער צו אים דער פּאָלוואַרק.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז נאָך באָגדאַנס פאָטער מיכאַיל האָט באַקומען דעם פּאָלוואַרק במתנה פונעם אַלטן קאָנעצפּאָלסקין. נאָר ווען מען האָט אַ פאָדער געטאָן ביי אים פאָרמעלע דאָקומענטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען ניטאָ. באָגדאַן האָט צוגעשטעלט אַ מתנה־אַקט; נאָר דאָס איז געווען אַזוי ווי אַ פּריוואַטער בריוו, אָן שום געזעצלעכן ווערט.

טשאַפּלינסקי האָט צוגענומען די פּאַפּירן און ניט אָפּגעגעבן זיי צוריק, אַזוי אַז כמעל איז געבליבן גאָר אָן באַווייזן. ווען ער האָט גענומען שאַרף מאָנען, האָט טשאַפּלינסקי זיך געכאַפּט, אַז ער האָט דאָך נאָך גאָר קענען כמעלן שטאַרקע פּאָליטישע חשדים פאַר זיין געהיימער פאַרשווערערשער טעטיקייט — און אים אַריינ־געוואָרפן אין טורמע. אין דער ערגסטער טורמע, צווישן געמיינע גנבים.

איידער דאָס איז געשען, האָט כמעלניצקין געהאַט געטראָפן אַ שווערער פערזענלעכער קלאַפּ; זיין העלענע האָט אים פאַרלאָזן און איז אַוועק צום קעגנער, צו טשאַפּלינסקין. שווער צו זאָגן די נשמה פון אַ פרוי: צי האָט אַריבערגעוואויגן די סימפּאַטיע צו יע־נעם, צי האָט זי זיך באַרעכנט, אַז בעסער איז צו גיין מיטן שטאַר־קערן — גענוג, אין דעם מאָמענט ווען מען האָט כמעלן אַריינגעזעצט, איז זי שוין געווען ביי טשאַפּלינסקין אין שטוב, און נים ווי אַ קעבסווייב, נאָר טאַקע ווי העלענאַ טשאַפּלינסקאַ: ער האָט מיט איר חתונה געהאַט לויטן דין פון דער קאַטוילישער קירך.

כמעל האָט געהאַלטן זייער שמאָל. מען האָט אים באַשולדיקט אין מלוכה־פאַרראַט, און ער האָט ניט געהאַט קיין שום מיטלען צו ריינוואַשן זיך. דעם קיניגס כתב וועגן גרייטן בסוד די מלחמה

קענן די טערקן איז געלעגן אין טשערקאַס, ביי אַן אַנדער קאָזאַקישן פירער. דעם איינציקן פּאַפּיר וועגן באַזיץ פון פּאָלוואַרק האָט געהאַט אַריינגעכאַפּט טשאַפּלינסקי. אָבער עס האָט זיך געפונען אַן אָננעמער פאַר כמעלן, נאָכדעם ווי ער איז פיר טעג אָפּגעזעסן אין תּפיסה. דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי זיין געוועזענע געליבטע העלענע. זי האָט אויסגעבעטן ביי איר מאַן, אַז מען זאָל כמעלן אַרויסלאָזן. ער איז טאַקע אַרויס אויף דער פריי און זיך באַזעצט צוריק אויף זיין פּאָלוואַרק.

עטלעכע מאָנאַטן האָט טשאַפּלינסקי געלאָזן צורו זיין קעגנער. נאָר ווען עס איז געקומען האַרבסט-צייט און כמעלניצקי האָט ערשט אָנגעקליבן פולע שייערס מיט תּבואה, איז טשאַפּלינסקי מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע אָנגעפאַלן אויף סובאָטאָווקע. כמעלניצקי אַליין איז גראָד ניט געווען. זיין קליינער זון, אַ יאָר צען אַלט, האָט גראָב געענטפערט די אָנפאַלער; האָט טשאַפּלינסקיס איידעם, וואָס איז אויך געווען אין דער קאָמפּאַניע, געהייסן באַלד אָפּשמייסן דעם „פאַרברעכער", און מען האָט געשמיסן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דאָס יינגל איז אויף מאָרגן געשטאָרבן. דערנאָך האָט מען מיטגענומען די תּבואה און מ'איז אַוועק.

דאָס איז אַלצדינג געטאָן געוואָרן „אין נאָמען פון געזעץ": ווייבאַלד דער פּאָלוואַרק געהער צו דער מלוכה, איז דאָך אַלצדינג וואָס געפינט זיך דאָרטן אויך דער מלוכהס, און דער פאָרשטייער פון דער מלוכה מעג צונעמען וואָס ער וויל. דערמיט גופא האָט טשאַפּלינסקי געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ער האַלט שוין פאַר פאַרענטפערט די שטרייטיקע פראַגן וועגן באַזיץ פון סובאָטאָווקע.

ח

כמעל קלאָגט זיך אין וואַרשע

נאָכן אָנפאַל איז כמעלניצקי מיט זיין פאַמיליע פונדעסטוועגן געבליבן וואוינען אין סובאָטאָווקע: אַרויסגעטריבן האָט מען אים

ניט. אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז דער וויגער וועט שוין באַלד שלאָגן צוועלף, און אויב כמעל וועט זיך איצטער, אין דער לעצטער מינוט, ניט באַוואָרענען, וועט מען אים קירצלעך נאָך הייסן גיין פון זיין ירושה=הויף און אים איבערלאָזן נאַקעט ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. ער האָט דעריבער ניט געפּטרט קיין צייט און זיך תיכף אַוועקגעלאָזן קיין וואַרשע, מישב זיין זיך מיט קענער פון געזעץ און קלאָגן זיך. די אַדוואָקאַטן האָבן געפּאָדערט דאָקומענטן, און ווען ער האָט זיי דערציילט, אויף וואָס ער שטיצט זיך, האָבן זיי ביי אים צוגענומען די האָפענונג.

ס'איז געווען, הייסט עס, גאָר אַ קנאַפּער אויסקוק צו געווינען אין געריכט. נאָר פונדעסטוועגן האָט כמעלניצקי באַשלאָסן אָנצוהייבן דעם פּראָצעס, פאַרלאָזנדיק זיך אויף זיין מזל: קיין אַנדער ברירה האָט ער דאָך סיי=ווי ניט געהאַט. אגב האָט ער נאָך געהאָפט אויסצוגעווינען דערמיט, וואָס ער וועט באַשולדיקן טשאַפּלינסקין ניט נאָר אין צונעמען זיין פאַרמעגן, נאָר אויך אין דערהרגענען זיין זון און אין אַוועקרויבן זיין פרוי.

נאָר אין געריכט האָט מען געענטפערט: כמעלניצקי איז אַליין שולדיק, וואָס ער האָט זיך ניט איינגעשאַפט צו דער צייט אַ רעכטקרעפטיקן דאָקומענט. פאַראַן אַ געזעץ, אַז יעדער ערד=באַזיץ דאַרף זיין פאַרשריבן אין די געהעריקע ביכער. יוען די מלוכה זאָל נעמען צוליב דעם אָדער יענעם מענטשן אָפּטרעטן פון געזעץ, וועט ווערן אַ תוהו=ובהו. דער געריכט האָט דעריבער געגעבן גערעכט טשאַפּלינסקין, און כמעלן האָט מען נאָר פאַרזאָרגט מיט אַן עצה: ער זאָל זיך ווענדן צום כאָראָנזשי קאָנעצפּאָלסקי, ער זאָל אים איצטער אַרויסגעבן דעם נייטיקן דאָקומענט.

פאַקטיש זיינען דאָס געווען חלשות=טראָפּן, ווייל כמעל האָט גוט געוואוסט, אַז קאָנעצפּאָלסקי איז אויפן צד פון זיין קעגנער.

באַלד נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער ענין, און דאָ האָט כמעל אָפּגעשניטן נאָך ערגער.

אמת איז, האָט געזאָגט טשאַפּלינסקי, מיין איידעם האָט געהייסן אָפּשמייסן דעם יינגל, ווייל ער האָט גערעדט חוצפּהדיקע רייד. נאָר אַז ער איז געשטאָרבן פון די קלעפּ, דאָס איז אַ ליגן.

כמעל איז דאָ אויך געבליבן אומגערעכט.

וועגן אַוועקרויבן די פרוי האָט שוין טשאַפּלינסקי טאַקע געהאַט גאָר שטאַרקע טענות: ס'איז גאָרניט געווען כמעלס פרוי, האָט ער געזאָגט, נאָר זיין קעבסווייב: דערפאַר איז זי טאַקע אַוועק פון אים. מיר איז זי געפעלן געוואָרן, און איך האָב מיט איר התונה געהאַט לויטן דין פון אונזער רוימיש-קאַטוילישער קירך. קיינער קען מיך ניט צווינגען אַוועקצולאָזן זי פון זיך; און זי אַליין וועט אויך בשום אופן ניט וועלן אומקערן זיך צו כמעלניצקין.

האָבן די ריכטער דאָ אויך געפסקנט קעגן דעם אָנקלאָגער, און כמעל האָט נאָך געמוזט אויסהערן אַזאַ מין חוזק:

פּאַניע כמעלניצקי, וואָס טויג דיר צו בענקען נאָך אַזאַ פרוי? פאַראַן אַ סך פרויען שענערע ווי זי. זוך זיך אַן אַנדערע, און זאָל זי בלייבן ביי דעם צו וועמען זי באַלאַנגט.

נאָך דעם דורכפאַל האָט כמעלניצקי אויסגעבעטן אַן אוידיענץ ביים קיניג. וועגן זייער שמועס ווערט דערציילט, אַז דער קיניג זאָל אים האָבן געזאָגט: „איך זע, אַז דו ביסט גערעכט, נאָר דו קענסט דאָס ניט געזעצלעך באַווייזן; אויפן געזעצלעכן וועג וועסטו הייסט עס קיין זאַך ניט פועלן. אָבער איך זע, אַז טשאַפּלינסקי איז אויך געגאַנגען ניט מיטן וועג פון רעכט, נאָר איבער געוואַלד. געוואַלד מוז מען אָפּשטופּן מיט געוואַלד. דו ביסט דאָך אַ זעלנער. אויב טשאַפּלינסקי האָט געפונען גוטע פריינד און חברים, קענסטו אויך געפינען".

דערביי איז נאָך כמעלניצקי געוואויר געוואָרן, אַז די פּלענער וועגן דער טערקישער מלחמה האָבן געפּלאַצט. איז ער אַרויס פון וואַרשע הויל ווי קאַטויל. דאָ ניט לאַנג איז ער נאָך געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, געהאַט פערזענלעך גליק, געזען פאַר זיך שאַנסן צו שטעלן זיך אויבנאָן אין דער קאָזאַקנשאַפט. איצטער איז ער געווען באַרויבט פון זיין פערזענלעכן גליק, רווינירט מאַטעריעל, דערנידעריקט און נאָך אָפּגעחוזקט דערצו. די געליבטע פרוי, דאָס פאַרמעגן, דעם גוטן שם, אַפילו דעם אויסקוק אויף שפּעטער— אַלצדינג האָט ער אָנגעוואוירן אין משך פון דעם איין יאָר. קיין

וואונדער ניט, וואָס ער איז געווען אינגאַנצן באַהערשט פון איין געדאַנק: נקמה. די פּערזענלעכע באַליידיקונג און די שנאה צו דער פּוילישער מלוכישער אָרדענונג האָבן זיך ביי אים צונויפגעגאָסן אינאיינעם. זיין גאַנץ אומגליק איז דאָך געקומען פון אַ קיניגלעכן באַאַמטן, און פון זיין בעטעניש אין העכסטן געריכט, אַפילו ביים קיניג אַליין, האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך. ס'איז געבליבן נאָר איין עצה: פאָלגן דעם קיניגס עצה, נעמען זיך צום געווער.

אַהיימפאָרנדיק פון וואַרשע קיין טשאַהרין האָט כמעלניצקי זיך פאַרהאַלטן אין אַ סך שטעט און שטעטלעך, צוגעהערט זיך צו די רייד וואו נאָר עס האָט זיך אויפגעקליבן אַ רעדל מענטשן, אַליין אַריינגעשטעלט אַ ווערטל, צוגעבאָמקעט צו יענעמס טענות און אומעטום דערפירט די רייד דערצו, אַז לעבן אונטער דעם יאָך פון די פּריצים און יידן איז אוממעגלעך. ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער צונויפגערופן אַ געהיימע פאַרזאַמלונג פון איבערגע-געבענע קאָזאַקן און געזאָגט פאַר זיי אַזוי:

„ניטאָ קיין גערעכטיקייט אין פּוילן! דער קיניג אַליין לאָזט אונז איבער צו דערשלאָגן זיך אונזערם מיט כוח. צי וועלן מיר ליידן וויטער? צי וועלן מיר לאָזן אָפּקומען אונזערע רוסישע פּראַ-וואָסלאַוונע ברידער? דורכפאָרנדיק דורכן לאַנד האָב איך אומע-טום געזען טיראַניי, שרעקלעכע באַדריקונגען; דאָס אומגליקלעכע פאָלק שרייט נאָך הילף; אַלע זיינען גרייט צו נעמען זיך צום געווער".

דאָס איז שוין געווען אַן אָפּענער רוף צו אַן אויפשטאַנד. עמעצער האָט כמעלניצקין פאַרמסרט און מען האָט אים אַרעסטירט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען אים אַפילו אַרויסגעלאָזן אויף ערבות, נאָר די מאָס איז שוין געווען פול. כמעלניצקי האָט פאַרשטאַנען, אַז לאַנג וועט ער שוין ניט ציען, און אויב ער וועט איצטער ניט אָנהייבן, קען שוין ווערן פאַר אים צו שפּעט. האָט ער אַרויסגע-נאַרט ביים קאָזאַקישן הויפּטמאַן אין טשערקאַס דעם קיניגס כתב וועגן דער מלחמה מיט טערקיי, און מיט דעם פּאַפּיר איז ער אין דעצעמבער 1647 אַנטלאָפן אין „סיטש" אַריין. דאָ, אין דער קאָ-זאַקישער קאָמונע, איז ער געווען זיכער. אַהער האָט ניט דערגרייכט

די האַנט פון דער פוילישער רעגירונג, פון דאַנען האָט מען גע־קענט צוגרייטן דעם אָנפאַל.

דער קלאַנג וועגן אויפשטאַנד האָט אַרויסגערופן אַ פרייד אי־בערן גאַנצן לאַנד. „מיר זיינען ווי אַ טשערעדע אָן אַ פּאַסטוך, האָבן געשמועסט די קאָזאַקן און די פּויערים; זאָל כמעלניצקי זיך שטעלן אין דער שפּיץ, וועלן מיר אים העלפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט". און ווייל עס איז געווען קלאָר, אַז די קאָזאַקן אַליין וועלן ניט בייקומען אין דער מלחמה, האָט כמעלניצקי זיך פאַראייניקט מיט די ערגסטע שונאים, מיט די טאָטערן.

אין 1648 האָט דאָס פייער אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. לויט דער יידישער רעכענונג איז עס דאָס יאָר ת״ח (פינף טויזנט מיט 408), און די צאָל איז געבליבן איינגעקריצט אין אונזער זכרון מיט דער „גזרת ת״ח". עס איז טאַקע געווען אַ גזרה, וואָס האָט נאָך אירס גלייכן ניט געהאַט. נאָכדעם ווי די ערשטע צוזאַמענשטויסן האָבן זיך געענדיקט לטובת כמעלניצקין, האָט די פינסטערע צעיושעטע אוקראַינער מאַסע גענומען דורכפירן אין לעבן איר חיהשן שפּראָך: „דער פּריץ און דער ייד זיינען גוט נאָר געפּרעגלטערהייט".

ט

די ערשטע שחיטות

כמעלניצקי איז אַליין אַוועק צום טאָטערשן כאַן קיין קרים און געשלאָסן מיט אים אַ בונד צו פירן צוזאַמען די מלחמה קעגן פּוילן. לויט ווי אונזער האַנאָווער דערציילט, איז צווישן זיי געווען אַזאַ אָפּרייד, אַז די טאָטערן זאָלן זיך נעמען די מענטשן (צו פאַר־קויפן זיי פאַר שקלאַפן) און צו די קאָזאַקן זאָל געהערן דאָס גאָלד און דאָס זילבער און די אַנדערע זאַכן. וואָס איז שייך אין גרויזאַמקייט זיינען זיי אָבער געווען אַ גלייכע פּאָר.

אין די ערשטע צוזאַמענטרעפענישן זיינען די פּאָליאַקן באַ־זיגט געוואָרן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט אויף אוקראַינע קיין גרויסע מיליטערישע כוחות. זיבער וואָלט פּוילן באַוויזן אַרויסצו־

שטעלן שטאַרקערע אַרמייען; איז אָבער פּלוצלינג, אין מאַי 1648, אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז קיניג וולאַדיסלאַוו איז געשטאָרבן. די פּויִלישע מלוכה איז געבליבן אָן אַן אָנפירונג, ווי אַלע מאָל פון איין קיניג ביזן צווייטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אין וואַרשע שמועסן, באַראַטונגען, צוזאַמענפאָרן, און דערווייל איז כמעלניצקיס מאַכט געוואַקסן, ווי אַ קויל שניי, וואָס קייקלט זיך איבערן פעלד.

כמעלניצקי איז די גאַנצע צייט געגאַנגען מיטן פּרינציפּ וואָס מען רופט: „חזיר פיסל כשר״. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט זיין מחנה לעבן שדה-לבן (בעלאָצערקאָוו), גערופן צו זיך וואָס מער קאָזאַקן, און אין דער זעלביקער צייט געשריבן בריוו קיין וואַרשע, אַז ער מיינט חלילה קיין בייז ניט, אַז ער איז ניט שולדיק, שולדיק איז נאָר טשאַפּלינסקי; און די פאָדערונגען וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט זיינען אויך געווען באַשיידענע. ער האָט זיך געמאַכט ניט ווּיסנדיק, אַז דער קיניג איז געשטאָרבן, און זיך כּלומרשט געווענדט צו אים. זיינע דעלעגאַטן זיינען געפאָרן קיין וואַרשע. נאָר קיין צייט האָט ער אומזיסט ניט געפּטרט, און ער האָט געוויס צוגעהאָלפן ווי ווייט מיגלעך ביי דער „רייניקונג פון אוקראַינע״, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבן.

די „רייניקונג״ איז טאַקע געווען אַ ראַדיקאַלע. אַ גרויסער טייל פּאָליאַקן און יידן, איבערהויפּט פון דער לינקער זייט דניעפּער, זיינען אַלע אַנטלאָפן, ווי נאָר מען האָט דערהערט די בשורה, אַז די קאָזאַקן האָבן זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. דעם ערשטן טאָג שבועות זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן אַ סך קהילות, מען האָט געלאָזן ליגן אַלצדינג און קוים אַרויס מיטן לעבן. אָסטרע, שדה-לבן, טשודנאָוו און אַנדערע קהילות זיינען געבליבן וויסט; מען האָט זיך געראַטעוועט אין פעסטע שטעט אַריין, קיין נעמיראָוו, קיין טולטשין. ווער עס האָט זיך ניט אַרויסגעריסן באַצייטנס, דער איז געווען אַ פאַרפאַלענער. אויסבאַהאַלטן זיך איז געווען אוממיגלעך, ווייל אומעטום זיינען געווען מוסרים — די פּראַוואָסלאַוונע באַדינער אין די הויפן, די פּראַוואָסלאַוונע בירגער אין די שטעט.

קיין דערבאַרעמקייט איז ניט געווען. מען האָט געשניטן און געזעגט מענטשן אין צווייען, צוגעבונדן שטיינער צום האַלז און

געוואָרפן אין טייך, געבויערט מיט עגבערס דאָס לעבעדיקע פלייש, אַרויסגעריסן די אויגן, געשונדן די הויט, געוואָרפן קינדער אָן וואַנט און הנאה געהאַט, ווען דער מאַרך האָט אַרויסגעשפּריצט פון צעשמעטערטן שאַרבן. די טראָגעדיקע פרויען האָט מען אויפגעשניטן דעם בויך, אַרויסגעוואָרפן די קינדער און איינגענייט קעץ; דערביי האָט מען אָפּגעהאַקט ביי זיי די פינגער, אַז זיי זאָלן ניט קענען אויפרייסן צוריק די נאָט. קינדער האָט מען געבראָטן אויף שפּיזן און אונטערגעטראָגן די מוטערס. פרויען האָט מען פאַרגוואַלדיקט און געצוווּנגען די מענער און פאָטערס צוצוקוקן, דערנאָך האָט מען זיי געקוילעט.

די הייליקייטן פון די קאַטויליקן און יידן האָט מען פאַרשוועכט און געשענדט. ספר־תורות האָט מען צעריסן אויף שטיקלעך, מיט די רצועות פון תפילין האָט מען זיך אַרומגעוויקלט די פיס; אָדער מען האָט צעלייגט די ספר־תורות אויף דער ערד, געטאַנצט אויף זיי און דערנאָך געשאָכטן אויף זיי די יידן. די קאַטוילישע הייליקייטן האָט מען אויך געריסן מיט דער זעלביקער אכזריות. פון די קלויסטערס האָט מען געמאַכט פערדשטאַלן; ביי די הייליקע בילדער האָט מען אויסגעשטאָכן די אויגן, און די מאָנאַשקעס האָט מען געשענדט דווקא פאַר די אַלטאַרן. דערנאָך פלעגט זיך אָנהייבן די הוליאַנקע. אין די פּריצישע קעלערס זיינען געלעגן גוטע פעסער וויין; דאָס איז איצטער פיין צוניץ געקומען, און נאָך אַזאַ שחיטה האָט זיך די גאַנצע חברה געוואַלגערט אויף דער ערד טויט־שיכּור. אַמאָל פלעגט זיך טרעפן, אַז אין דער צייט פון אַזאַ הוליאַנקע פלעגן אָנלויפן פריצים און נעמען זיך רעכענען. נאָר ביים קאָזאַק איז דאָס אויך ניט געווען קיין אָפּשרעק. ער האָט זיך געהאַט זיין ווערטל: „צי שטאַרבן, צי הענגען—מער ווי איין מאָל ווערט מען ניט געבוירן אויף דער וועלט“.

פיל הונדערטער יידן האָבן אָנגענומען פון שרעק דעם פּראַוואָסלאַווּנעם גלויבן; טויזנטער זיינען אומגעקומען אויף קידוש־השם. אין לאַדיושין, ווערט דערציילט, האָבן די קאָזאַקן געבונדן די עטלעכע טויזנט געפאַנגענע יידן, אַוועקגעלייגט זיי אויף אַ לאַנגע און געזאָגט צו זיי אַזוי:

„צו וואָס פאַרעקשנט איר זיך אין אייער פאַלשן גלויבן? גלייבט אין אונזער גאָט, אַבפערט דעם הייליקן קרייץ, אַז מיר זאָלן זיין מיט אייך איין פאָלק; וואָלט איר געווען פריש און געזונט; מיר וואָלטן אייך אַוועקגעגעבן אייער אייגנס, און איר וואָלט געווען אַזוי רייך ווי פריצים".

צי האָבן זיי געמיינט אויף אַן אמת, אָדער ס'איז געווען בלויז חוזק?

„נאָר גאָטס פאָלק, ניט איבער ווייטער דער פרומער שרייבער, האָט מפקיר געווען דעם עולם-הזה; אַלע יידן האָבן אויפגעהויבן זייער שטים צום אייבערשטן, צו דעם וואָס זיצט אין די הימלען, און מתפלל געווען: אָ גאָט, אונזער איינציקער גאָט! צו דיר זיינען מיר זיך מקדש יעטווידער שעה! העלף אונז, גאָט פון ישראל, אויסצוהאַלטן אין דיין אמונה!"

אַלע האָבן אויף אַ קול געזאָגט תהילים. די קאָזאַקן האָבן געמאַכט נאָך אַ פרווו זיי איבערצורעדן און געזאָגט מיט אַ פאָרכטיקער שטים:

„איר פאַרגיסט אַליין אייער בלוט, איר זייט אַליין שולדיק, אויב מיר וועלן אייך אויסקוילן; נאָך וואָס טרייבט איר שפּאָט פון אונזער גלויבן?"

האָבן די יידן געענטפערט:

„זאַמט זיך ניט און טוט באַלד וואָס איר ווילט אָפּטון. אונזער גאָט איז דער איינציקער האַר איבער הימל און ערד; ער זאָל טון מיט אונז חסד! און איר זייט נאָר נאָטס דינער, געשיקט אויף אונז, אונז צו פאַרטיליקן; וואָרים נאָר אַזעלכע רשעים, אַזעלכע מערדער קלייבט גאָט אויס מקיים צו זיין זיין שרעקלעכן פסק; קיין צדיק וועט ניט טון אַזאַ פאַרשאָלטענע אַרבעט. איר זייט אונזערע שונאים, איר האָט אונז פיינט, איר זייט דעריבער ווערט אויסצופירן די האַרטע שטראָף; און טאָמער וועט איר דאָס ניט טון, וועט גאָט אָנשיקן אַנדערע דינער—די ווילדע בערן פון וואַלד".

נאָך די רייד האָבן די קאָזאַקן גענומען שעכטן, ניט געשאַנעוועט קיינעם, ניט פרויען, ניט קינדער, ניט אַלטע. יידן זיינען

געוועזן אַזוי געבראָכן, אַזוי דערשלאָגן, אַז זיי האָבן אַפילו ניט גע־פּרוּווט זיך שטעלן אַנטקעגן. דאָס איז געוועזן ביי די ערשטע שחיטות, שפּעטער האָבן שוין די רוצחים באַגעגנט אַ ווידערשטאַנד, און צום סוף פון דער מלחמה האָט שוין געקעמפט, אין דער שלאַכט ביי בערעסטעטשקע, אַ יידישע אָפּטיילונג פון טויזנט מאַן.

די אוקראַינער פאָלקס־לידער און די פאָלקס־מעשיות דער־ציילן אויך וועגן מערדערייען, אָבער דאָס רוב מיט אָפּלאַכעניש: „אָט לויפט דער ייד לייבע און דער בויך ציטערט אים. ווי נאָר ער גיט אַ קוק אויף דער שול, נעמט אים קלעמען זיין יידיש האַרץ. די שול, זאָגט ער, אַ געמויערטע שול! אונטערן אָרעם קען מען דיך ניט נעמען, אין קעשענע קען מען דיך ניט באַהאַלטן, מען וועט דיך מוזן אַוועקגעבן צו די קאָזאַקן אויף אַן אומווערדיקן אָרט“.

מחנות מערדער זיינען אומגעגאַנגען איבער גאַנץ אוקראַינע, געגאָסן בלוט און גערויבט מיט די טאַטערן בשותפות. און כמעלניצקי איז דערווייל געשטאַנען לעבן שדה־לבן, איינגעפעסטיקט און געשטאַרקט זיך און געזוכט אויסצוגעווינען צייט דורך אונטער־האַנדלונגען.

•

די גזרה פון נעמיראָוו.

וועגן דער שחיטה אין דער שטאָט נעמיראָוו וועלן מיר לאָזן ריידן ר׳ נתן־נטע האַנאָווערן, מיט זיין איינפאַכער, קלאָרער, גאָטס־פאָרכטיקער שפּראַך.

דאָס קאַפּיטל לייענט זיך ביי אים אַזוי:

ווען כמעל האָט דערהערט, אַז אין נעמיראָוו האָבן זיך איינ־געזאַמלט פיל יידן און זיי האָבן מיט זיך פיל גאָלד און זילבער, האָט ער געשיקט אַהין אַן אָפּטיילונג פון זיינע זעלנער. דער עלט־סטער פון דער אָפּטיילונג האָט גענומען מיט זיך 600 מאַן שווער באַוואָפנטע מענטשן. צוואַנציק טעג אין סיוון זיינען די קאָזאַקן צו־געקומען נאָענט צו דער שטאָט.

די יידן האָבן געזען פונדערווייטנס, אַז עס קומט אַן חייל,

האָט זיך דאָס האַרץ אין זיי געשראָקן, נאָר זיי האָבן ניט געוואוסט, צי זיינען דאָס פּאָליאַקן אָדער קאָזאַקן. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אַלע צוזאַמענגענומען מיט זייערע ווייבער און קינדער, מיט זייער זילבער און גאָלד, זיינען אַריין אין פעסטונג און האָבן זיך דאָרטן פאַרשלאָסן, כּדי מלחמה צו האַלטן. די קאָזאַקן האָבן זיך נאָכגעמאַכט פּאָנעם פונקט אַזוי ווי די פּאָליאַקן, און קיין אַנדער אויסווייניקסטער אונטערשייד צווישן זיי איז ניט געווען. די פּראַוואָסלאַווונע שטאָטלייט האָבן געוואוסט וועגן דער פאַלשקייט, נאָר זיי האָבן גערופן צו די יידן וואָס אין פעסטונג: „עפנט די טויערן פאַר דעם פאָלק פון פוילן, וואָס זיינען געקומען העלפן אייך פון אייער פיינט“. די יידן וואָס זיינען געשטאַנען אויף מויער האָבן געזען, אַז די פּאָנעם זיינען געגליכן צו די פוילישע, האָבן זיי געמיינט, אַז די שטאָטלייט זאָגן אמת, האָבן זיי אויפגעעפנט די טויערן.

ווי נאָר דאָס איז געשען, זיינען אַריין די קאָזאַקן מיט די בלאַנקע שווערדן אין האַנט. די שטאָטלייט האָבן אויך געהאַט שווערדן, שפּיזן, אַקערמעסער; טייל זיינען געווען מיט שטעקנס — האָבן זיי אומגעבראַכט פיל יידן. פרויען און מיידלעך זיינען גע־פייניקט געוואָרן. טייל פרויען און מיידלעך זיינען אַריינגעשפּרונגען אין דעם וואַסער־גראָבן, וואָס לעבן פעסטונג, כּדי די ערלים זאָלן זיי ניט פאַראומרייניקן. זיי זיינען דערטרונקען געוואָרן אין וואַסער.

אַ סך מאַנסבּילן זיינען אויך אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און זיך געלאָזט שווימען. זיי האָבן שוין געמיינט, אַז זיי זיינען ניצול געוואָרן פון טויט, נאָר די יוונים זיינען זיי נאָכגעשוואומען מיט שווערדן און אַקערמעסער און געהרגעט זיי אין וואַסער. אַנ־דערע האָבן געשאָסן פון ביקסן אויף די שווימענדיקע יידן און זיי דערהרגעט. דאָס וואַסער איז רויט געוואָרן פונעם בלוט פון די הרוגים.

עס איז געווען אין שטאָט אַ ראש־ישיבה מיטן נאָמען הגאון ר׳ יחיאל־מיכל, אַ זון פונעם גאון ר׳ אליעזר ז״ל. ער האָט געקענט גאַנץ תּורה אויף אויסווייניק און איז געווען קלאָר אין אַלע חכמות פון דער וועלט. דעם שבת פאַר דער גזרה האָט ער געזאָגט

אַ דרשה און געוואָרנט דאָס פאָלק, אַז אויב דער שונא וועט חלילה קומען, זאָלן זיי זיך אָפּגעבן אויף קידוש־השם און נים פאַרלייקענען זייער אמונה. דאָס הייליקע פאָלק האָט אַזוי געטאָן.

דער גאון אַליין איז אויך אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער צו דאַטעווען זיך. האָט אים געכאַפּט איינער אַ יוון און אים געוואָלט הרגענען. האָט אים דער גאון געבעטן, ער זאָל אים לאָזן לעבן, וועט ער אים געבן פיל גאָלד און זילבער. דער יוון האָט אים געפאָלגט, און דער גאון האָט אים אַוועקגעפירט אין זיין הויז צו דעם אָרט, וואו זיין גאָלד און זילבער איז געלעגן באַהאַלטן. האָט דער קאָזאַק אים געלאָזן לעבן. איז דער גאון אַוועק מיט זיין מוטער און זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין שטוב די גאַנצע נאַכט ביז באַגינען.

אויף מאָרגן האָבן די יוונים גענומען זוכן אין די הייזער, צי איז דאָרטן נים באַהאַלטן עפּעס אַ ייד. איז דער גאון מיט זיין מוטער אַנטלאָפן אויפן בית־עולם, כדי אַז טאָמער וועט מען זיי הרגענען, זאָלן זיי בלייבן אויפן בית־עולם, וועלן זיי קומען צו קבורה. בשעת ער איז שוין געווען נאָענט צום פעלד, איז אים נאָכגעלאָפן אַ יוון פון די שטאָטלייט, אַ שוסטער, מיט אַ שטעקן אין האַנט. ער האָט געשלאָגן דעם גאון און אים אָנגעמאַכט וואונדן. האָט דעם גאונס מוטער געבעטן ביים יוון, ער זאָל זי הרגענען אָנשטאָט דעם זון. ער האָט זיך נים צוגעהערט צו איר און האָט אומגעברענגט פריער דעם גאון, דערנאָך די מוטער. גאָט זאָל זיך רעכענען פאַר זייער בלוט. דריי טעג נאָך דער הריגה האָט דעם גאונס ווייב זיי געבראַכט צו קבורה, וואָרים אין די אַלע ערטער, וואו ס'זיינען געווען די גזרות, האָט מען די פרויען צום גרעסטן טייל געלאָזט לעבן, נאָר אַן אַלטע אָדער אַ קראַנקע האָט מען געטייט.

איינער אַ קאָזאַק האָט געפאַנגען אַ בתולה, זייער אַ שיינע, פון אַ יחוסדיקער און רייכער משפחה. ער האָט זי געוואָלט נעמען פאַר אַ פרוי. איז איידער ער איז געקומען צו איר האָט זי אים געזאָגט מיט פאַלשקייט: זי קען מאַכן אַזאַ סגולה, אַז קיין געווער וועט זי נים נעמען. און זי האָט געזאָגט צו אים: טאָמער גלויבסטו

ניט, קענסטו מאַכן אַ פּרוּוו: שיס אוים אין מיר, וועט עס מיר ניט שאַטן. איר מאַן, דער קאָזאַק, האָט געמיינט, אַז זי זאָגט אמת, האָט ער אויסגעשאָסן אין איר בתמימות, און זי איז אַנידערגעפאַלן אַ טויטע. זי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם, כּדי דער גוי זאָל זאָל זי ניט פאַראומרייניקן. גאָט זאָל זיך רעכענען פאַר איר בלוט.

נאָך האָט זיך פאַרלאָפן מיט אַ בתולה זייער אַ שיינער, וואָס אַ קאָזאַק האָט זי גענומען פאַר אַ פרוי. זי האָט געזאָגט צו אים, אַז ער זאָל איר געבן קדושין אין זייער געבעטהויז, וואָס שטייט אונטער דער בריק. ער האָט איר צוליב געטון און געפירט זי צו דער חופּה אין קיניגלעכע קליידער. ווי נאָר זי איז געקומען אויף דער בריק איז זי אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און דערטרונקען געוואָרן אויף קידוש־השם. גאָט זאָל זיך רעכענען פאַר איר בלוט.

נאָך און נאָך אַזוינס איז דאָרט געשען וואָס מען קען דאָס נאָר ניט אויסדערציילן. די צאָל פון אַלע דערהרגעטע און דער־טרונקענע אין נעמיראָוו איז לערך זעקס טויזנט נפשות. זיי זיינען אומגעבראַכט געוואָרן מיט אַלע מיתות משונות, ווי איך האָב גע־שריבן. גאָט זאָל זיך רעכענען פאַר זייער בלוט. און די וואָס זיי־נען אַנטרונען געוואָרן פון שווערד אין נעמיראָוו זיינען אַנטלאָפן קיין טולטשין, וואָרים דאָרט איז געווען הינטער דער שטאָט נאָר אַ שטאַרקע פעסטונג.

די גזרה פון טולטשין

אויך אין טולטשין זיינען אומגעקומען עטלעכע טויזנט יידן. דאָ האָט געווילדעוועט אַ באַנדע קאָזאַקן, וואָס אין דער שפּיץ פון איר איז געשטאַנען מאַקסים קריוואָנאָס, דער בלוטדאָרשטיק־סטער פון כמעלניצקים אַלע מיטהעלפער. נאָך ביז היינטיקן טאָג ווערן פּאָדאָליער און וואָלינער יידן צעציטערט, ווען זיי הערן זיין נאָמען. זיינע אָנהענגער האָבן געשמועסט, אַז ער איז אַ כּישוף־מאַ־כער, וואָס אים נעמט ניט קיין קויל.

אין פעטטונג טולטשין, דערציילט ר׳ נתן־נטע, זיינען געווען 600 מאַן שטאַרקע העלדן פון די פוילישע שליאַכציצן. אויך זיינען זיך דאָרט צונויפגעקומען בײַ 2000 יידן, און צווישן זיי זיינען אויך געווען שטאַרקע העלדן, געניטע אין מלחמה. האָבן די יידן און פּאָליאַקן געשלאָסן אַ בונד, אַז איינער דעם אַנדערן זאָל העלפן שלאָגן זיך מיט די שונאים, און מען האָט זיך צוגעשוואוירן, אַז מען וועט ניט פעלשן איינער אין צווייטן.

מען האָט זייער שטאַרק פאַרזיכערט די פעסטונג, און די יידן האָבן זיך באַוואָפנט מיט אַלערליי געווער. אויף דער מויער האָבן זיך אַוועקגעשטעלט די שליאַכציצן און די יידן, און יעדער מאָל וואָס די קאָזאַקן זיינען צוגעקומען נעענטער צו דער פעסטונג האָט מען געשאָסן אויף זיי מיט פיילן און מיט קוילן. אַ סך יוונים זיינען אומגעקומען. די קאָזאַקן האָבן גענומען לויפן פאַר די יידן, און די יידן האָבן זיך געשטאַרקט און זיינען זיי נאָכגעלאָפן און האָבן פיל הונדערטער קאָזאַקן אויסגעהרגעט.

די קאָזאַקן האָבן זיך אויפגעקליבן איבעראַניים נאָך מיט אַ גרעסערן חייל און געבראַכט צו פירן אַ מויערברעכער, כּדי צו ברעכן די מויער. דערביי האָבן זיי אויפגעהויבן, ווי זייער שטייגער איז געווען, אַ גרויס געשריי. די וואָס זיינען געווען אויף דער מויער האָבן דערזען די גרויסע מחנות, האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן, נאָר פונדעסטוועגן האָבן זיי געשאָסן ווייטער און ניט צוגעלאָזן דעם שונא צו דער מויער.

ווי די באַלאַגערונג האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט אָן ערפאָלג, האָבן זיך די קאָזאַקן באַקלערט, אַז זיי וועלן שיקן אַ בריוו צו די פוילישע שליאַכציצן אין שטאָט און פאָרלייגן זיי שלום מיט איין באַדינג — אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן דאָס גאַנצע אייגנס פון די יידן. אַזוי האָבן זיי געטאָן. ווען די פוילישע שליאַכציצן האָבן באַקומען דעם בריוו, האָבן זיי תּיכף איינגעשטימט צו דעם אָפּמאַך, און אין דער שבועה האָבן זיי פאַרגעסן. זיי האָבן געשיקט נאָך די יידן איינציקווייז און צוגענומען בײַ זיי דאָס געווער. ווען דאָס איז גע-שען מיט עטלעכע יידן, האָבן די אַנדערע באַלד פאַרשטאַנען דעם שווינדל, וואָס מען וויל זיי אָפּטון. עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכע

אויפרעגונג, און מען האָט געוואָלט אַרויסגיין מיט גוואַלד אַנט־קעגן די שליאַכציצן און אומברענגען זיי, ווייל זיי האָבן אַזוי שענד־לעך געבראָכן זייער וואָרט. אויב אונז איז באַשערט אומצוקומען, טאָ זאָלן זיי שטאַרבן מיט אונז אינאיינעם, האָבן געשטורעמט די יידישע קריגסלייט.

איז אָבער אַרויס דער ראש־ישיבה פון טולטשין ר׳ אהרן און אַ געשריי געטאָן אויף אַ קול און געזאָגט צו זיי אַזוי:

הערט אויס מיינע ברידער! מיר זיינען אין גלות צווישן די פעלקער. אויב איר וועט אויסשטרעקן אַ האַנט אויף די שליאַכ־ציצן, וועלן זיך דאָס דערוויסן אַלע קריסטלעכע קיניגן און זיי וועלן זיך אָפּרעכענען חלילה מיט אַלע אונזערע ברידער אין גלות. דעריבער, אויב דאָס איז אַ גזר פון הימל, לאָמיר אָננעמען פאַר ליב אונזער פסק. מיר זיינען ניט בעסער פאַר אונזערע ברידער אין נעמיראָוו, און דער אַלמעכטיקער גאָט זאָל געבן, אַז די שונאים זאָלן רחמנות האָבן אויף אונז. אפשר וועלן זיי נאָר צונעמען אַלצדינג וואָס עס איז די גלוסטונג פון אונזער אויג, ווי אַ געצאָלט פאַר אונזערע נפשות.

ביי אַלעמען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן די הענט, און מען האָט שוין מער ניט געמאַכט קיין פּרווו צו שטעלן זיך אַנטקעגן. די יידן האָבן געבראַכט אין הויף פון פעסטונג אַלץ וואָס זיי האָבן פאַר־מאָגט. תיכף האָט מען געעפנט די טויערן, און די יוונים זיינען אַריין אין פעסטונג. האָט דער אָנפירער פון די פּאָליאַקן, דער דוקעס טשווערטשינסקי געזאָגט צו די קאָזאַקן: אָט האָט איר, וואָס איר האָט פאַרלאַנגט. די קאָזאַקן האָבן באַלד צוזאַמענגענומען דאָס גאַנצע יידישע האָב און גוטס.

זיי האָבן זיך אָבער דערמיט ניט באַנוגנט און געהייסן די פּאָליאַקן, זיי זאָלן נעמען אין געפענגעניש אַלע יידן. די פּאָליאַקן האָבן געפאָלגט, אַבי נאָר צו ראַטעווען זיך אַליין. דאָס לעבן פון די יידן איז געהאַנגען אויף אַ האָר, ניט זיי אַליין און ניט קיינער האָט געוואוסט, וואָס עס וועט מיט זיי זיין. דעם דריטן טאָג האָבן שוין די יידן אַזוי פאַרבראַכט אין יסורים, זיינען איבעראַניים געקו־מען די קאָזאַקן און געפאָדערט ביי די שליאַכציצן, מען זאָל אַרויס־

געבן אַלע יידן. די שליאַכציצן האָבן מורא געהאַט איינצורייסן מיט די יוונים — וואָס דאַרפן זיי זיך פאַרברענגען אָן די יידנס קוילן — האָבן זיי תיכף אַרויסגעשטויסן אַלע יידן פון פעסטונג. די יידן זיינען אַרוים מיט אַ צעבראָכן האַרץ, אָן געווער און אָן אַ מיגלעכקייט צו פאַרטיידיקן זיך. די יוונים האָבן פאַרשפּאַרט די יידן אין אַ סאָד און זיי פעסט פאַרשלאָסן, זיי זאָלן ניט קענען אַנטלויפן.

די יידן האָבן געוואַרט אין ציטערניש. צווישן זיי זיינען געווען דריי גאונים, ר׳ אליעזר, ר׳ שלמה און ר׳ חיים. זיי האָבן געוואָרנט דאָס הייליקע פאָלק, אַז זיי זאָלן גיין אויף קידוש-השם און ניט פאַרלייקענען זייער אמונה. האָבן אַלע געענטפערט: „שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד. אַזוי ווי אין אייערע הערצער איז מער ניט ווי איינער, אַזוי איז אין אונזערע הערצער מער ניט ווי איינער“.

נאָכדעם איז געקומען צו גיין אין סאָד איינער פון די קאָזאַקן, אַריינגעשטעקט אַ פאָן אין דער ערד און אַ געשריי געטאָן מיט אַ הויכן קול: ווער עס וויל אָפּלייקענען זיין אמונה, זאָל זיך אַוועקזעצן לעבן דער פאָן, וועט ער בלייבן לעבן. קיינער האָט אים ניט געענטפערט. דריי מאָל האָט ער דאָס איבערגעחזרט און קיינער האָט אים ניט אָפּגעענטפערט מיט קיין וואָרט. האָט ער אויפגעעפנט דעם טויער פון סאָד, עס האָבן זיך אַריינגעריסן אַלע ווילדע קאָזאַקן, און זיי האָבן געטייט מיט די משונהדיקסטע מיתות אַ סך יידן, ביי אָנדערהאַלבן טויזנט נפשות. אויך די דריי דערמאָנטע גאונים זיינען געפאַלן פון שווערד. צען רבנים האָט מען גענומען, געשמידט די פיס אין קייטן און אַריינגעזעצט אין תפיסה, ביז וואַנען יידן וועלן זיי אויסקויפן מיט צען טויזנט גילדן.

אַצונד זיינען די קאָזאַקן צוגעטראָטן מיט מלחמה צו דער פעסטונג. האָבן די שליאַכציצן געזאָגט צו זיי: איר האָט דאָך געשלאָסן מיט אונז אַ בונד, פאַרוואָס ברעכט איר אייער וואָרט? האָבן די יוונים געענטפערט: „פונקט אַזוי ווי איר האָט געטאָן מיט די יידן און צעבראָכן דעם בונד, אַזוי וועלן מיר אויך טון מיט אייך“. די שיסער פון מויער האָבן גענומען שיסן, אָבער די קאָזאַקן האָבן גובר געווען. זיי האָבן אויסגעהרגעט אַלע שליאַכ-

ציצן, צוגענומען זייער גאַנץ אייגנס און די פעסטונג פאַרברענט ביזן גרונט.

אַ שרעקלעכן פסק האָט געהאַט דער פירער פון די פּאָליאַקן, דער דוקעס טשווערטשינסקי. פאַר אים אין די אויגן האָט מען פאַרגוואַלדיקט זיין פרוי און זיינע צוויי טעכטער. ער איז געווען זייער אַ דיקער און איז תמיד געזעסן אויף אַ שטול; ער האָט כמעט ניט געקענט שטעלן אַ טריט. איז צוגעגאַנגען צו אים איינער פון זיינע געוועזענע לייבקנעכט, אַ מילנער, אַ היציקער מענטש, אַראָפּגענומען פאַר אים דאָס היטל און געפרעגט מיט חוזק: „וואָס וועט דער האַר באַפעלן צו זיין קנעכט?" דערנאָך האָט ער דער־מאָנט דעם פּריץ, ווי ער פלעגט שינדן זיינע פויערים און מאַטערן מיט שווערע אַרבעט, און אַ זאָג געטאָן: שטיי אויף פון דיין שטול, איך וועל זיך זעצן אויף דיין אָרט און זיין אַ הערשער איבער דיר. דער פירשט האָט פון שווערקייט און שרעק ניט געקענט אויפ־שטיין. האָט דער קאָזאַק אים אַ וואָרף געגעבן פון שטול, צוגע־שלעפּט אים ביז דער קיך און אויפן שוועל אָפּגעזעגט אים דעם קאָפּ מיט אַ זעג.

אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן אַליין, ענדיקט נתן־נטע זיין באַריכט, אַזוי האָט גאָט זיי באַצאָלט, ווייל זיי האָבן געבראָכן דעם בונד מיט די יידן. און אַלע שליאַכציצן, וואָס האָבן געהערט וועגן דעם, האָבן געזאָגט: רעכט אויף זיי. און פון יענעם טאָג אָן און ווייטער האָבן די שליאַכציצן געהאַלטן פעסט מיט די יידן און ניט איבער־געגעבן זיי אין די הענט פון די רשעים. און כאָטש די רשעים האָבן זיי געשוואוירן וויפל מאָל, אַז מען וועט זיי קיין זאַך ניט טון, מען מיינט נאָר די יידן, האָבן די פּאָליאַקן זיי שוין מער ניט געגלויבט.

יב

ווישנעוועצקי נעמט נקמה

פון טולטשין זיינען די מערדער אַוועק ווייטער איבער פּאָ־דאָליע. קראַסני, בראַצלאַוו, וויניצע האָבן געהאַט דעם זעלביקן

פסק. עס איז די קאָזאַקן ניט געגוג געווען, וואָס זיי האָבן געשאָכטן; אַפילו די געשטאָרבענע האָבן אויך פאַר זיי קיין רו ניט געהאַט. אונטערן פרייען הימל האָבן געפוילט טויטע קערפּערס אין אַזעלכע מאַסן, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מגפה. די בלוטדאָרשטיקסטע אָנפירער זיינען געווען, חוץ קריוועניאָסן, האַנזשאַ, פּאָלאָוויאַן און מאָראָזענקאָ. ווען דעם ערשטן דערציילט מען, אַז ווען ער פלעגט כאַפּן אַ פּוילישקע אָדער אַ יידישקע, פלעגט ער איר ביים האַלז אַראָפּדראַפּען אַ פּאַס הויט און זאָגן דערנאָך, אַז דאָס האָבן איר די קאָזאַקן געשאָנקען אַ רויט בענדעלע.

די פּוילישע פּריצים, אויף וויפיל זיי זיינען נאָך געבליבן ביים לעבן, האָבן שוין ניט געטראַכט וועגן קיין ווידערשטאַנד. זיי זיינען געלאָפן צו וואַרשע. אין דער מיגלעכקייט אָנצופירן אַ קאַמף האָבן זיי זיך מיאש געווען; זיי האָבן געקלערט נאָר וועגן ראַטעווען דאָס נאַקעטע נפש. נאָר דאָ איז אויפגעשטאַנען פון צווישן זיי איינער, וואָס האָט באַשלאָסן אָפּצוצאָלן די קאָזאַקן מיט זייער אייגענער מטבע. דאָס איז געווען דער דוקעס יערעמי (ירמיה) ווישנעוועצקי. ער איז אין גרויזאַמקייט גלייך געווען צו די קאָזאַקן. „יאַריאָמאַ" האָבן אים גערופן די אוקראַינער, און דאָס גדעכעניש פון זיינע מערדערייען האָט זיך אַזוי איינגעקריצט אין זכרון פון פאָלק, אַז נאָך ביי היינטיקן טאָג רופט דער נאָמען „יאַריאָמאַ" אַרויס אַ שרעק אויף אוקראַינע.

ווישנעוועצקיס פאָטער איז געווען אַ פּראַוואָסלאַוונער און האָט געשטאַמט פון דער רוסישער (אוקראַינער) שליאַכטע. ער אַליין איז אויך פריער געווען אַ פּראַוואָסלאַוונער, נאָר דערנאָך האָט מען אים אָפּגעגעבן אין אַ יעזויטישער שולע, און ער האָט געביטן די רעליגיע. אַזאַ מין משומד איז אַלעמאָל דער פאַרביסנסטער. ער האָט געבויט קאַטוילישע קלויסטערס און מאָנאַסטירן, באַקעמפט די פּראַוואָסלאַוונע מיט גרוים באַגייסטערונג, געטריבן זיי פון זיינע מאַיאָנטקעס. און מאַיאָנטקעס האָט ער געהאַט אומגעהייערע, איבערהויפּט אין דער היינטיקער פּאָלטאַוואָער גובערניע. נאָך פריער האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ווילדקייט אין די פאַרמעגנסבכסוכים מיט זיינע שכנים און מיט זיין גרויזאַמקייט אין קריג

קעגן מאָסקווע. איצטער, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן כמעלניצקים אויפשטאַנד, האָט ער אויפגעקליבן עטלעכע טויזנט שליאַכציצן און אַרויס מיט זיי קעגן די אויפגעשטאַנענע.

דער באַגריף פון רחמנות האָבן, פון שאַנעווען איז אים געווען אינגאַנצן פרעמד. אויף אַלע פלעצער אין די ישובים, וואו ער איז דורכגעגאַנגען, זיינען געשטאַנען תליות, געלעגן אָפּגעהאַקטע קעפּ. ווען עס זיינען געקומען צו אים זעקס שלוחים פון כמעלניצקין פירן אונטערהאַנדלונגען, האָט ער אַלע זעקס געזעצט אויף דער פּאַליע. דאָס איז איינער פון די פיינלעכסטע טויטן, און גראָד דער מיטל איז געווען ביי אים זייער באַליבט: צו אַ סלופּ פלעגט מען צופעסטיקן אַ פאַרשפּיצטע פּאַליע (אַ שטעקן) און אַרויפזעצן אַהין דעם קרבן. דער שטעקן פלעגט זיך דורכשניידן דורך די אינגעווייד און ענדלעך אַרויסקומען פון פאָרנט. פּאַר פּראַוואָסלאַוונע גלחים, וועלכע ער האָט באַזונדערס פיינט געהאַט, האָט ווישנעוועצקי געהאַט אַ ספּעציעלע מתנה: ער פלעגט זיי הייסן אויסבויערן די אויגן מיט אַן ענבער.

טאָמער. האָט עמעצער געגעבן אים אָנצוהערעניש וועגן אַ פּשרה מיט די קאָזאַקן, האָט ער געהאַט נאָר איין ענטפער: ער פלעגט שווייגנדיק אָנווייזן אויף זיין שווערד.

שטייענדיק לעבן דער שטאָט נעמיראָוו, האָט ווישנעוועצקי צוגעשיקט אַהין איינעם פון זיינע הויפּטלייט, פאָדערן עסנוואַרג פאַר זיינע זעלנער: נעמיראָוו איז געשטאַנען אויף זיין ערד. נאָר די בירגער האָבן געענטפערט דעם שליח: „אַוועק פון דאַנען! ניטאָ מער ביי אונז קיין זכר פון פּאָליאַקן! מיר קענען ניט דיין פאַן. מיר האָבן איצטער אַן אַנדער פאַן — כמעלניצקין“.

ווען מען האָט איבערגעגעבן ווישנעוועצקין דעם ענטפער, איז ער געוואָרן שטאַרק דערצאָרנט און אַוועק אויף נעמיראָוו מיט זיין גאַנצער מחנה. די קאָזאַקן האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט היץ און האַרץ, נאָר ס'האָט זיי ניט געהאָלפן. אַ טייל פון זיי האָט מען אויסגעהרגעט, די בירגער האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס און אויף די ביידימער, און יאַריאָמאַ איז אַריין אין שטאָט.

די שטאָטלייט, דערציילט אַ פּוילישער היסטאָריע־שרייבער פון יענע צייטן, זיינען אַרויסגעקראָכן פון זייערע לעכער און ציטערנדיק געקומען צו גיין צום האַר. „מיר זיינען אומשולדיק, האָבן זיי געיאָמערט, דאָ זיינען געווען קאָזאַקן, זיי זיינען די פאַררעטער, זיי האָבן דאָס געגעבן דיין שליח דעם חוצפּהדיקן ענטפער! דערבאַרעם זיך אויף אונז! מיר וועלן טון וואָס דו פאַרלאַנגסט!"

„די שולדיקע דערלאַנגט מיר!" האָט אַ געשריי געטאָן ווישנעוועצקי און געהייסן, אַז אויף מאָרגן זאָל זיך אויפקלייבן די גאַנצע שטאָט. די שטאָטלייט האָבן מורא געהאַט פאַר זייער לעבן און אָנגעוויזן אויף אַ סך מענטשן. ווישנעוועצקי האָט זיך מיט זיי אָפּגערעכנט, אָבער דערמיט האָט ער זיך ניט באַנוגנט. ער האָט געפּייניקט אויף וועמען עס איז נאָר געפאַלן דער מינדסטער חשד און גאָר אָן חשד, לויט זיין איינזען. מען האָט געריסן אויגן, געשפּאָלטן לעבעדיקערהייט אין צווייען, געזעצט אויף דער פּאַליע, באַגאָסן מיט זודיקע וואַסער. מען האָט אויסגעקלערט אַזוינע יסורים, זאָגט דער היסטאָריע־שרייבער, וואָס אַפילו די געצנדינער וואָלטן אַזוינס ניט געקענט צוטראַכטן. ווישנעוועצקי איז געשטאַנען דערביי און הנאה געהאַט. „פּייניקט זיי אַזוי, זיי זאָלן שפּירן, אַז זיי שטאַרבן", האָט ער געשריען.

די איבעריקע שטאָטלייט האָט ער געלאָזן ביים לעבן און איז אַוועק מיט זיין מחנה, אָבער ווי נאָר ער איז אַרויס פון שטאָט האָבן זיי צוריק אָנגעקניפּט באַציונגען מיט כמעלניצקים לייט, און ס'זיינען אָנגעקומען אין שטאָט פּודאָסניי קאָזאַקן. דאָס ביסל זעלנער וואָס די פּאָליאַקן האָבן איבערגעלאָזן זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן. כמעלניצקי איז צוריק געוואָרן האַר איבער דער שטאָט ווי ווישנעוועצקי האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַ געשריי געטאָן, אַז ער וועט באַשטראָפן די שטאָט אַזוי, ווי די וועלט האָט דאָס נאָך ניט געזען. נאָר ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער קריגסלאַגע ערגעץ אַנדערשוואו און האָט זיך שוין ניט געקענט אומקערן אין יענע געגנטן.

יידן האָט ווישנעוועצקי באַהאַנדלט גוט; די שנאה צו די קאָזאַקן האָט אים געמאַכט פאַר אַן אוהב־ישראל. האַנאָווער שרייבט

וועגן אים: „דער דוקעס ווישנעוועצקי, ז״ל, האָט זייער ליב גע־
האַט יידן. ווען ער איז געגאַנגען קיין ליטע, זיינען מיט אים מיט־
געלאָפן ביי 5000 יידישע באַלעבאַטים מיט זייערע געזינדן. ער האָט
זיי אָפּגעהיט אויפן בעסטן אופן, ביז וואַנען ער האָט זיי געבראַכט
צום געוואונטשענעם אָרט, איז געווען אַ סכנה פון הינטן, האָט ער
געהייסן יידן גיין פאָרויס פאַר אַלעמען; האָט מען דערשפּירט
אַ סכנה פון פאָרנט, האָט ער געהייסן יידן ניין הינטער דעם חייל,
כּדי די זעלנער זאָלן זיי פאַרטיידיקן.

יג

די ווייטערדיקע שחיטות

אויסדערציילן אַלע חורבּונות, וואָס כמעלניצקים קאָזאַקן
האָבן אָנגעמאַכט, איז אוממיגלעך; אַפילו איבערציילן אַלע שחיטות
קען מען ניט. נאָר עטלעכע מאָמענטן פון דעם שדים־טאַנץ לאָמיר
נאָך דערמאָנען.

אין דעם שטעטל פּאָלאָנע האָבן זיך העלדיש פאַרטיידיקט
צוויי טויזנט פּאָליאַקן און צוועלף טויזנט יידן. די קאָזאַקן האָבן
געפּרוווט איבערחזרן די שפּיל פון טולטשין און געשיקט פאָר־
ליינגן, אַז מען זאָל זיי אַרויסגעבן די יידן, אויב מען וויל מאַכן
שלום. נאָר די שליאַכציצן, דערציילט דאָס אוקראַאינישע פאָלקסליד:
האָבן געענטפערט:

כאָטש מיר זאָלן ליגן איינער אויפן צווייטן,
נאָר די יידישע אַרענדאַרן קענען מיר דיר ניט אַרויסגעבן.

די קאָזאַקן האָבן אָבער געפונען אַנדערע מיטהעלפער — די
אוקראַאינער פּויערים, וואָס האָבן געקעמפט אונטער דער פוילישער
קאָמאַנדע. דורך זייער פאַרראַט איז פּאָלאָנע געפאַלן. די קאָזאַקן
האָבן זיך געווענדט צו זיי מיט אַזוינע רייד: מיר זיינען דאָך לייב־
לעכע ברידער, נאָך וואָס העלפט איר די פּאַנעס קעגן אונז? איז
דען ניט בעסער צו דינען אונז, איידער די אַנדערש־גלויביקע?
האָבן די פּויערים באַלד אַריינגעלאָזן די קאָזאַקן אין שטאָט. אַ סך

יידן זיינען אומגעקומען אין בית־מדרש, וואו זיי זיינען געזעסן אין טליתים און קיטלען. עטלעכע הונדערט האָבן זיך געלאָזט שמדן, עטלעכע הונדערט זיינען אַריינגעפאַלן צו די טאָטערן.

ווער עס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די מערדערס הענט האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער. נאָר אין אַ צייט אַרום איז מען געקומען צוריק אין די ישובים, כאָטש מען האָט געשפּירט, אַז מען גייט אויף אַ זיכערן טויט. מען האָט זיך דערמאָנט די ווערטער פון איכה: בעסער אומקומען פון שווערד, איידער אומקומען פון הונגער.

זאַסלאַוו, אָסטראָ, אַלט־קאָנסטאַנטין, זוויהיל, קאָרעץ, מע־זעריטש, באַר און צענדליקער אַנדערע שטעט און שטעטלעך זיינען צעררויבט, צעשטערט און אויסגעקוילעט געוואָרן. פון פּאָדאָליע און וואָלין האָט זיך דאָס פייער פאַרשפּרייט ווייטער: קיין ליטע און ווייסרוסלאַנד פון איין זייט, קיין גאַליציע און קרוין־פּוילן פון דער צווייטער זייט. אין האָמלע, אין סטאַראָדוב, אין טשערניגאָוו זיינען אומגעקומען טויזנטער יידן. פון סלוצק, פון פּינסק, פון בריסק איז מען געלאָפן קיין גראָדנע און ווילנע, וואוהין דער שונא האָט ניט דערגרייכט. נאָך אַנדערע זיינען געלאָפן קיין קרוין־פּוילן, פון דאָרט מיט דער ווייסל קיין דאַנציג, אָדער איבערן ים־בשה־גרע־נעץ קיין דייטשלאַנד און ווייטער.

אונטער דער שטאָט פּינסק האָבן די קאָזאַקן אָנגעיאָגט אויף די פעלדער פיל הונדערטער וואָגנס, וואָס זיינען מיטגעלאָפן מיט מענטשן און גוטס; מען האָט אַלעמען אומגעבראַכט און דאָס איינגס געררויבט. נאָר פאַר פּינסק האָט זיך גוקם געוועזן דער דו־קעס ראַדזיוויל. ער האָט באַלעגערט די שטאָט מיט עטלעכע טויזנט פּאָליאַקן און אונטערגעצונדן זי פון אַלע פיר זייטן; די קאָזאַקן וואָס האָבן געוואָלט אַנטלויפן אויף שיפלעך האָט מען געהרגעט, טייל זיינען פאַרברענט געוואָרן אין שטאָט.

אין סלוצק האָבן די קאָזאַקן אויך געהאַט אַ ביטערן פּסק. מען האָט זיי געשיקט זאָגן, אַז אין שטאָט געפינען זיך פיל רייכע יידן; זאָלן זיי קומען און נעמען וואָס זייער האַרץ געלוסט. אין דער אמתן זיינען שוין קיין יידן ניט געווען, אַלע האָבן זיך

שוין געהאַט צעלאָפן. ווי נאָר די קאָזאַקן זיינען צוגעקומען נאָענט צו דער שטאָט, האָט מען אויף זיי גענומען שיסן פון דער מויער אַראָפּ, אַזוי אַז אַ סך פון זיי זיינען געפאַלן טויטע; ווען זיי האָבן גענומען לויפן, האָט מען זיי נאָכגעיאָגט און אומגעבראַכט נאָך פיל פון זיי.

אַזוי האָבן געווילדעוועט ביידע צדדים. „קריסטן איבער קריסטן, האָט געשריבן איינער אין יענער צייט, האָבן אָפּגעטאָן אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן, וואָס טערקן און טאָטערן וואָלטן קיינ= מאָל ניט געטאָן“.

אַרום די הויפּט=פאַרשוינען פון דער טראַגעדיע האָבן זיך אויסגעוועבט לעגענדעס גאַנצע. צווישן כמעלניצקים מערדער=הויפּט= לייט איז געווען, זאָגט מען, איינער, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָ= מען: „קרעציקער בוניאַק“. וועגן אים גיט מען איבער מיט אַ סקרוך איבערן לייב, אַז דאָס איז געווען אַ מת, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון קבר. זיין פּנים איז געווען מענטשיש, פון אויסווייניק האָט ער אויסגעזען ווי אַ מענטש פון אַ גאַנץ יאָר, נאָר ווער עס האָט אים געזען אַ נאַקעטן, דער האָט געוואוסט, אַז ער האָט אויף זיך מער ניט פאַרפוילטע ביינער. אַלע חודש איז ער געגאַנגען אין באָד און מיטגענומען מיט זיך אַ קאָזאַק; נאָכדעם האָט ער אים געהרגעט, כדי קיינער זאָל ניט געוואויר ווערן וועגן דעם סוד.

איינמאָל איז דער גורל מיטצוגיין מיט אים אויסגעפאַלן אויף אַ קאָזאַק, וואָס זיין מוטער איז געווען אַ כישוף=מאַכערין. האָט ער זיך געבעטן ביי דער מוטער, זי זאָל אים ראַטעווען. זי האָט אים מיטגעגעבן אַ קוכן, וואָס זי האָט אויסגעבאַקן אויף מילך פון איר ברוסט, און דער קאָזאַק האָט דאָס נאָכן באָדן געגעבן בוניאַקן. נאָכדעם ווי ער האָט דאָס אויפגעגעסן, האָט דאָס פאַרזעעניש גע= כאַפּט זיך, וואָס מען האָט אים אונטערגערוקט. ער האָט זיך אָפּ= געריפן: „האָסט זיך געראַטעוועט פון טויט, ווייל מיר האָבן גע= נאָסן פון דער זעלביקער ברוסט, און דערמיט בין איך געוואָרן דיין ברודער. נאָר איך מוז שטאַרבן“. דער קאָזאַק איז אַריבערגע= לאָפן צו די פּאָליאַקן, דערציילט זיי אַלצדינג, און אין דער ער= שטער שלאַכט איז בוניאַק געפאַלן.

נאָך היינט לעבט זיין נעדעכעניש אין וואָלין. צווישן קרע־מעניץ און דובנע, לעבן דעם שטעטל ווערבע, ווייזט מען אַ בערגל, וואָס דאָרטן זאָל זיין באַגראָבן אָט דער בוניאַק. צווישן עולם מומלט מען, אַז ביז היינט שוועבן אום אַרום דעם בערגל בייזע רוחות.

יד

אַ נייע פּוילישע מפּלה

אין יוני 1648 איז זיך צונויפגעקומען אין וואַרשע דער סיים אויף אויסצוקלייבן אַ נייעם קיניג. מען האָט דאָרטן באַלד אָנגע־הויבן ריידן וועגן דעם קאָזאַקישן אויפשטאַנד. כמעלניצקי האָט אויך צונעשיקט זיינע שלוחים, און זיי האָבן געטענהט אַזוי:

„דער קיניג וולאַדיסלאַוו אַליין האָט אונז געגעבן געלט צו בויען שיפלעך, און די פּאַנעס האָבן אונז באַלד גענומען דריקן און שטיקן. מיר וואָלטן געקאָנט ברענגען צום קיניג גאַנצע קופּערטן מיט אָנקלאָגעס, נאָר קיינער ביי אייך הערט דאָך ניט דעם קיניג; האָט ער אַליין אונז געגעבן אַן עצה, אַז מיר זאָלן אויספּועלן אונ־זער פרייהייט מיט דער שווערד". נאָר בעצם זיינען די קאָזאַקן אינ־גאַנצן געטריי דער פּוילישער מלוכה.

אַזוינע רייד האָט גערעדט כמעלניצקי, געמאַכט זיך ניט וויסנ־דיק פון אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען. צי האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל אָדער טאַקע ניט געוואוסט וואוהין ער פירט?

צווישן די מיטגלידער פון סיים איז, ווי דער שטייגער איז, ניט געווען קיין איינשטימיקייט. יערעמי ווישנעוועצקים אָנהענגער האָבן געפאָדערט, מען זאָל זיך גיך און ברוטאַל אָפּרעכענען מיט די קאָזאַקן. נאָר די שררות האָבן ניט ליב געהאַט ווישנעוועצקין פאַר זיין שטאָלץ, האָבן זיי אים דעריבער ניט געוואָלט האָבן פאַר קיין אייבערקאָמאַנדיר. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף וען, אפשר וועט מען קענען דורכקומען. איז באַשלאָסן געוואָרן צו קלייבן אַ חייל קעגן די קאָזאַקן, נאָר גלייכצייטיק שיקן צו זיי קאָמיסאַרן, כדי זיי צו באַרויקן.

די פאַרהאַנדלונגען האָבען זיך געצויגען ווי פון פעך. ביידע צדדים זיינען געווען אומצופרידען. כמעלניצקי האָט גערעדט ווייכינ־קע ריידעלעך, געגעבען צוזאָגען, נאָר דערווייל גערוקט זיך פאָרויס און געוואונען צייט. ער האָט זיך אויפגעטראָגען מיט די טאָטערן, געזוכט צו באַקומען ווייער הילף פאַר דער נייער מלחמה.

די פּאָליאַקן האָבען זיך אויך געגרייט, נאָר אויפען אַריסטאָ־קראַטישען שטייגער. ניט ווייט פון דעם שטעטל פּילעווע אין פּאָדאָליע האָבען זיי אַוועקגעשטעלט זייער לאַגער; דאָרטען איז גע־ווען דער זאַמלפּונקט. די שליאַכציצן האָבען געבראַכט צו פירן מיט זיך מאַסנווייז גאָלד און זילבער, כדי אויסצופּיינען זיך איינער פאַרן צווייטן. אַלץ האָט געשיינט און געבלאַנקט: די פעלץ־באַ־ברעמטע מלבושים, די זילבער־באַשלאָגענע זאָטלען, די באַגולטע שטיינ־רינגען, די זילבערנע און גאָלדענע שפּאָרן. וואָפען האָט מען געבראַכט אַזעלכע, וואָס זיינען געווען אויסגעאַרבעט פון ערשטקלאַ־סיקע אויסלענדישע מייסטערס. מען האָט זיך געקענט פאַרקוקן אויפען גאַנג פון די שטאָלצע פערד און אויף זייערע טייערע גע־שפּאַנען.

נאָר איבערהויפּט איז אָנגעגאַנגען אַ קאָנקורענץ ביי די סעודות. יעדער פּאַן האָט געבראַכט מיט זיך באַדינערס און קוכערס; יע־דערער האָט אין זיין געצעלט דערלאַנגט דאָס עס־זילבער פון זיין פאַמיליע, דאָס טייערע פאָרצעלייענע געפעס. די בעכערס זיינען גע־ווען סאַמע גאָלד און זילבער, אַפילו די וואַשבעקנס זיינען ביי די רייכערע געווען פון זילבער. דער היסטאָריע־שרייבער זאָגט, אַז אין דעם לאַגער פון די פּאָליאַקן איז געווען מער זילבער ווי בליי. אפשר הונדערט טויזנט פורן האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַהער: יע־דער איינער פון די פּאַנעס האָט דאָך געדאַרפט האָבען מיט זיך סויבלנע פוטערס, זיידנס און וואָלציינ, ווייגען און מעדן, איינגע־מאַכטסן און נאַשוואַרג. וואַנעס מיט לוקסוסדיקע געלעגערס האָבען אויך ניט געפעלט. מען האָט זיך געוויילט מיט מוזיק און טאַנץ פון פרי ביז שפּעט.

ווי דער האַר, אַזוי דער משרת. קוקנדיק אויף די פּריצים האָבען די פּראָסטע זעלנער אויך גענומען זיי נאָכטון. אין דער פּוי־

לישער אַרמיי האָט מען געצאָלט שכירות אויף דריי מאָנאַטן פאָר־ווים. פלעגט מען באַלד נעמען „פונדרעווען" איינער דעם צווייטן און באַלד פאַרטאַכליעווען דאָס גאַנצע געלט. דערנאָך פלעגט מען זיך אַלאָז טון נעמען „צושטייער" ביי דער אָרטיקער באַפעלקע־רונג, רויבנדיק אַ בהמה, אַ ציג, אַן עוף. די איינוואוינער זיינען גע־וואָרן פאַרביטערט: אָט דאָס זיינען אונזערע פאַרטיידיקער? זיי זיינען דאָך נאָך ערגער פון די קאָזאַקן!

„מען האָט געקענט מיינען, זאָגט אַ פוילישער שרייבער פון יענער צייט, אַז דער עולם איז זיך צונויפגעפאָרן אויף אַ חתונה, ניט אויף מלחמה".

און גרויס איז מען געווען ביי זיך אָן אַ שיעור. טייל שלאַכ־ציצן האָבן געבעטן אין זייערע תפילות: גאָטעניו! העלף ניט אונז און ניט די קאָזאַקן: דו קוק זיך נאָר צו ווי מיר וועלן זיך אָפּ־רעכענען מיט די דראַבעס די פויערים. אַנדערע האָבן געשמועסט: „אויף אַזוינע פּאַסקודניאַקעס ווי די קאָזאַקן איז גאָר ניט כדאי צו פטרן קוילן; מיר וועלן זיי צעטרייבן מיט די קאַנטשיקעס, ווי נאָר אונזער אָנפירער וועט געבן די קאָמאַנדע".

נאָר חוץ אַלע זאַכן, איז ביי די פּאָליאַקן קיין רעכטער אָנ־פירער ניט געווען. די קאָמאַנדירן האָבן זיך געוואַקלט און זיך געקריגט, צי זאָלן זיי זיין מיט די קאָזאַקן האַרט אָדער ווייך, און דער ביט־רער כמעלניצקי האָט זיי כסדר געשיקט פאָרשלאָגן און דורך דעם אָנגעמאַכט צווישן זיי אַלץ אַ גרעסערע צערודערונג. דערווייל האָט ער מיט זיינע קאָזאַקן אַרומגערינגלט זייער לאַגער פון אַלע זייטן, אויסגעגראָבן שאַנצן און גראָבנס אַרום זיי.

דעם 20טן סעפּטעמבער 1648 האָט זיך אָנגעהויבן די שלאַכט ביי פּילעווע. דעם ערשטן טאָג האָט מען זיך געשלאָגן גלייך אויף גלייך, דעם צווייטן טאָג אויך אָן ערך. איז כמעל געפאַלן אויף אַ פּלאַן. ביינאַכט האָט ער גענומען איינעם פון זיינע קאָזאַקן, אי־בערגעטאָן אים פאַר אַ פּראַוואָסלאַוונעם גלח און אים אונטערגע־שיקט צום שונא. די פּאָליאַקן האָבן דעם פאַרשוין גלייך געפאַנגען און גענומען אים אויספן פאַרהער. האָט ער געזאָגט אַזוי: איך וועל אייך דערציילן דעם גאַנצן אמת. כמעל האָט זיך שוין נעהאַט

דערשראָקן פאַר אייך און געוואָלט מאַכן די פּליטה; נאָר נעכטן אינאָוונט זיינען אים אָנגעקומען פערציק טויזנט טאָטערן, און דער כאַן אַליין איז שוין אויך אונטערוועגנס.

קיין גאַנצער ליגן איז דאָס ניט געווען. טאָטערן זיינען טאַקע געקומען צו גיין, אָבער ניט קיין פערציק, נאָר פיר טויזנט; די פּאָליאַקן וואָלטן פאַר זיי ניט געדאַרפט נתפּעל ווערן. פון דער בשורה וועגן די פ ע ר צ י ק טויזנט איז מען אָבער שטאַרק דערשראָקן געוואָרן, און ווען כמעל האָט אויף מאָרגן אַרויסגעשיקט פאָרויס אַלע טאָטערן און זיי האָבן אויפגעהויבן אַ ווילדן געשריי „אַללאַ! אַללאַ!" (גאָט, גאָט), האָט שוין קיינער ניט געצווייפלט, אַז דער געפאַנגענער האָט געזאָגט דעם אמת. די פּוילישע ליניע האָט זיך שוין ניט געקענט האַלטן. מען האָט זיך נאָך געשלאָגן, פאַרטיידיקט, אָבער אָן מוט, אָן צוטרוי צו זיך אַליין. ס'איז געווען אַ שיף אָן אַ רודער. קיינער האָט ניט געוואוסט פון קיין קאָמאַנדע, קיינער האָט ניט געהאַט קיין פּלאַן, און אַגב האָבן זיך נאָך אָנגעהויבן מחלוקתן צווישן די אָנפירער.

די שלאַכט ביי פּילעווע איז געבליבן אין דער געשיכטע אַלס איינע פון די שרעקלעכסטע מפּלות פון פּוילישן מיליטער. מען איז געלאָפן ווי אָן זינען. טויזנטער זיינען געפאַלן אויפן וועג אָן כוחות פון לויפן, טויזנטער זיינען גענומען געוואָרן אין געפענגעניש. עס וואָלט זיך אפשר קיינער ניט אַרויסגעראַטעוועט, ווען ביי די קאָזאַקן וואָלט זיך ניט פאַרדרייט דער קאָפּ פון דעם אומגעהייערן רויב. זיי האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן צו די טייערע חפצים און דערווייל פאַרגעסן אַ ביסל די פאַרפאָלגונג. עס איז דאָ געווען אַזוי פיל, אַז מען האָט ניט געוואוסט וואָס פריער צו נעמען און וואו דאָס אַלצדינג אַהינצוטון. פאַר אַ קווערטל בראָנפן האָט אַ קאָזאַק אַוועקגעגעבן אַ סאַמעטענעם פוטער אָדער אַ זילבערנעם בעכער.

פיר מעת־לעת האָט מען געהוליעט ווי דולע אין דעם פאַרלאָזענעם לאַגער. עסנוואַרג און משקאות איז דאָ געווען אַזוי פיל, אַז ביי לייטן וואָלט עס געקלעקט אויף אַ חודש.

די פּאָליאַקן זיינען אַנטלאָפן קיין לעמבערג. זיי האָבן גע־

האָט נאָר איין דערקלערונג אויף זייער מוראדיקן דורכפאַל: אַז דער שונא גייט מיט כישוף.

די פאַרטיידיקונגס־ליניע איז געווען אומבאַשיצט: דער וועג קיין גאַליציע און קרויגפוילן איז געווען אָפן.

טו

לעמבערג און נאַראָל

אין דריי מעת־לעת זיינען די צעטריבענע פאַנעס דער־לאָפן ביז לעמבערג; אין אַ רויִקער צייט, אַזוי מאַכט פון זיי חוזק אַ פּוילישער שרייבער פון יענער צייט, וואָלט דער וועג גענומען ביי זיי אַ האַלב יאָר. מען האָט ניט געוואוסט וואו איין און וואו אויס, און ווי אַלעמאָל ביי מפּלות האָט מען געהאַט טענות איינער צום אַנדערן. ענדלעך האָט מען באַשלאָסן ניט צו לויפן ווייטער און צו פאַרטיידיקן זיך אין לעמבערג.

כמעל האָט פאַרוויסט און פאַרברענט זבאַראַזש און בראָד; אָבער אים האָט שוין געפירט מער דער אימפּעט, ווי דער באַ־וואוסטזיניקער ווילן. ער האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל טון ווייטער; דער ערפאָלג האָט אים אַ טראָג געטון העכער, איי־דער ער אַליין האָט זיך געריכט. ער האָט שוין געקלערט וועגן אומקערן זיך קיין אוקראַינע און פון דאָרטן פאַרהאַנדלען מיט וואַרשע. נאָר זיינע לייט האָבן געפאָדערט, ער זאָל זיי פירן פאָרויס.

אין אָקטאָבער איז מען צוגעטראָטן צו לעמבערג און אַרומ־גערינגלט די שטאָט. נאָר די באַלעגערונג האָט זיך געצויגן און געצויגן, און די איינוואוינער האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. האָבן די קאָזאַקן פאַרשאָטן אַלע וואַסערן אַרום דער שטאָט, און די שטאָטלייט זיינען געבליבן אָן וואַסער; פון הונגער האָבן זיי שוין לאַנג געליטן. האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זיי וועלן פאָרלייגן כמעלן אויסלייזגעלט, ער זאָל אָפּטרעטן פון שטאָט. כמעלניצקי האָט גע־פאָדערט, מען זאָל אים אַרויסגעבן די שליאַכציצן וואָס זיינען אַנט־לאָפן פון פּילעווע; נאָר אויף דעם האָט ער באַקומען אַן ענטפער, אַז די שליאַכציצן זיינען שוין לאַנג ניטאָ, זיי זיינען אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע צום סיים.

ם. וויינרייך (5)

ביי צווייטע אונטערהאַנדלונגען, אַזוי גיט איבער אַ פּוילישער באַריכט פון יענער צייט, האָט כמעל געפאָדערט, מען זאָל אים אַרויסגעבן די יידן. אויף דעם, דערציילט דער שרייבער, האָט שטאָט געענטפערט: „די יידן קענען מיר ניט אַרויסגעבן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס זיינען זיי ניט אונזערע אונטערטאַנער, נאָר דעם קיניגס, און צווייטנס טראָגן זיי מיט אונז אַלע הוצאות און צרות און זיינען גרייט צוזאַמען מיט אונז און פון אונזערטוועגן צו שטאַרבן״ [1].

דאַן האָט כמעלניצקי איינגעשטימט אַוועקצוגיין, אויב מען וועט אים ברענגען צוויי הונדערט טויזנט רענדלעך; בעת די אונטערהאַנדלונגען האָט ער זיך צעוויינט פון גרויס רירונג (טרערן האָט ער בכלל ניט געזשאַלעוועט), נאָר אַראָפּגעלאָזן האָט ער ניט קיין איין גראָשן. דאָס געלט, האָט ער געזאָגט, דאַרף ער חלילה ניט פאַר זיך, נאָר פאַר זיינע שותפים, די טאָטערן.

פון לעמבערג זיינען די קאָזאַקן אַוועק אויף צפון און צוגעטראָטן צו זאַמאָשץ. דאָס איז געווען אַ פעסטע שטאָט, אפשר די שטאַרקסטע פעסטונג אין פוילן, וואָס האָט פאַרצאַמט דעם גלייכן וועג אויף וואַרשע. אונטערוועגנס האָט ער געמאַכט אַ שרעקלעכע שחיטה אין דער שטאָט נ אַ ר אָ ל. כמעל האָט לכתחילה געוואָלט פאַרגלייכן זיך מיט די שטאָטלייט, דערציילט האַנאָווער, נאָר דער עלטערער פון די פּאָליאַקן האָט ניט געלאָזן; ער האָט דווקא גע-

---

1 ס׳איז אַ גרויסע מיינונגספאַרשיידנקייט ביי די היסטאָריקער, צי איז די דאָזיקע פאָדערונג און דער ענטפער טאַקע אַ פאַקט. דער אוקראַאינישער היסטאָריקער טאָמאַשיווסקי למשל, וואָס נעמט זיך אָן פאַר כמעלניצקיס כבוד, לייקנט דאָס. הלמאי, פרעגט ער, האָט כמעלניצקי ניט געשטעלט די זעלביקע פאָדערונג אין זשאָלקעווע און זאַמאָשץ, וואו ער האָט אויך גענומען אויסלייזגעלט? אַ פראַגע איז דאָס, נאָר ראשית זיינען אין די צוויי שטעט ניט געווען אַזעלכע רייכע יידן, און צווייטנס איז כמעלס פראַקטיק ביז לעמבערג ניט אַזאַ, אַז מען זאָל אים חושד זיין אין צופיל מענטשלעכקייט אַנטקעגן יידן. אַ וואונדער איז אָבער, וואָס האַנאָווער דערמאָנט וועגן דעם ניט, כאָטש ער באַשרייבט יאָ די אונטערהאַנדלונגען און ברענגט אַפילו, אַז צווישן די לעמבערגער פאַרלאַמענטערן (שלוחים) איז געווען אַ ייד, ר׳ שמעון שתדלן. — דער פוילישער היסטאָריקער ראַוויטאַ-גאַווראָנסקי, אַגב אַ הייסער אַנטיסעמיט, האַלט די זאַך פאַר דערוויזן און זעט אין דעם אַקט פון לעמבערגער בירגערטום אַן אויסדרוק פון דער טראַדיציאָנעלער פוילישער טאָלעראַנץ.

וואָלט קעמפן און געמיינט בייצוקומען אין קאַמף. די קאָזאַקן האָבן טאַקע געהאַט גרויסע שאָדנס; נאָר כמעלניצקי האָט אונטערגעשיקט פאַרשטאַרקונגען, און זיבעצן טעג אין חשוון איז די שטאָט געפאַלן.

אַזאַ שרעקלעכע הרינה ווי אין נאַראָל, זאָגט האַנאָווער, איז נאָך ניט געווען אין גאַנץ פוילן. צום=ערשטן האָט כמעל נעלאָזט כאַפּן דעם עלטסטן פון שטאָט; מען האָט אים לעבעדיקערהייט אַראָפּגעצויגן די הויט און אים אָנגעטאָן מערדערשע פּיין. נאָכדעם האָט מען אומגעבראַכט צוועלף טויזנט יידן (קענטיק, דאָ זיינען געווען אַ סך אַנטלאָפענע פון אַנדערע שטעט). פיל זיינען דערטרונקען געוואָרן אין וואַסער. עטלעכע הונדערט יידן האָבן זיך פאַרשלאָסן אין שול; זיינען געקומען די קאָזאַקן, אויפגעבראָכן די טירן און אַלעמען אויסגעהרגעט; דערנאָך האָבן זיי פאַרברענט די שול צוזאַמען מיט די ברמינגס. אַ סך יידן זיינען אַריינגעפאַלן צו די טאָטערן אין געפענגעניש.

און ווייטער מעלדעט האַנאָווער אין זיין שטענדיקער געלאַסנקייט, ניט רופנדיק אַפילו נאָטס נקמה אויף די מערדער:

„אַז אשה וואָס איז געבליבן לעבן האָט מיר דערציילט, אַז פיל הונדערט פרויען און קינדער און עטלעכע מאַנסבילן זיינען געבליבן לעבן צווישן די הרוגים. פינף טעג האָבן זיי ניט געהאַט קיין זאַך צום עסן, האָבן זיי געגעסן מענטשן=פלייש. זיי האָבן אָפּגעשניטן אברים פון די הרוגים און געבראָטן אויפן פייער און געגעסן. פיל טויזנטער הרוגים האָבן די הינט און חזירים אויפגעגעסן. פאַר די איבערגעבליבענע האָבן די שטאָטלייט פון פרעמיסלע געשיקט מענטשן מיט לייוונט פאַר הונדערטער גילדן, און מען האָט די געהרגעטע געבראַכט צו קבורה. גאָט זאָל זיי באַצאָלן זייער שכר“.

טז

דער נייער קיניג

ביי זאַמאָשק איז כמעלניצקי געשטאַנען אַ לאַנגע צייט און קיין זאַך ניט אויפגעטאָן; עפּעס איז שוין ניט געווען מער אין אים דער פריערדיקער ברען. ענדלעך האָט ער זיך אויסגעגלייכט מיט דער שטאָט אויף 20 טויזנט רענדלעך. ער האָט געהאַט ברעה צו

ניי'ן אויף לובלין, נאָר דאָ איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער סיים אין וואַרשע האָט אויסגעקליבן אַ נייעם קיניג. יאַן־קאַזשימיעזש איז גע־ווען דער נייער הערשער, אַ געוועזענער הויכער גייסטלעכער. דאָס איז געווען פּונקט דער קאַנדידאַט, וועלכן כמעלניצקי האָט געוואָלט. נאָך צוגייענדיק צו זאַמאָשץ האָט ער אַרויסגעשיקט פיר שלוחים קיין וואַרשע. ער האָט זיי געהייסן איבערגעבן, אַז אויב מען וועט אויסקלייבן יאַן קאַזשימיעזשן, וועט ער אים פּאָלגן אינגאַנצן. חוץ דעם האָט ער נאָך צוגעשיקט צום סיים אַ בריוו מיטן אַלטן פּזמון: אַז ער איז נאָר אַרויס זיך פאַרטיידיקן, אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק און בעט, מען זאָל אים מוחל זיין.

ווען כמעל האָט באַקומען די ידיעה, אַז זיין קאַנדידאַט איז אויסגעקליבן, האָט ער טאַקע פאַרקערעוועט מיט זיין אַרמיי צוריק, קיין אוקראַינע. אונטערוועגנס האָט אים אָנגעיאָגט אַ שטאַפעט מיט אַ בריוו פון קיניג. דער קיניג האָט געשריבן, אַז ער וועט נעמען אין אַכט אַלע קאָזאַקישע פאָדערונגען און נעבעטן, ער זאָל זיך אומ־קערן אַהיים, פונאַנדערלאָזן די טאָטערן און וואַרטן אויף די וואַר־שעווער קאָמיסאַרן, וואָס וועלן קומען פירן אונטערהאַנדלונגען. גלייכצייטיק איז כמעלניצקי באַשטעטיקט געוואָרן פאַר אַ העטמאַן איבער אַלע קאָזאַקן.

אין די ערשטע טעג יאַנואַר, 1649, איז באָגדאַן כמעלניצקי מיט גרויס פּאַראַד אַריינגעפאָרן אין קיעוו. מען האָט אים אָפּגע־געבן כבוד ווי אַ מאָנאַרך. די גלעקער פון די פּראַוואָסלאַווע קלויס־טערס האָבן געקלונגען, די האַרמאַטן האָבן געדונערט, דאָס פאָלק האָט מיט באַגייסטערונג געשריען הוראַ, די תלמידים פון די מאָנאַסטירן־שולן האָבן אים באַגריסט אין לאַטיינישע און או־קראַאינישע גראַמען. דער פּראַוואָסלאַווער פּאַטריאַרך פון ירושלים, וואָס איז צופעליק געווען אין קיעוו, האָט אים געבענטשט; פון מאָסקווער צאַר און פון טערקישן סולטאַן, פון פירשט פון טראַנ־סילוואַניע און פון מאָלדאַווישן האָספּאַדאַר[1] זיינען געקומען שלוחים.

---

1 הערשער.

כמעלניצקי איז נעשטאַנען אויפן העכסטן שטאַפּל פון זיין מאַכט, און ווען עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין עטלעכע מאָ=נאַטן אַרום די וואַרשעווער קאָמיסיע, האָט ער שוין גערעדט גאָר אַנדערע דבורים: אַז ער קעמפט „פאַר אונזער פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן", אַז ער וויל באַפרייען דאָס גאַנצע רוסישע (אוקראַיִנישע) פאָלק פון דער פוילישער קנעכטשאַפט. ער האָט אַפילו געגעבן אָנצוהערעניש וועגן אַרויסטרייבן פון אוקראַיִנע אַלע שליאַכציצן, „עס זאָל ניט בלייבן אויף אוקראַיִנע קיין איין פירשט, קיין איין פריצאַק". פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזוינע שטימונגען האָט ניט גע=קענט צושטאַנדקומען קיין פשרה מיט דער פריצישער פוילישער מלוכה.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן איבעראַנייס קריגערישע מעשים. דאָס גליק האָט זיך געוואַקלט: אָט איז געווען אויבן דעמס וואָנ=שאָל, אָט יענעמס. עס זיינען פאָרגעקומען שווערע קאַמפן. כמעל=ניצקי האָט אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע בריהשקייט: געאַרבעט אי מיט דרייסטקייט, אי מיט פאַלשקייט, אי מיט טעכניק. איינמאָל האָבן די קאָזאַקן אויסגעגראָבן אַ לאַנגן אונטערערדישן גאַנג, כדי אַריינ=צופאַלן גלייך אין פוילישן לאַגער אַריין. נאָר די פוילישע אינזשע=ניערן האָבן זיך געכאַפּט. זיי האָבן גענומען שיסלען מיט וואַסער און פויקן און צוועקגעשטעלט אויף דער ערד. באַלד האָבן זיי געזען, אַז מיט זייער חשד זיינען זיי געווען גערעכט: אין יענע ער=טער, וואו מען האָט געהאַלטן אין גראָבן די מינע, האָט זיך דאָס וואַסער געטרייסלט און די פויקן האָבן געקלונגען. האָבן די פּאָ=ליאַקן פון זייער זייט אויך גענומען מינירן די ערד, און ביים צו=זאַמענטרעף איז פאָרגעקומען אַ גרויזאַמע שלאַכט. „ווייניק פלאַץ געווען אויף דער ערד צו קעמפן, שרייט אויס אַ שרייבער פון יע=נער צייט, איז מען נאָך געקראָכן אונטער דער ערד! אומזיסט זוכן די חכמים דעם גיהנום אין אַ מיטלפּונקט פון דער ערד; אין או=קראַיִנע איז דער אמתער גיהנום פון מענטשלעכער שלעכטסקייט".

אַ גליק פאַר די פּאָליאַקן איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן איבערגעבעטן דעם דוקעס ווישנעוועצקי און אים געמאַכט פאַר אַן אָנפירער. ענדלעך איז אין האַרבסט 1649, דורך דער פאַרמיטלונג

פון די טאָטערן, וואָס האָבן זיך אַריינגעלייגט אין שלום, געשלאָסן געוואָרן אין זבאָראָוו (מזרח־גאַליציע) אַן אָפּמאַך צווישן דעם קי־ניג און כמעלניצקין. אָט זיינען די הויפּט־פּונקטן:

1) די צאָל רייסטערשע קאָזאַקן ווערט באַשטימט אויף פּער־ציק טויזנט;

2) אינעם גרעסטן טייל אוקראַינע (קיעווער, טשערניגאָווער, בראַצלאַווער וואָיעוואָדשאַפט) טאָרן ניט שטיין קיין שום פּוילישע זעלנער.

3) אַלע רעגירונגס־שטעלעס אין יענעם טייל אוקראַינע דאַרפן פאַרנומען ווערן פון פּראַוואָסלאַוונע;

4) אין קיעוו און אין אַלע אַנדערע שטעט, וואו עס זיינען פאַראַן רוסישע שולן, טאָרן זיך ניט געפינען קיין יעזויטן;

5) דער קיעווער מעטראָפּאָליט באַקומט אַ פּלאַץ אין פּוילישן סענאַט.

געוועזן אויך אין דעם אָפּמאַך אַ ספּעציעלער באַדינג וועגן יידן, דאָס איז דער אַרטיקל 7, וואָס לייענט זיך אַזוי:

„אין יענע ערטער, וואו עס וועלן זיך געפינען קאָזאַקישע פּאָלקן, טאָרן זיך קיין יידן ניט געפינען — ניט ווי באַזיצער, ניט ווי אַרענדאַרעס, ניט ווי סתם איינוואוינער".

פונדעסטוועגן זיינען יידן פאָרט געווען צופרידן. אַבי שלום, איז שוין בעסער. אין די ניט־קאָזאַקישע געגנטן האָט מען זיי דאָך ערלויבט צו וואוינען — האָבן די פאַרטריבענע גענומען אומקערן זיך אַהיים. נוט איז זיי דאָ אויך ניט געווען, דערציילט האַנאָווער, ווייל ס'איז געווען אַ גרויסער יקרות, מען האָט ניט באַקומען קיין עסנוואַרג: די אוקראַינער אַליין זיינען אויך אויסגעגאַנגען פון הונ־גער, ווייל צוויי יאָר נאָכאַנאַנד האָט קיינער ניט באַאַרבעט די ערד. ווער ס'האָט אַפילו געהאַט אַ ביסל געלט, האָט ער אויך באַהאַלטן, מורא האָבנדיק, מען זאָל דאָס ביי אים ניט צונעמען. די יידן, כאָטש זיי זיינען געווען אָרים און לער, האָבן דאָך אויסגעזען ביים עולם, ווי זיי וואָלטן זיין רייך. דאָס האָט אַרויסגערופן שנאה און קנאה. אין די געגנטן, וואו די קאָזאַקן זיינען געזעסן, איז געווען אַ גרוי־

סער האַנדל, ווייל די קאָזאַקן זיינען אַלע רייך געוואָרן אין דער מלחמה; נאָר דאָרט האָבן יידן ניט געטאָרט וואוינען.

קיניג יאַן קאַשימיעזש האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז ווער עס האָט פאַרלאָזן זיין גלויבן צוליב צוואַנג מעג זיך איצטער אומקערן צו זיין פריערדיקן גלויבן. דעמאָלט זיינען אַלע אַנוסים (די איבערגעוואַלד געשמדטע) געוואָרן צוריק יידן. די וואָס זיינען געזעסן אין די קאָזאַקישע געגנטן האָבן צוליב דעם געמוזט פאַר־לאָזן זייערע היימען, ווייל אַלס יידן האָבן זיי זיך שוין דאָרט ניט געטאָרט אויפהאַלטן. אַ סך פרויען, וואָס זיינען איבערגעוואַלד צו־גענומען געוואָרן פון זייערע מאַנען, האָבן זיך איצט אומגעקערט און צוריק געוואָרן יידישע קינדער. אין די אַלע ערטער, וואו עס זיינען געשען הריגות פון יידן, זיינען איבערגעבליבן קליינע קינ־דער, וואָס מען האָט זיי געהאַט געשמדט; איצטער האָבן יידן, אויף וויפל מען האָט נאָר געקענט אויסגעפינען, צוגענומען זיי צוריק.

אין 1650, צווישן פורים און פסח, האָט זיך אויפגעקליבן אין לובלין דער גרויסער „וועד פון די פיר לענדער“ (ועד ארבע הארצות), וואוהין עס זיינען געקומען ביז דרייסיק פאָרשטייער. דאָ זיינען געווען פאַרטראָטן די גרויסע שטעט פון גרויספוילן (פויזן), קליינפוילן (קראָקעווער געגנט), רויטרוסלאַנד (מזרח־גאַליציע און פאָדאָליע) און וואָלין. מען האָט גערעדט וועגן דעם גורל פון די פיל עגונות, וואָס זיינען געבליבן נאָך די שחיטות און גירושים, און עס זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטלען צו פאַרלייכטערן זייער לאַגע און צו געבן זיי די מיגלעכקייט נאָכאַמאָל חתונה צו האָבן. אויך זיינען אַרויסגעטראָגן געוואָרן באַשלוסן וועגן אויפשטעלן צוריק דאָס לעבן פון די קהילות.

אַלס זכר פון דעם גרויסן חורבן, וואָס האָט געטראָפן דאָס פוילישע יידנטום, האָט דער „וועד“ באַשלאָסן צו באַשטימען אַ תענית־ציבור, וואָס מען זאָל פאַסטן אין אים פון יאָר צו יאָרן אַזוינע תעניתים, צום אָנדענק פון גזרות, זיינען ניט געווען קיי־ן ועלטנקייט אין יענע צייטן. מען האָט אויסגעקליבן דעם טאָג פון כ׳ סיוון, ווען עס איז געשען די הריגה אין נעמיראָוו.

יז

דער סוף פון קאַמף

יידן האָבן געדאַנקט גאָט, דערציילט אונז האַנאָווער, וואָס זיי האָבן זיך געקענט אומקערן צוריק אויף זייערע ערטער. די פרייד איז געווען אַ ביסל צו פרי.

דער אָפּמאַך וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין זבאָראָוו האָט קיינעם פון צדדים ניט באַפרידיקט. די פּאָליאַקן האָבן בשום אופן ניט געוואָלט איינגיין אויף אַזאַ דערנידערונג פון דער שליאַכטע. „מען האָט נאָר צוגעשאָטן מיט אַש דאָס פייער", האָט געשריבן אַ פּוילישער פּאָעט. דאָס אוקראַיִנישע פאָלק ווידער האָט שוין אויך געהאַט דערשמעקט דעם טעם פון פולער פרייהייט און זיך ניט געוואָלט מער בויגן אונטער קיין שום יאָך. וויבאַלדביידע צדדים האָבן זיך געפילט געקריוודעט, איז דער שלום קיין שלום ניט געווען, און דאָס פייער פון קריג האָט נאָך אָנדערטהאַלבן יאָר טליען אונטער דער אַש אויסגעבראָכן איבערנייס.

אין פרילינג 1651 האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן די קריגס-אָפּעראַציעס. דורך אַ גאַנצן יאָר האָט מען געקעמפט אָן אויפהער; די פאַרלוסטן זיינען אויף ביידע זייטן געווען גרויסע. יוני 1652 האָט כמעלניצקי געליטן אַ שווערע מפּלה ביים שטעטל בערעסטעטשקע אין וואָלין; די הויפּט-סיבה פון זיין דורכפאַל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די טאָטערן, זיינע מיטקעמפער, האָבן אים פלוצלינג פאַרלאָזן. האַנאָווער גיט אונז איבער דעם אומגעהייער וויכטיקן פאַקט, אַז אין דער פּוילישער אַרמיי האָט אויך געקעמפט אַ יידישע אָפּטיילונג פון טויזנט מאַן; לײדער ווייסן מיר וועגן דעם נאָר קיין איינצלהייטן ניט.

כמעלניצקי האָט זיך נאָך ניט אונטערגעגעבן, נאָר אין די ווייטערדיקע קאַמפן האָבן די פּאָליאַקן אויך געהאַט ערפאָלגן: די קאָזאַקן האָבן געמוזט איינגיין אויף אונטערהאַנדלונגען. פאַרשטייט זיך, אַז דער נייער שלום-אָפּמאַך, וואָס איז געוואָרן אונטערגעשריבן אין שדה-לבן (בעלאָצערקאָוו), איז געווען אַ סך שווערער פאַר די

קאָזאַקן, איידער די פריערדיקע פונקטן. אָנשטאָט דריי וואָיעוואָד־שאַפטן האָט מען זיי איבערגעלאָזן מער ניט ווי איינע; די צאָל רייסטערשע קאָזאַקן איז געשניטן געוואָרן ביז צוואַנציק טויזנט, די פריצים זיינען צוריק געוואָרן באַלעבאַטים איבער זייערע הויפן און די פויערים—צוריק לייבקנעכט. אויך וועגן יידן איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אַ פּאַראַגראַף 8, וואָס איז די קאָזאַקן שטאַרק ניט גע־ווען צום האַרצן:

„אַזוי ווי יידן זיינען פריער געווען איינוואוינער אין די מאַיאָנטקעס פון זיין קיניגלעכער מאַיעסטעט און אין די מאַיאָנטקעס פון דער שליאַכטע, אַזוי דאַרפן זיי זיין אויף ווייטער אויך".

אין דער צייט פון די קאַמפן, ביזן שדה־לבנער אָפּמאַך, האָט כמעלניצקי איבערגעלעבט אַ שווערע פּערזענלעכע דראַמע. נאָך ביז דער שלאַכט ביי פּילעווע, בעת די גרויסע שחיטות אויף או־קראַינע, האָט ער חתונה געהאַט. פון אַ געשריפטס ווייסן מיר, אַז ער האָט גענומען פאַר אַ פרוי איינע אַ טשאַפּלינסקאַ, אַן אַלמנה פון אַ שליאַכציק. געווים איז דאָס יענע העלענע, וואָס איז אַמאָל געווען זיין געליבטע און האָט דערנאָך חתונה געהאַט מיט זיין שונא טשאַפּלינסקי. יעמאָלט האָט זיך דערפון אָנגעהויבן כמעל־ניצקים דערנידערונג, און דעריבער איז איצטער זיין חתונה מיט איר געווען זיין זיסטע נקמה, דער אמתער סימבאָל פון זיין דער־הייבונג און פון טריומף.

נאָר אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט זיך דאָס גליק פאַרוואַנדלט אין אַן אומגליק. ביי כמעלניצקין איז געווען אַ הויז־פאַרוואַלטער, אַ געוועזע־נער זיינערמאַכער פון לעמבערג. כמעלניצקי האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן, געהאַט צו אים צוטרוי און אים געמאַכט פאַר זיין קאַסע־פירער. אָט מיט דעם מענטשן איז זיך צונויפגעגאַנגען די פאַלשע שיינע העלענע. כמעלניצקי האָט אויף דעם ניט געקלערט און דעם מינדסטן חשד ניט געהאַט. ווען ס'האָט זיך אין 1651 אָנגעהויבן די מלחמה, האָט כמעלניצקי באַדאַרפט באַצאָלן די טאָטערן נאָלד און פעסטגעשטעלט דערביי, אַז עס פעלט אים אַ בעסל מיט רענדלעך. תחילת האָט ער געמיינט, אַז דאָס האָט מיטגענומען זיין זון טי־

מאָש, וועלכן ער האָט דאַן געהאַט אַוועקגעשיקט מיט קאָזאַקן קיין ליטע; נאָר טימאָש האָט געענטפערט, אַז ער האָט וועגן פעסל גאָלד אַפילו ניט געוואוסט. דערווייַלע האָט טימאָש זיך אומגעקערט קיין טשאַהרין, און כמעל האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן צום חייל, וואָס האָט זיך געקליבן גיין אויף פוילן. דעריבער האָט טימאָש גענו־מען אויף זיך אויסצופאָרשן, וואָס עס איז דער מער מיטן פעסל גאָלד.

מען האָט גענומען אויפן פאַרהער דעם באַליבטן קאַסע־פּי־דער. אין אָנהייב האָט ער געלייקנט, נאָר ווען מען האָט אָנגע־ווענדט קלעפּ, האָט ער מודה געווען ניט נאָר אויף דער גניבה, נאָר אויך אויף ליבע־באַציונגען מיט דעם העטמאַנס ווייב. טי־מאָש האָט אַלצדינג אַוועקגעשריבן דעם פאָטער. כמעלניצקי האָט געגעבן אַ בריוו אויף. דער מאַטעריעלן שאָדן האָט ער באַלד פאַר־געסן, אים האָט געשוימט דאָס האַרץ אויף דער באַליידיקונג, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון דער פאַלשער פרוי. ער האָט געגעבן אַ באַפעל: גוט אָנלערנען! דער היסטאָריע־שרייבער גיט איבער, אַז טימאָש האָט אויסגעקלערט אַ שוידערלעכע שטראָף: מען האָט הע־לענען מיט איר געליבטן אויסגעטאָן הויל־נאַקעט, צענויפגעבונדן זיי מיט אַ שטריק און אויפגעהאַנגען. לויט אַנדערע ידיעות האָט מען מיט זיי אויף איין תליה אויפגעהאַנגען נאָך פינף מענטשן, וואָס זיינען געווען אַריינגעמישט אין דער גנבה. ווען כמעל האָט דערהערט, וואָס פאַר אַ סוף עס האָט געהאַט די פרוי, וועלכע ער האָט אַזוי היים געליבט, איז ער אַריינגעפאַלן אין מרה־שחורה. ער האָט גענומען טרינקען נאָך מער ווי אַלעמאָל, געטרונקען גאַנ־צענע טעג. ער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט; דעם אומעט האָט ער פאַרגאָסן מיט בראַנפן.

דער שרה־לבנער שלום האָט אויך ניט געבראַכט קיין באַ־רויקונג: אַזוי ווי פריער זיינען געווען אומצופרידן די פּאָליאַקן, אַזוי זיינען איצט אויסער זיך געווען די קאָזאַקן. זיי האָבן גענומען אין גרויסע מאַסן פאַרלאָזן די פוילישע טיילן פון אוקראַינע און אַוועק־גיין אין מזרח, נאָך ווייטער אין סטעפּ אַריין, וואוהין עס האָט ניט געקענט דערלאַנגען די האַנט פון פוילישן באַאַמטן און פּריץ. די מלחמות האָבן ניט אויפגעהערט: דאָ האָט אַריבערגעוואויגן איין

צד, דאָ דער אַנדערער. האָט זיך די פּאָליאַקן איינגעגעבן אַ גלענצנ־דער דיפּלאָמאַטישער גאַנג: זיי האָבן אָפּגעריסן די טאָטערן פון כמעלן און געשלאָסן מיט זיי אַ באַזונדערן שלום.

כמעל האָט געזען, אַז ער אַליין וועט שוין קענען פּוילן ניט ביישטיין. דער טויט פון זיין זון טימאָש, וועלכן ער האָט געוואָלט מאַכן פאַר אַ האָספּאָדאַר פון מאָלדאַוויע, האָט אויך אָפּגעשלאָגן ביי אים דעם מוט. שוין פון לאַנג האָט ער געפירט אונטערהאַנד־לונגען מיט אויסלענדישע מלוכות; איצט האָט ער באַשלאָסן זיך אונטערצוגעבן דעם מאָסקווער צאַר, און אָנהייב 1654 האָט זיך אין פּערעיאַסלאַוו אויפגעקליבן דער קאָזאַקישער „גענעראַל־ראַט״, וואָס האָט פּאַראייניקט „קליינרוסלאַנד״ (אוקראַינע) מיט „גרויס־רוסלאַנד״ (מאָסקווע). מען האָט צוגעזאָגט די אוקראַינער אַלערליי פרייהייטן, זעכציק טויזנט מאַן רייסטערשע קאָזאַקן, פולע זעלבסט־פאַרוואַלטונג און אַזוי ווייטער; אין זיין רעדע, וואָס ער האָט גע־האַלטן לטובת דער פאַראייניקונג, האָט כמעל ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז „ביי די פּאָליאַקן איז אַ ייד און אַ הונט בעסער, ווי אונזערס אַ קריסט (אַ פּראַוואָסלאַוונער)״.

פּוילן האָט, געוויינטלעך, דעם איבערגאַנג ניט געוואָלט אָננעמען פאַר ליב. עס האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ קריג צווישן מאָסקווע און פּוילן, וואָס האָט זיך געצויגן דרייצן יאָר. דער סוף איז געווען, אַז אוקראַינע איז צעטיילט געוואָרן: מאָסקווע האָט אַ חוץ אַ שטיק ווייסרוסלאַנד (מיט דער שטאָט סמאָלענסק) באַקומען גאַנץ אוקראַי־נע, וואָס אויפן לינקן זייט דניעפּער, און די שטאָט קיעוו אויפן רעכטן ברעג; דער איבעריקער טייל אוקראַינע, אויף דער רעכטער זייט פון טייך, איז געבליבן ביי פּוילן. געווען שוין אין דער מלחמה מאָמענטן, ווען פּוילן האָט געהאַלטן גאָר שמאָל, נאָר די סכסוכים פון מאָסקווע מיט שוועדן האָבן זי אַרויסגעראַטעוועט. אָבער פון דער צייט אָן הייבט אָן צו פאַלן די אַלטע פּוילישע מלוכה, ביז וואַנען זי איז אין הונדערט יאָר אַרום אינגאַנצן צע־טיילט געוואָרן צווישן די רויבערשע שכנים. די קאָזאַקישע מלחמות האָבן איר דערלאַנגט דעם טויטקלאַפּ, פון וועלכן זי איז שוין מער ניט געקומען צו זיך.

דער אָנפירער פון דער גרויסער היסטאָרישער איבערקערע־ניש, באָגדאַן כמעלניצקי אַליין, האָט שוין ניט דערלעבט דעם אַנ־דרוסאָווער שלום פון 1667. ער איז געשטאָרבן מיט צען יאָר פריִער, אין סאַמע ברען פון קאַמף. נאָר דער טויט האָט אים געשאָנ־קען רו; ביי זיין לעבן האָט ער אייביק געפלאַטערט, אייביק זיך געוואָרפן. און דער קאַמף אַרום זיין פערזענלעכקייט איז נאָך ביז אונזערע טעג ניט פאַרענדיקט. פאַר די פּאָליאַקן איז ער דער אומ־ברענגער פון זייער אַמאָליקער גדולה; פאַר די אַלטע רוסן איז ער איינער פון די בויער פון רוסלאַנדס גרויסקייט; פאַר די נאַציאָ־נאַלע אוקראַינער — דער קעמפער פאַר אַ זעלבשטענדיקער או־קראַינע; און ביי אונז יידן איז אים געבליבן ביז היינטיקן טאָג דער נאָמען, וועלכן נתן־נטע האַנאָווער האָט אים געגעבן אויף מאָרגן נאָך זיין אַרויסטריט:

דער רשע חמיל ימח שמו.

שבתי צבי

א

די געבורט פון שבתי-צבי

אין דער נאַכט פון תשעה=באָב פון יאָר פינף טויזנט דריי הונדערט זעקס און אַכציק — לויט דער אייראָפּעישער ציילונג באַטרעפט דאָס 1626 — איז געווען אַ גרויסע מהומה אין דער שטוב פון דעם אָרעמען מעקלער מרדכי=צבי בן אליהו, אין סמירנע. זיין ווייב אסתּר איז שווער געגאַנגען צו קינד; זי איז געווען אַן ערשטלינג. די הייבאַמע און די יידענעס זיינען געשטאַנען אַרום בעט פון דער געווינערין, און איבערן צימער איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרצווייפלטער, ברעכנדיק די הענט ביי יעדן נייעם געשריי פון זיין ווייב, דער באַלעבאָס. גראָד האָט נאָך גאָט צוגעשיקט פרעמדע מענטשן אין שטוב אַריין. מרדכי=צבי איז געווען אַ פרומער ייד. ער האָט געוואוסט דעם פּשט פון הכנסת=אורחים. בפרט נאָך די איצטיקע אורחים זיינע זיינען געווען פיינע מענטשן, לומדים, וואָס ער וואָלט זיי געוואָלט צונעמען אויפן שענסטן אופן. אָבער וואָס טוט מען, אַז זיי זיינען אַריינגעפאַלן אַהער פונקט אין אַזאַ צייט פון אומגליק, ווען ער האָט גאָר קיין קאָפּ ניט זיך אָפּצוגעבן מיט זיי?

אַ צעבראָכענער פון קרעכצן פון דער קימפּעטאָרין, איז ער אַריין צו די אורחים אין אַלקערל און גענומען וויינען פאַר זיי: פרומע, געטלעכע לייט! העלפט, אַז מיין אסתּר זאָל ניט אַוועקגיין פאַר דער צייט פון דער וועלט!

האָט איינער פון די אורחים געענטפערט:

„פאַל ניט אַראָפּ ביי זיך. גאָט וועט העלפן. דיין ווייב אסתּר וועט גענעזן ווערן, און זי וועט האָבן אַ זון, וואָס עס וועט זיין אַ טרייסטונג צו אונז אַלעמען. זיין נאָמען וועט גרויס ווערן

איבער דער גאַנצער וועלט, און אין זיינע טעג וועלן געהאָלפן ווערן יהודה און ירושלים."

אין דער מינוט האָט אסתּר אויפגעהערט צו קרעכצען, און מען האָט דערהערט דעם געשריי פון אַ ניי־געבוירן קינד. ס'איז געווען אַ יינגל. דער געשריי האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין אַ געלעכטער, און די אַרומיקע האָבן גאַנץ דייטלעך דערהערט פונעם קינדס מויל: „באַ־באַ". אַלע האָבן זיך זייער געוואונדערט און ניט געוואוסט, וואָס אַזוינס דאָס באַטייט.

אויפן אַכטן טאָג האָט דער פאָטער געמאַכט דעם ברית, און כאָטש ער איז געווען געננג אָרעם, האָט ער ניט געקאַרגט קיין כּיבוד און פאַרבעטן אויף דער סעודה די שענסטע לייט פון שטאָט. מל געווען דאָס קינד האָט דער דיין ר' יוסף איסקאַפּאַ; צווישן די נעסט איז געווען דער רב, ר' אהרן לאַפּאַפּאַ און אויך די דריי חשובע אורחים. דעם קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבן שבתי, און לויטן טאַטנס נאָמען צבי האָט מען אים שפּעטער גערופן שבתי־צבי.

ווען מען האָט דערלאַנגט צום טיש ביי דער סעודה, האָט דער רבי ר' אהרן באַמערקט, אַז די דריי אורחים עסן גאָרנישט; זיי טוען נאָר גלייך ווי זיי וואָלטן עסן, און איידער זיי ברענגען די שפּייז צום מויל, ווערט זי פאַרשוואונדן פון זייער האַנט. ר' אהרן האָט זיך זייער פאַרוואונדערט, נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט, און ערשט אויף מאָרגן, ווען די פרעמדע זיינען שוין אַוועק פון סמירנע, האָט ער איבער(עגעבן וועגן דעם מופת צו זיינע נאָענטע. עס איז ביי אַלעמען געבליבן, אַז דאָס זיינען געווען מלאָכים: אַלע האָבן זיך דערמאָנט, וואָס עס שטייט אין חומש, ווי די מלאכים זיינען געקומען צו אברהם אבינו.

אָט דאָס דערציילט די לעגענדע וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז געקומען אויף דער וועלט שבתי־צבי. איצט, אין דריי הונדערט יאָר אַרום, איז שוין אוממיגלעך פעסטצושטעלן, צי האָט מען אים טאַקע באַלד נאָך זיין געבורט אַרומגערינגלט מיט אַ שלייער פון אַזעלכע אומנאַטירלעכע פאָרשטעלונגען, אָדער די מופתים זיינען אַרויפגעשוואומען שפּעטער, ווען שבתי־צבי האָט זיך שוין געהאַט אויסגערופן פאַר אַ משיח און מען האָט געמוזט זיין גאַנצן לעבן

איינהילן אין אַ מאַנטל פון סודותדיקייט און נעטלעכקייט. ניכער דאָס צווייטע.

די היסטאָרישע פאַקטן אָבער לאָמיר געדענקען:
שבתי־צבי איז געבוירן געוואָרן אום תשעה־באָב, 1626.
זיין פאָטער איז געווען אַן אָרעמער מעקלער.

ב

שבתי - צבים קינדערשע יאָרן

סמירנע, אַ וויכטיקער האַפנפּלאַץ אין קליינאַזיע, איז דאַן געווען אַן אָרט, וואו עס פלעגן זיך אויפקלייבן סוחרים פון גאַנץ מזרח און באַגעגענען זיך מיט די ענגלישע סוחרים. אַרום זיי האָט אויך פאַרדינט זיין ברויט ר׳ מרדכי־צבי. קיין גרויסע גליקן האָט ער ניט געמאַכט, אָבער פאַר דער דערציִונג פון זיין זון וואָלט ער דאָס לעצטע העמד אַראָפּגענומען פון לייב. ער האָט שבתין פרי אָפּ־געגעבן אין חדר, ווי דאָס איז געווען דער מנהג ביי יידן יענע צייטן, און דווקא צו אַ גוטן מלמד. גאָט און לייט האָבן זיך גע־פרייט מיטן יינגל: אי ער איז געווען שיין און געזונט, אי ער האָט געהאַט אַ מערקווערדיקע פעיִקייט אויפצונעמען זאַכן. עס איז גענוג געווען, ער זאָל איינמאָל עפּעס הערן, איז שוין דאָס אויף אייביק געבליבן איינגעקריצט אין זיין מוח. דער רבי פלעגט זאָגן אויף אים: „שבתי לערנט גאָרניט, ער דערמאָנט זיך נאָר, וואָס דער מלאך האָט אים געלערנט ביי דער מאַמען אין בויך“.

ווען שבתי־צבי איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָט אים דער פאָטער געדונגען אַ רבין אַ למדן, דערנאָך אַ צווייטן, נאָך אַ גרע־סערן. צו צוועלף יאָר איז שוין דאָס יינגל געווען אַ בקי אין גאַנץ גמרא, און איז אַריבער צו „פוסקים“ — צו די נאָך־תלמודישע געזעץ־אויסטייטשער. עס האָט לאַנג ניט גענומען, האָט ער שוין געקענט דאָס אויך, און אַזוי אַרום איז ער געווען קלאָר אין גאַנץ „נגלה“ [1], דאָס הייסט, אין יענעם טייל פון דער אמונה, וואָס איז אָפן פאַר יעדן למדן. אים האָט שוין אָבער דאָס לערנען

1 אויסגערעדט: ניגלע.

„נגלה״ ניט באַפרידיקט; אים האָט געצויגן צו „נסתר״ 1, צו דער פאַרבאָרגענער, מיסטישער לערע פון קבלה, וואָס דערהייבט דעם מענטשן צו העכערע, שענערע, ליכטיקערע וועלטן. דער גרעסטער קענער פון קבלה איז יעמאָלט געווען אין סמירנע דער דיין ר׳ יוסף איסקאַפאַ. שבתי־צבי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל לערנען מיט אים, און דער מקובל האָט איינגעשטימט, ווייל כאָטש שבתי־צבי איז נאָך געווען זייער יונג, האָט ער אָבער געשמט מיט זיינע פעיִקייטן איבער דער גאַנצער קהילה. דערצו איז ער נאָך געווען אַ מתמיד, און ר׳ יוסף איז געווען זיכער, אַז דאָס יינגל וועט זיך אַריינטון אין דעם שווערן לערנען מיט לייב און לעבן.

אַזוי איז טאַקע געווען. שבתי־צבי האָט זיך אַריינגעטאָן אין קבלה, טאָג און נאַכט ניט געקלערט וועגן קיין אַנדער זאַך. ער איז יעמאָלט אַלט געווען סך־הכל פופצן יאָר, אָבער זיין שכל איז געווען אַנטוויקלט גאָר איבער דער מאָס און איז פעיִק געווען אויפצונעמען די שווערסטע פילאָסאָפישע פראַגן. ער האָט געלערנט דעם „זוהר״, דעם הייליקסטן ספר פון דער קבלה, דערנאָך ר׳ חיים וויטאַלס „עץ חיים״, וואו עס איז איבערגעגעבן דעם „אר״י הקדושס״ תורה.

אָבער שבתי־צבים גליענדיקע פאַנטאַזיע האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דער שכלדיקער טעאָריע; ער האָט געגאַרט נאָך דער „פראַקטישער קבלה״ („קבלה מעשית״), וואָס גיט אַ מיגלעכקייט דעם מקובל איבערצובייטן דעם גאַנג פונעם לעבן, דורך באַשווערונגען, שמות און קמיעות צו פועלן ביי גאָט וואָס ער וויל. דער רבי האָט אים דאָס אויך אויסגעלערנט און געבענטשט אים מיט די ווערטער: פון היינט אָן זאָלסטו שוין ניט הייסן שבתי, נאָר „חכם שבתי״.

ג

שבתי-צבי האָט חתונה

אין שטאָט איז מען באַלד געוואויר געוואָרן וועגן דעם, אַז מרדכי־צבים יונגער זון איז ניט נאָר אַ גרויסער למדן אין „נגלה״,

1 אויסגערעדם: ניסטער.

נאָר אויך אַ זעלטענער קענער אין די געהיימענישן פון דער קבלה. מען האָט גענומען שיקן שדכנים צום פאָטער און צום רבין, ווייל יעדער ייד אין סמירנע האָט געוואָלט האָבן ביי זיך אין שטוב אַזאַ איידעם.

שבתי־צבי האָט אין אָנהייב ניט געוואָלט הערן וועגן חתונה האָבן, נאָר דער רבי ר' יוסף האָט אים איינגערעדט, און ער האָט געשטעלט אַ חופה מיט דער שיינער רחלען, אַ פערצניעריקע מיידל, די טאָכטער פון אַ גרויסן גביר און יחסן אין סמירנע, ר' אהרן. פאַר יענע יאָרן און יענע מקומות זיינען ניט דער חתן און ניט די כלה געווען צו יונג, און די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד.

שבתי־צבי האָט ווייטער געלערנט מיט גרויס חשק קבלה, און אַלע אַרומיקע האָבן זיך געשפּיגלט אין אים. נאָר די יונגע פרוי איז געווען טרויעריק. לאַנג האָט געדויערט, ביז וואַנען אירע עלטערן זיינען דערגאַנגען די סיבה פון איר צער. ווען ס'איז שוין געווען אַ יאָר נאָך דער חתונה איז דער גביר ר' אהרן פּלוצלינג אַריינגעפאַלן מיט גרויס כעס צו שבתי־צבים רבין, ר' יוסף, און גענומען קלאָגן: „וואָס האָסטו געטאָן מיט מיר, מיין האַר? דו האָסט אַוועקגעגעבן מיין טאָכטער צו אַ מענטשן, וואָס דאַרף ניט קיין ווייב! מיין טאָכטער וויינט און קלאָגט — אַ גאַנץ יאָר האָט ער זיך קיין איין מאָל ניט צוגערירט צו איר".

האָט דער דיין ר' יוסף געשיקט נאָך שבתין, זיין תלמיד, און אים געפרעגט, וואָס איז דער מער. האָט שבתי־צבי געענט־פערט: „איך האָב געמוזט אַזוי טון", און דערביי האָט ער איינ־גערוימט דעם רבין אַ סוד אין אויער: „נאָך איידער איך האָב חתונה געהאַט, האָב איך זיך מיט דער הילף פונעם הייליקן שם אַ הייב געטאָן אין אַ הויכן אָרט, און דערנאָך בין איך אַראָפּ בשלום". דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: איך האָב זיך באַהאָפטן אין דער קדושה פון דער גאָטהייט — ווי אַזוי וועל איך זיך באַ־העפטן מיט אַ זינדיקער פרוי?

דער רבי איז אויך געווען זיכער, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ מין מדרגה פון הייליקייט, ווען אַ ייד מוז זיך אָפּשיידן פון זיין

ווייב; ער האָט אָבער ניט געקענט גלויבן, אַז דער יונגער שבתי־צבי האָט שוין דערגרייכט צו אַזאַ שטאַפּל. האָט ער דעריבער דעם יונגנמאַן אָנגעהויבן מוסרן, אויפגעוויזן אים, אַז געווים האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט עפּעס אַן אומריינע זאַך, בשעת ער איז אַראָפּ פון די הויכע וועלטן, און צום סוף האָט ער געזאָגט אַזוי:

„הער זיך איין, מיין זון שבתי, וועט דיר זיין גוט אויף אַלעמאָל. שווער מיר, אַז דו וועסט זיך קיינמאָל אין דיין לעבן מער ניט פאַרנעמען מיט קבלה, און איך וועל באַשווערן דער מלאך פון פאַרגעסעניש, אַז ער זאָל דיר מאַכן פאַרגעסן דעם הייליקן שם, וואָס דו האָסט געקענט. זיץ און לערן, וועסטו זיין רעכטפאַרטיק פאַר גאָט אַלע טעג פון דיין לעבן, און נאָך אונזער טויט וועלן מיר ביידע זיצן אין גן־עדן מיט משיח בן דודן, ווייל דו ביסט מיין בעסטער תּלמיד, און איך האָב דיר איבערגעגעבן אַזוינס, וואָס איך האָב ניט איבערגעגעבן קיין שום מענטשן. גיי אַהיים און באַהעפט זיך מיט דיין ווייב, אַזוי ווי אונזער הייליקע תּורה האָט געבאָטן".

שבתי האָט זיך רויִק צוגעהערט צו די ווערטער, און דער רבי האָט געמיינט, אַז ער האָט שוין נעפּועלט. נאָר ווען ר׳ יוסף האָט געענדיקט, איז שבתי־צבי אויפגעקאָכט געוואָרן און אַרויסגערעדט מיט כּעס:

„מיין נשמה איז העכער און דערהייבענער ווי דיינע. מיין נשמה לייכט ווי די זון, און דיינע אַנטקעגן איר איז ווי דאָס לעכל פון אַ נאָדל".

ווי דער רבי האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און זיך צעוויינט. שבתי־צבי איז זיך אַוועק שטאָלץ, אָן אַ ברעקל חרטה.

ד

שבתי-צבי וואַקסט

ווען דער שווער ר׳ אהרן איז געקומען צו שבתים רבין אַ צווייטן מאָל פרעגן וואָס ער זאָל טון, האָט ר׳ יוסף איסקאַפּאַ זיך אָפּגערופן.

„איך זע, אַז פון דער גאַנצער וואַך וועט קיין גוטס ניט אַרויסקומען. זאָל דאָס פֿאָרפאָלק זיך גטן, כל־זמן עס איז נאָך ניט געקומען צו דער זינד פון אשת־איש".

שבתי־צבי איז דערויף באַשטאַנען און האָט באַלד אויף מאָרגן דורך אַ שליח צוגעשיקט אַ גט.

ער האָט זיך אומגעקערט צום פאָטער אין שטוב. ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט און טאָג ווי נאַכט געזעסן איבער די ספרים. מען ניט איבער, אַז דער טאַטע איז געווען אויף אים בייז אי פאַרן גט, אי פאַרן קבלה לערנען און האָט אים נאָר־ניט געוואָלט האַלטן ביי זיך. נאָר דער פאָטער איז געווען פאַר־נומען אין געשעפטן און ניט אַלעמאָל געווען אין דער היים; די אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַמיליע ווידער זיינען אין גאַנצן גע־ווען אויף שבתים צד. חוץ דער מוטער זיינען נאָך אין שטוב גע־ווען צוויי ברידער און אַ שוועסטער, וואָס האָבן געגלייבט אין שבתים הייליקייט און אים אין אַלץ געטאָן צוליב.

אַרום דעם וואונדערלעכן יונגנמאַן האָט זיך באַלד אויפגע־קליבן אַ כיתה יונגעלייט, וואָס פלעגן קומען הערן זיין תורה. ער איז געווען אַ רבי וואָס איז געווען אימשטאַנד צו באַצויבערן. עס איז ניט געווען די האַרבסטע קשיה, וואָס ער זאָל ניט פאַרענט־פערן שפּילנדיקערהייט. זיין שיינע געשטאַלט האָט געלויכטן, זיין זיסע שטים האָט געקלונגען ווי מוזיק. אַחוץ דעם האָבן דאָך אַלע געוואוסט, אַז ביי שבתין זיינען ווערטער און מעשים איינס: צניעות און ריינקייט איז ביי אים ניט נאָר אַ געבאָט פאַר יענעם. פאַסטן פלעגט ער אויך מער ווי אַלע אַנדערע. אָפטמאָל פלעגט די גאַנצע כיתה אַראָפּלאָזן זיך צוזאַמען צום ים און צוזאַמען זיך טובל זיין. אַן אַנדערש מאָל פלעגט שבתי־צבי מיט זיינע תלמידים אויף גאַנצע נעכט אַוועקגיין הינטער דער שטאָט און פאַר־ברענגען דאָרט אין תפילה און אין געזאַנג.

פון די באַליבטסטע לידער איז געווען ביי אים אַ ליבע־ליד אין שפּאַניאָליש, וואָס די שפּאַנישע יידן האָבן מיטגענומען מיט זיך ביים גירוש, ווען מען האָט זיי פאַרטריבן פון שפּאַניע:

אַרויפשטייגנדיק אויף אַ באַרג
און אַראָפּלאָזנדיק זיך אין אַ טאָל,
האָב איך באַגעגנט מעליסעלדען,
די טאָכטער פונעם קיסר,
וואָס איז געקומען פון דער באָד,
ואו זי האָט געצוואָגן אירע האָר.
איר פנים האָט געבלאַנקט
ווי אַ שווערד,
אירע אויגן־לעדלעך
ווי אַ שטאָלענער בויגן,
אירע ליפּן ווי קרעלן,
איר פלייש ווי מילך.

ביי קיינעם איז ניט געווען קיין חשד, אַז דאָס מיינט מען אַן ערדישע בת־מלכה מיט ערדישן חן. שבתי־צבי האָט באַזונגען די שיינקייט פון הימל. ער איז געווען אין אַ שטענדיקן צושטאַנד פון התלהבות; וואָכעדיקע זאַכן האָבן אים ניט געאַרט אויף אַ האָר.

גראָד זיינען יעמאָלט פאַר דער באַפעלקערונג פון סמירנע אָנגעשטאַנען בעסערע צייטן. טערקיי האָט געפירט קריג מיט דער רעפּובליק ווענעציע, און כאָטש די טערקן האָבן אין אַלגעמיין געהאַט מזל, נאָר דאָך האָבן אַ סך אייראָפּעישע פירמעס אַריבערגעטראָגן זייערע קאַנטאָרן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין דער רויִקער סמירנע. שבתי־צבים פאָטער, וואָס איז פריער געווען אַ מיטלמעסיקער מעקלער, איז איצט געוואָרן אַ שטענדיקער אַגענט פון אַן ענגלישער פירמע און גיך רייך געוואָרן. אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן מומלען, אַז מרדכי־צבי האָט געגומען באַגליקן אין זכות פון זיין הייליקן זון.

דער פאָטער האָט זיך אויף דעם ניט געמאַכט וויסנדיק אין די שמועסן מיט די אַרומיקע, אָבער ער האָט שוין ניט געקוקט אויף זיין שבתין ווי אויף א חושימניק, וואָס מאַכט אים אָן שאַנדע. שבתי־צבי אַליין ווידער האָט קענטיק טאַקע ניט געוואוסט

ווענן די אַלע רייד און שושקערייען. עס האָט געהאַט אַ פּנים ווי ער וואָלט בכלל ניט באַמערקן וואָס אַרום אים טוט זיך. די דרויסנדיקע וועלט האָט ביי אים קיין ברעקל ווערדע ניט געהאַט. ער איז רק געווען פאַרטיפט אין די סודות פון דער קבלה.

ה

וואָס איז אַזוינס די מיסטיק?

ביי יידן, פונקט ווי ביי די קריסטלעכע פעלקער, איז די מיסטיק אַ גייסטיקע שטרעמונג, וואָס וואַקסט נאָך פון מיטלעלטער. יעדער מענטש, ווען ער קומט נאָר צום באַוואוסטזיין, פאַרטראַכט ער זיך וועגן לעבן און טויט, וועגן גוטס און שלעכטס, וועגן חיהש־קייט, מענטשלעכקייט, געטלעכקייט. די רעליגיע גיט אַן ענטפער אויף די אַלע פראַגן: זי זאָגט, אַז דעם צדיק איז שלעכט אויף דער וועלט, נאָר דערפאַר וועט ער האָבן עולם־הבא; זי לייגט אָפּ דעם מענטשנס פאַראייניקונג מיט דער גאָטהייט אויף נאָכן טויט. פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען באַפרידיקט פון די ענטפערס. נאָר אַנדערע ווילן ניט לאָזן די אָפּלייגעניש אויף שפּעטער, זייער האַרץ שטרעבט צו פאַראייניקן זיך מיט דער גאָטהייט באַלד אויפן אָרט.

די אָפיציעלע קריסטלעכע קירך האָט זיך אין פאַרלויף פון מיטלעלטער אַלץ מער אַריינגעטאָן אין וועלטלעכע ענינים: די פויפּסטן זיינען געווען פאַרנומען מיט מלחמות, מיט פּאָליטישע קאַמפן, מיט אינטריגעס. די אָפיציעלע רעליגיע האָט זיך געהאַט איינגעצאַמט אין אַ געוויסער סיסטעם, און ווער עס האָט ניט גע־וואָלט גלייבן פון אַלף ביז תּיו אין אַלץ וואָס די קירך הייסט, דער איז געווען אַ כּופר־בעיקר.

דאָס האָט געמוזט אַרויסרופן אַ פּראָטעסט־באַוועגונג, און מיר זעען טאַקע, ווי צום סוף מיטלעלטער שטאַרקן זיך אין גאַנץ איי־ראָפּע די סעקטאַנטישע באַוועגונגען. מענטשן וואַרפן אַוועק זייער גוט לעבן אין די שטעט אָדער אין די פריצישע הויפן און שיידן זיך אָפּ פון דער וועלט; זיי באַזעצן זיך ערגעץ־וואו אין אַן איינ־

געפּאַלענער פּוסטקע און פּראַווען התבודדות[1] ביי ברויט און וואַסער. אַנדערע באַנוגענען זיך דערמיט אויך ניט און זיי נעמען אויסראָטן פון זיך דאָס שלעכטס איבערגוואַלד. אָפּטמאָל פלעגט מען אויף די גאַסן פון די שטעט באַגעגענען כיתות מענטשן, כמעט ווי נאַקעטע, ניט געקוקט אויף דער קעלט, וואָס זיינען געווען באַהאַנגען מיט שווערע קייטן און האָבן זיך געשמיסן מיט אייזערנע ריטער. דאָס האָבן זיי אויף אַזאַ אופן געוואָלט געפינען פאַרגעבונג פאַר זייערע זינד. דער עקל צו דער וועלט, צו די ערדישע תענוגים איז ביי אַ טייל סעקטאַנטן געווען אַזוי גרויס, אַז זיי פלעגן זיך אַליין פאַרשניידן די געשלעכטס=אָרגאַנען, כדי אויסצורייסן מיטן וואָרצל יעדע מיגלעכקייט פון תאווה.

אָט אַזוי האָבן מענטשן פּראָטעסטירט קעגן די קאַלטע, אויסגעמאָסטענע לערעס און פאַרצאַמונגען פון דער קירך. דער פּראָטעסט איז געווען צייטנווייז פאַנטאַסטיש, צייטנווייז ממש ווילד — אָבער ער איז אַלעמאָל געווען אַ רעזולטאַט פון דעם אינעווייניקסטן רעליגיעזן דראַנג, וואָס האָט ניט געקענט איבערטראָגן די פּענטעס פון די קאַלטע פרעמדע כללים. מען האָט געוואָלט פון די אויסגעלערנטע דאָגמעס אומקערן זיך צוריק צום אוממיטלבאַרן ציטער פונעם גלייביקן האַרצן. ניט דערפאַר דאַרף דער מענטש גלויבן אין גאָט, ווייל מען הייסט אים, נאָר ער דאַרף זען צו דערהייבן אַזוי ווייט זיין נשמה, אַז זיין נשמה זאָל זיך צונויפגיסן מיט גאָט. די נשמה איז אַליין אַ געטלעכער פונק, און ווען זי ווערט נתעלה[2], גיסט זיך דער פונק צונויף מיט דער גאַנצער אומענדלעכער גאָטהייט.

אויך ביי יידן האָט זיך אַזוי ווי ביי אַנדערע פעלקער אַנטוויקלט אַ שטאַרקע מיסטישע שטרעמונג, הגם עס זיינען געווען צייטן, ווען די רבנים האָבן שטאַרק געקעמפט קעגן לערנען „נסתר“. פון איין זייט האָבן דאָ געווירקט די איינפלוסן פון די אַרומיקע פעלקער. אָבער ס'איז אויך געווען אַן אַנדער, זעלבשטענדיקער קוואַל. די מוטער פונעם עקסטאַז איז אָפּטמאָל די פאַרצווייפלונג.

1 אויסגערעדט: היסבודעדעס.

2 אויסגערעדט: ניסאַלע.

וועמן אַ מענטש אָדער אַ פֿאָלק פֿאַרלירט די האָפֿענונג אויף אַ נאַטירלעכער פֿאַרבעסערונג פֿון זיין לאַגע, הייבט מען אָן קלערן וועגן איבערנאַטירלעכער הילף. און ווער נאָך איז אַזוי אָפּט ווי יידן געווען אין צושטאַנד פֿון לעצטער פֿאַרצווייפֿלונג? זעען מיר טאַקע, אַז אויסגעטריקנט איז דער קוואַל פֿון מיסטיק ביי אונז קיין מאָל ניט געוואָרן, ווייל אומבאַפֿרידיקטקייט איז אַלעמאָל פֿאַראַן אויף דער וועלט. אָבער אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿון די מיסטישע באַוועגונגען באַמערקן מיר דאַמאָלסט, ווען די יידישע צרות ווערן שוין גאָרניט אַריבערצוטראָגן.

די יידישע מיסטיק רופֿט זיך „קבלה". קבל איז אויף יידיש דער טייטש — באַקומען. און עס מיינט צו זאָגן, אַז די געהיימע לערע איז אַריבערגעגאַנגען פֿון מויל צו אויער און ווייטער פֿון מויל צו אויער, ביז וואַנען זי איז דערגאַנגען צו אונזער צייט. די וואָס קענען די געהיימע לערע ווערן אָנגערופֿן „מקובלים".

די געהיימע חכמה ביי יידן האָט זיך אָנגעהויבן זייער פֿרי, נאָך אין די צייטן פֿון תלמוד, דאָס הייסט מיט אָנדערטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק. נאָר דער וויכטיקסטער ספֿר פֿון דער קבלה, אויף וועלכן מען פֿאַרלאָזט זיך און מען שטיצט זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג און וואָס איז אויך געווען דער עיקר לערנען פֿון שבתי־צבי, איז דער „זוהר", אָדער ווי די פֿרומע יידן רופֿן עס: „דער זוהר הקדוש" — דער הייליקער זוהר. דאָס וואָרט „זוהר" גופֿא באַטייט „גלאַנץ, שיין", און ס'איז גענומען געוואָרן פֿון אַ פּסוק אין דניאל, וואו עס שטייט געשריבן: „און די לערנער וועלן גלאַנצן ווי דער גלאַנץ פֿון הימל".

באַוויזן האָט זיך דער ספֿר צום ערשטן מאָל אין שפּאַניע, מיט קנאַפּע זיבן הונדערט יאָר צוריק, אין דער צווייטער העלפֿט פֿון דרייצנטן יאָרהונדערט. אין יענער צייט האָט די מיסטיק פֿאַראינטערעסירט אַ גרויסן קרייז מענטשן, און דאָ האָט זיך פּלוצלינג פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז צום מקובל משה דע־ליאָן האָט מען געבראַכט פֿון ארץ־ישראל אַ כתב־יד פֿון אַ קבלה־ספֿר, וועלכער שטאַמט פֿון ר' שמעון בן יוחאי[1] אַליין. ר' שמעון בן יוחאי האָט

אויסגטרעדט: יובאַאי

געלעבט אין צווייטן יאָרהונדערט פון דער אייראָפּעישער צייטרעכענונג, דאָס הייסט, איננאַנצן מיט אַ הונדערט יאָר נאָכן צווייטן חורבן; ער איז געווען ר׳ עקיבאס אַ תּלמיד און רעכנט זיך אין גמרא פאַר איינעם פון די גרעסטע אויטאָריטעטן. ער האָט געהאַט אויסצושטיין פאַרפאָלגונגען פון די רוימער, און דרייצן יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער זיך געמוזט באַהאַלטן אין אַ הייל, ביז וואַנען ער האָט דערהערט אַ בת־קול: „ביסט פריי“. אין זיין צייט, ווערט דערציילט, האָט זיך אויפן הימל קיינמאָל ניט באַוויזן דער רעגנבויגן, ווייל עס איז ניט נייטיק געווען צו דערמאָנען די מענטשן זייערע זינד פון פאַרן מבול און גאָטס צוזאָג נאָכן מבול.

ס׳איז דעריבער ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט געמאַכט די ידיעה, אַז מען האָט געפונען אַ ספר „מדרש דרבי שמעון בן יוחאי“ (טאַקע דער שפּעטערדיקער „זוהר“) וואו עס ווערן אַנטפּלעקט די טיפסטע סודות פון דער גאָטהייט און פון דער נאַטור. מען האָט זיך געווענדט צו דע־ליאָנען, און ער האָט באַשטעטיקט, אַז ער האָט אַזאַ ספר באַקומען פון ארץ־ישראל; ער האָט אויך דערציילט גענוי, ווען און ווי אַזוי. אַנדערע האָבן דאָס געלייקנט, פּרובירט ברענגען עדות, אַז דע־ליאָן האָט אַליין פאַרפאַסט דעם גאַנצן ספר אָדער גענומען אַ פרעמדנס ווערק און עס צוגעשריבן צו ר׳ שמעונען. די פראַגע ווענן ר׳ משה דע־ליאָנס מחברשאַפט איז נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט פאַרענטפערט געוואָרן ענדגילטיק. נאָר איינס איז יעדנפאַלס קלאָר: אַ ווערק, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ אומגעהייערע ראָלע אין דער געשיכטע, האָט ניט געקענט זיין קיין רעזולטאַט פון אַ פּשוטער באַוואוסטזיניקער פעלשונג.

ו

וואָס לערנט דער זוהר

נאָכן „זוהר“ האָט זיך די מיסטישע באַוועגונג ביי יידן ניט אָפּגעשטעלט און אַרויסגעגעבן פיל גרויסע פיגורן, ביז ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, דער פאָטער פון חסידות. אָט די דענקער האָבן אַנט־

וויקלט די קבלה, באַרייכערט זי מיט נייע אידעען. אָבער דער זוהר איז ביי זיי אַלעמען געבליבן דאָס הייליקסטע, דער עיקר. אויך פאַר שבתי־צבי איז דער דאָזיקער ספר געווען דער פונדאַ־מענט פון זיין גאַנצן לערנען.

אַזוי ווי עס איז מערקווערדיק די געשיכטע פון דעם זוהר, אַזוי איז ער גופא מערקווערדיק. עס איז גאָר שווער צו צעגלידערן דעם אויסטערלישן ספר מיטן מעסער פון קריטיק. געשריבן איז ער אין דער פאָרם, ווי עס זיינען אויפגעשטעלט די מדרשים און— אַ סך שפּעטער — דער „צאינה־וראינה": עס נייט אַ פסוק פון תנ"ך, און צו דעם קומען אויסטייטשונגען. אָבער וואָסערע אויס־טייטשונגען! אָפטמאָל אַזעלכע, וואָס לויט אונזער פאַרשטאַנד האָבן זיי צום פסוק גופא קיין שום שייכות ניט. מיר געפינען דאָ אַלץ: פּאָעזיע און פילאָסאָפיע, איינגלייבעניש, כיראָמאַנטישע באַטראַכטונגען וועגן טרעפן דעם גורל פון מענטשן לויט די שטריכן פון זיין האַנט, דערציילונגען וועגן דער באַשאַפונג פון דער וועלט, און דער עיקר — חקירות וועגן גאָט און נאַטהייט, וועגן די פליכטן פון אַ ייד, וועגן משיחס צייטן.

דאָס אַלערהעכסטע אויף דער גאַנצער וועלט, קומט אויס לויטן זוהר, איז דער „אין סוף" [1]. דער „אין סוף" איז ניט אַרויסגערופן געוואָרן דורך קיין שום סיבה, איז קיינמאָל ניט באַ־שאַפן געוואָרן: ער איז געווען אַלעמאָל און וועט זיין אַלעמאָל. דער „אין סוף" בלייבט אַלעמאָל דער זעלביקער; בייטן זיך נאָר די פאָרמען, אין וועלכע ער ערשיינט פאַרן מענטשן. דער „אין סוף" האָט אין זיך אַלע מעלות, ער איז גאַנץ, אים פעלט קיין זאַך ניט.

פונעם „אין סוף" קומט אַרויס די ערדישע וועלט. אָבער ניט דירעקט, ווייל פון דער געטלעכער שלימות [2] קענען דאָך ניט אַרויסוואַקסן חסרונות און זינד. צווישן דער אייבערשטער וועלט פון געטלעכער אומענדלעכקייט און אונזער פּראַקטישער וועלט

1 אויסגערעדט: איינסאָף — די אומענדלעכקייט.

2 אויסגערעדט: שליימעס — פולקומקייט.

געפינען זיך צען „ספירות״, וואָס דורך זיי גייט דורך די געטלעכקייט אויף איר וועג צו דער ערד. יעדע „ספירה״ [1] איז אַ געוויסע אייגנשאַפט פון דער גאָטהייט: חכמה, פאַרשטאַנד, וויסן, שטענדיקייט, פּראַכט און אַזוי ווייטער. די געטלעכקייט לאָזט זיך אַראָפּ פונעם „אין סוף״ איבער די „ספירות״, וואָס דער־נעענטערן זיך אַלץ מער צו דער מאַטעריעלער וועלט. די נידעריקסטע ספירה איז מלכות (מאַלכעס, מאַכט); ווען די געטלעכקייט איז נאָך נאָענט צו דער מאַטעריע, קען זי זיך ניט באַגיין אָן דער אָנווענ־דונג פון כוח. די אייבערשטע, צענטע ספירה איז כתר (קעסער, די קרוין), וואָס גיסט זיך צוזאַמען מיט דער אומענדלעכקייט.

די ערדישע וועלט איז אָבער אויך ניט אינגאַנצן שלעכט, פונעם „אין סוף״ און דורך די ספירות ביז דער לעצטער ספירה מלכות גייען דורך קאַנאַלן (אין זוהר רופט זיך דאָס „צינור״), וואָס דורך זיי שטראָמט די געטלעכקייט אין אונזער ערדישער וועלט אַריין. דעריבער איז אין יעדן מענטשן, אַפילו אין דעם גרעסטן רשע, פאַראַן אַ פונק (אַ „ניצוץ״, ווי די קבלה רופט דאָס) פון דעם געטלעכן „אין סוף״. און פאַרקערט איז מיגלעך, אַז דורך דערהייבונג פון זיין נשמה („עלית־נשמה״ [2]) זאָל זיך דער מענטש דורך די קאַנאַלן וואָס ציען זיך צווישן די ספירות דער־הייבן צו די העכערע וועלטן. דער גאָר־גרויסער צדיק קען זיך אין מאָמענטן פון „עלית נשמה״ דערהייבן שיר ניט ביזן אין־סוף אַליין.

די נשמות געפינען זיך אַלע אין דער העכערער וועלט, „אין שוים פון דער גאָטהייט״. זיי ווערן אַראָפּגעשיקט אויף דער זינדי־קער וועלט, כדי זיי זאָלן זיך דאָ לייטערן און פאַרפולקומען. אויב אין זייער ערדישן לעבן האָבן זיי ניט באַוויזן דאָס אָפּצוטון, שיקט מען זיי אַראָפּ נאָכאַמאָל אויף דער ערד, און זיי קענען מגולגל ווערן אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל אין אַ נייעם גוף, ביז וואַנען זיי וועלן אינגאַנצן אויסגעלייטערט ווערן.

---

1 דאָס וואָרט האָט קיין שייכות ניט צום שורש „ספר״ און צום אויס־דרוק: „ציילן ספירה״; ס׳איז אַ העברעאיזירטע פאָרם פונעם וואָרט „ספערע״, וואָס באַטייט: קויל, אויך קרייז.

2 אויסגערעדט: אַליעס־נעשאָמע.

משיחס נשמה וועט קומען אויף דער וועלט די לעצטע, ווען אַ ל ע עקסיסטירנדיקע נשמות וועלן שוין זיין דורכגעגאַנגען זייער וועג. נאָר צוליב דער זינדיקייט פון די מענטשן ווערן קיין נייע נשמות ניט געבוירן, און מ׳שיקט אַראָפּ פון הימל אַלץ די אייגע־נע נשמות, ווי זאָלן זיך רייניקן נאָך און נאָך. די רשעים, הייסט עס, פאַרהאַלטן די גאולה, די אויסלייזונג (אויף קבלה־לשון הייסט עס: „זיי זיינען דוחק דעם קץ״). דער צדיק ווידער דערנענטערט די אויסלייזונג: ווען ער דערהייבט זיך צו די העכערע וועלטן, רופט ער אַרוים אַ שטאַרקערע א ו י ס ש ט ר אַ ל ו נ ג פון די ספירות, ממילא ברענגט ער אַראָפּ מער געטלעכקייט אויף דער וועלט.

ווען אַלע נשמות וועלן זיך אומקערן אין הימל געלייטער־טע, ריינע און פולקומע, דאַן וועט קומען משיח. אָט אַזוי לערנט דער „זוהר״.

ו

משיחס צייטן

אַ צווייטער קבלה־ספר, אין וועלכן שבתי־צבי האָט זיך פאַרטיפט, איז געווען ר׳ חיים וויטאַלס „עץ חיים״ (דער בוים פון לעבן), וואו עס ווערט איבערגעגעבן די לערע פונעם אַר״י הקדוש. דער אַר״י אָדער ר׳ יצחק לוריא, ווי מען האָט אים גערופן אַנ־דערש, האָט געלעבט אין דער שטאָט צפת 1 אין ארץ־ישראל און איז דאָרטן געשטאָרבן מיט אַ יאָר פופציק פריער, איידער שבתי־צבי איז געבוירן געוואָרן. ער האָט ווייטער אַנטוויקלט די לערע וועגן דער אומענדלעכקייט (אין־סוף), וועגן די ספירות, וועגן דער וועלט־באַשאַפונג, וועגן די קאַנאַלן (צינורות), דורך וועלכע די געטלעכקייט נידערט אַראָפּ אויף דער וועלט. ער האָט אויך גע־לערנט, אַז אין אַלע מענטשן זיינען פאַראַן „פונקען״ (ניצוצות) פון אַמאָליקע מענטשן; אויף דעם אַר״י אַליין האָט מען געזאָגט, אַז אין אים איז אַ ניצוץ פון משה רבינו, און די לערע וועגן דעם

1 אויסגערעדט: צפאַס. אין יידיש האָט זיך די שטאָט גערופן, אויפן אַראַבישן שטייגער, „סאַפעט״.

גלגול (וואַנדערונג פון די נשמות) האָט בײַ אים פֿאַרנומען אַ גרויסן אָרט. אָבער שבתי־צבי האָט זיך אַ סך מער אינטערעסירט מיט דער פּראַקטישער קבלה פונעם אַר״י, איידער מיט זיינע טעאָרעטישע חקירות. ניט וואָס זיינען אַזוינס די הימלשע קרעפטן, נאָר ווי אַזוי שטעלט מען זיי אין דינסט פונעם מענטשן; ניט וואָס איז אַזוינס משיח, נאָר ווי אַזוי ברענגט מען אים אַראָפּ וואָס גיכער.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד אין זעכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך אַזוי שטאַרק צעשפּרייט דער דראַנג צו דער פּראַקטישער קבלה. גאָר צום סוף פון פופצנטן יאָרהונדערט, אין דעם זעלביקן יאָר ווען קאָלאָמבוס האָט אויפגעדעקט אַמעריקע (1492), זיינען אַלע יידן פאַרטריבן געוואָרן פון שפּאַניע; אין זעקס יאָר אַרום איז געקומען דער גירוש פּאָרטוגאַל. פאַר הונדערטער טויזנטער יידן איז געקומען אַ צייט פון פיינפולן נע־ונד זיין, און שטענדיק ביי אַ גרויסן בראָך וואַקסט אויס די האָפענונג אויף אַן איבערנאַטירלעכער ישועה. אין ארץ־ישראל, און ספּעציעל אין דער שטאָט צפת, האָט זיך אין זעכצנטן יאָרהונדערט אויפגעקליבן אַ היפּשע צאָל מקובלים, און אַלע האָבן געטראַכט וועגן משיחס צייטן; דער אַר״י איז בלויז געווען דער גרעסטער פון זיי.

דער גרויסער צדיק קען דערנענטערן די אויסלייזונג. מיט וואָסערע מיטלען? פריער פאַר אַלץ דאַרף ער אַרבעטן אויף זיין אייגענער פאַרפולקומונג: ער זאָל באַפרייען זיין אייגענע נשמה פון די עלעמענטן פון שלעכטס. דאָס לאָזט זיך דערגרייכן דורך כוונה (קאָנצענטראַציע פון די געדאַנקען) ביים דאַוונען און ביים טון די מצוות, דורך פאַרטיפונג אין „זוהר", דורך תשובה, דורך איבער־חזרן געוויסע קבלה־שפּראָכן.

אָבער דער הייליקער צדיק קען אויפטון פיל מער. אין יעדן מענטשן, אַפילו אין דעם רשע, איז פאַראַן אַ ניצוץ פון גוטס, מער ניט די בייזע קליפּה (די שאָלעכטס) האַלט געפאַנגען דעם פונק פון גוטס און לאָזט אים ניט אָפּ. דער צדיק קען באַפרייען די גוטע פונקען, צונויפנעמען זיי אינאיינעם און אומקערן זיי צום „אין סוף", צו דער נאָטהייט, ד״ה צו דעם קוואַל פון וואַנען דאָס גוטס

קומט אַרויס. וועט דער צדיק האָבן צונויפגענומען אַלע פונקען פון גוטס, איז יעמאָלט אַ סוף צום שלעכטס; יעמאָלט וועט דאָס פאָלק אויסגעלייזט ווערן פון גלות. פריער וועט קומען משיח בן יוסף, און ער וועט אָנזאָגן דער וועלט, אַז ס׳קומט די גאולה; נאָר די פיינטלעכע כוחות פונעם שטן וועלן בייקומען דעם משיח, און ער וועט אומקומען. דערנאָך וועט אָבער קומען אַ צווייטער משיח, משיח בן דוד; ער וועט ענדגילטיק באַזיגן דאָס שלעכטס, עס וועט אויפגעשטעלט ווערן דער בית־המקדש, און גאָט וועט נעמען קיניגן איבער דער וועלט אויף אייביקע צייטן.

אויף זיך האָט דער אַר״י געקוקט ווי אויף משיח בן יוסף; און ווען ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1572, אינגאַנצן זעקס און דרייסיק יאָר אַלט, האָבן זיינע תלמידים פאַרשטאַנען דאָס אַזוי, אַז דער ערשטער משיח איז אומגעקומען אין געראַנגל מיט די כוחות פון שלעכטס, מיטן שטן. מען האָט זיך געריכט, אַז איצטער מוז שוין באַלד קומען דער צווייטער, דער אמתער, דער ענדגילטיקער משיח, דוד המלכס געזאַלבטער זון.

די לאַגע פון די יידן איז אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט געוואָרן ערגער; הייסט עס ווידער אַמאָל אַ סימן, אַז משיח איז שוין ניט ווייט, ווייל יעדער איינער ווייס דאָך, אַז איידער משיח וועט קומען וועט די יידן שוין ווערן גאָר שלעכט.

אין 17טן יאָרהונדערט האָבן זיך אָנגעהויבן אויף אוקראַינע די שחיטות אויף יידן, פריער צוביסלעך, אין די לאָקאַלע קאָזאַקישע אויפשטאַנדן, ביז וואַנען עס איז צום מיטן פון יאָרהונדערט (1648) אויפגעשטאַנען דער רשע כמעלניצקי. דאָ איז שוין ביי די יידן־מקובלים פון דער גאַנצער וועלט קיין ספק ניט געבליבן, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן „די ווייען פון משיחן״ (חבלי משיח), ביי וועלכע משיח דאַרף געבוירן ווערן. אָנצוהערענישן אויף דעם האָט מען געפונען אַ סך: אין פסוקים פון תנ״ך, אין פאַרשיידענע ראשי־תיבות און אַזוי ווייטער. אויך אין „זוהר״ האָט מען געפונען אַ באַווייז, אַז משיח וועט קומען אין יאָר פינף טויזנט פיר הונדערט אַכט (ת״ח).

איבעריקנס זיינען אַזעלכע משיחישע שטימונגען געווען פאַר־

שפרייט ניט נאָר צווישן יידן. די קריסטלעכע קירך גלייבט דאָך אויך, שטיצנדיק זיך אויף דעם עוואַנגעליום און איבערהויפּט אויף דער אַנטפּלעקונג פונעם אַפּאָסטאָל יוחנן, אַז עס וועט זיך ענדיקן די ממשלה פון שטן אויף דער וועלט און קריסטוס וועט זיך זעצן אויף דער קיניגלעכער שטול.

גראָד אין 17טן יאָרהונדערט זיינען די האָפענונגען אויף דער ניכער אויסלייזונג שטאַרק געשטיגן אין אַ טייל לענדער פון אייראָפּע, איבערהויפּט אין ענגלאַנד, וואו די פּאָליטישע רעוואָלוציע פון יענער צייט איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט רעליגיעזע אינטערעסן. די ראַדיקאַלע ריכטונגען אין ענגלאַנד — ראַדיקאַל סיי פּאָליטיש, סיי רעליגיעז — האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן פון יידן, ווייל זיי האָבן גערעכנט, אַז אָן יידן קען ניט פאַרווירקלעכט ווערן גאָטס קיניגרייך אויף דער ערד. מען האָט גענומען זוכן דאַטעם און פּסוקים פון עוואַנגעליום, און מען האָט אַרויסגעדרונגען, אַז אין יאָר 1666 וועט פאָרקומען די גרויסע איבערקערעניש אין לעבן פון יידישן פאָלק; אָדער די יידישע אמונה וועט זיך צונויפגיסן מיט דער קריסטלעכער, אָדער עס וועט קומען דער יידישער משיח און צוריק אויפשטעלן די יידישע מלוכה אין ציון און ירושלים.

ח

דער ערשטער אַרויסטריט

די לעגענדע וואָס האָט זיך אויסגעפלאָכטן אַרום שבתי-צבין און זיין באַוועגונג דערציילט, אַז זיין פאָטער מרדכי-צבי האָט פאַרמאָגט אַ יחוס-בריוו, אַז די משפחה ציט זיך אַזש פון דוד המלך. דאָס זאָל שוין גאַנץ פרי האָבן אַרויפגעפירט שבתין אויף משיחישע געדאַנקען. צו דעם זיינען דאָך נאָך צוגעקומען די וואונדערלעכע געשעענישן מיט די אורחים ביי זיין געבורט.

נאָר ווען מיר זאָלן אַפילו האַלטן, אַז אי די מעשה מיטן יחוס-בריוו, אי די דערציילונג וועגן די מופתים ביי זיין געבורט זיינען ערשט שפּעטער באַשאַפן געוואָרן פון זיינע באַגייסטערטע

אָנהענגער, זיינען אויך געווען גענוג פאַקטן, וואָס האָבן אים גע=
מאַכט גלייבן אין זיך. בייזע גזירות און רדיפות, וואָס ווייזן באַ=
שיימפּערלעך, אַז משיחס צייטן האָבן זיך אָנגערוקט; די וואַרטע=
נישן פון דער קריסטלעכער וועלט, פון וועלכער ער האָט געוויס
געוואוסט, ווייל ענגלישע סוחרים זיינען געווען איינגייער ביי זיין
פאָטער אין שטוב; ווייטער זיין אייגענע לומדות, זיין ריינקייט,
זיין הייליקייט, די ליבשאַפט פון די תלמידים צו אים — דאָס
אַלץ האָט אויפגעוועקט אין שבתי=צבין דעם געדאַנק, אַז אפשר איז
ער טאַקע דער משיח, אויף וועלכן עס וואַרט די גאַנצע וועלט.
פריער איז דאָס געווען ניט מער ווי אַ בליץ, וואָס האָט אַ פלאַם
געטאָן ביי אים אין מוח. נאָר דער בליץ האָט דעם מוח אָנגעצונדן.

אַ צייט האָט זיך שבתי=צבי איינער אַליין אַרומגעטראָגן מיט
דעם ווילד=דרייסטן געדאַנק, דערנאָך האָט ער זיך אַנטפּלעקט פאַר
זיינע נאָענטסטע תלמידים. זיי האָבן אויפגענומען די בשורה מיט
באַגייסטערונג; זיי האָבן זיך שוין געריכט אויף אַזאַ בשורה. פרי=
ער האָבן זיי זייער רבין ליב געהאַט, אַצינד האָבן זיי אים גענו=
מען פאַרגעטערן.

איינמאָל, אום ראש=חודש תמוז — דאָס יאָר איז ניט אינ=
גאַנצן פעסטגעשטעלט, נאָר מסתמא איז דאָס געווען 1651 — האָט
שבתי=צבי אָפּגעטאָן אַ זאַך, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע
סמירנער קהילה. דאַוונענדיק שחרית אין שול פאַרן עמוד, האָט
ער אַרויסגערעדט הויך אויפן קול גאָטס נאָמען ניט „אדני", ווי
דאָס איז אָנגענומען ביז היינטיקן טאָג, נאָר טאַקע דעם אמתן נאָ=
מען „יהוה" מיט אַלע נקודות. אַלע יידן זיינען געבליבן געפּלעפט;
ווייל דעם אמתן נאָמען פון גאָט האָט געטאָרט אַרויסריידן נאָר
דער כהן=גדול, ווען ער פלעגט אַריינגיין אין קדשי=קדשים פון
בית=המקדש, און עס שטייט בפירוש געשריבן, אַז ווער עס ברענגט
אַרויס פון זיינע ליפּן דעם הייליקן נאָמען, דער פאַרשפּילט עולם=
הבא. אַלע זיינען געווען צעמישט פון שבתים העזה, אָבער קיינער
האָט זיך ניט דערוועגט צו זאָגן אים אַ וואָרט, און ער האָט דאָס
איבערגעחזרט נאָך אויף מאָרגן און איבערמאָרגן אויך. A-3109

ענדלעך אויפן דריטן טאָג זיינען געקומען צו שבתין ר' יוסף

איסקאַפּאַ און דער רב ר׳ אהרן לאַפּאַפּאַ און געפרעגט ביי אים:
„דו ווייסט דען ניט, אַז אַפילו די קיניגן פון יהודה און ישראל און די נביאים האָבן ניט זוכה געווען צו דער קדושה אויף וועלכער דו פאַרמעסט זיך? עס קומט דאָך דיר טויט־שטראָף דערפאַר״!

נאָר שבתי איז ניט נתפעל געוואָרן און געענטפערט: איך בין גרעסער פאַר די אַלע וואָס איר האָט אָנגערופן, ווייל איך בין דער אמתער משיח פון גאָט און איך וועל אינגיכן ווייזן וואָס איך קען״.

האָט זיין רבי אים געשטראָפט און פאַרשעמט אין שול מיט אַזוינע ווערטער:

„איך בין זיכער, אַז דו וועסט האָבן אַ ביטערן סוף, אויב דו וועסט ניט תשובה טון צו גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן איבער דער גרויסער זינד, וואָס דו האָסט שוין דריי מאָל באַגאַנגען. איך האָב אויך געזינדיקט פאַר גאָט, וואָס איך האָב דיך געלערנט די חכמה פון „נסתר״. אָבער איך האָב דיר געעפנט מער ניט ווי איין פענסטער צו דער חכמה, לויט מיין פאַרשטאַנד, און דו האָסט זיך אַריינגענומען אַ ליגן אין קאָפּ, אַז דו ביסט פון דוד המלכם שטאַם. זיי ווייסן, אַז אויב דו וועסט ניט תשובה טאָן, וועסטו אויסגעריסן ווערן פון דער וועלט און פון יענער וועלט״.

זיינען אַרוים שבתים תלמידים און האָבן געענטפערט:

„וואָס איז ביי אייך גראָד היינט דער חידוש? טאָג פאַר טאָג רעדט ער דאָך אַרוים פאַר אונז, ווען מיר דאַוונען מיט אים אין אַ מנין אין זיין פאָטערס הויז, נאָטס נאָמען. און נאָכדעם דערהייבט ער זיך אַלעמאָל צום הימל און ער איז אונז מגלה פאָרכטיקע סודות, וואָס אַפילו די מלאכים אין הימל ווייסן דאָס ניט״.

האָבן די זקנים זיך אָפּגערופן: „אַז ווייי איז צו אייך מיט אייער רבין! ווי קומט איר צו נסתר, אַז איר פאַרשטייט אַפילו אין נגלה אויך ניט!״.

איז שוין שבתי־צבי געוואָרן אין כעס און האָט אַ זאָג געטאָן צו זיינע תלמידים:

„וואָס האָט איר דאָ צו ריידן מיט אַן אַלטן שוטה, וועלכער האָט פאַרגעסן דאָס וואָס ער האָט געקענט! נאָר איך בין דערהויבן איבער אַלעמען. דאָס יאָר פון גאולה קומט אָן, און איך

צין דער אויסלייזער. איך בין פון גאָט, און מרדכי דער סוחר מיט זיינע צוויי זין זיינען פאַר מיר נאָר דער סימן פון אַ פּאָטער מיט ברידער. אין מיין האַנט איז נאָר דער כּוח; נאָר פונדעסט־וועגן וועלן מיר טון גוטס צו אָט דעם שוטה, ווייל ער ווייסט ניט וואָס ער רעדט".

עס איז געוואָרן אַ גרויסע געקריגעריי אין שול, און די זקנים זיינען אַוועק מיט בושה: עס האָט אויסגעוויזן, אַז דער עולם האַלט מיט שבתין. ר' יוסף איסקאַפּאַ האָט געריסן קריעה און איז געפאַלן אויפן פּנים און געוויינט אויף זיין איינענעם אומגליק, וואָס עס האָט זיך אים געטראָפן צו לערנען מיט אַ תּלמיד אַ רשע. ער האָט געשאָלטן דעם טאָג וואָס ער איז געבוירן געוואָרן צו לער־נען מיט אַזאַ פּושע־ישראל.

זיין פרוי און זיינע קינדער האָבן אים געוואָלט טרייסטן, אָבער ער האָט ניט צוגענומען זייער טרייסט. האָבן זיי געשיקט נאָך ר' אהרן לאַפּאַפּאַ און נאָך אָנגעזעענע מענטשן פון שטאָט, און עס איז געבליבן ביי זיי, אַז מען זאָל אויפרופן אַן אַסיפה פון די חשובסטע יידן און שבתי־צבי זאָל קומען אַהין זיך פאַרענטפערן. די אַסיפה האָט אָבער אומזיסט געוואַרט אויף שבתין: ער איז ניט געקומען צו גיין.

דאַן איז געבליבן מען זאָל אים אַריינלייגן אין חרם, און עס איז אויסגערופן געוואָרן אין אַלע שולן און בתּי־מדרשים, אַז סיי שבתי־צבי אַליין און סיי ווער עס וועט זיך חברן מיט אים איז אויסגעשלאָסן פון דער יידישער עדה און וועט פאַרלירן ביידע וועלטן. עס איז אויך אויסגערופן געוואָרן, אַז מען זאָל וועגן דעם גאַנצן ענין בכלל ניט ריידן און בפרט פאַר אַ טערק, ווייל אויב דער סולטאַן וועט געוואויר ווערן וועגן עפּעס אַ פאַלשן משיח, זיינען יידן ניט זיכער מיטן לעבן.

ווען שבתי־צבי האָט דערהערט וועגן דעם חרם, האָט ער געענטפערט גאַנץ קורץ: „אַ פלוי קען ניט הרגענען קיין העלפאַנד". און ער איז געגאַנגען ווייטער זיין וועג, אַרויסגערעדט ווייטער גאָטס נאָמען און געהייסן דאָס טון אויך די בחורים און מיידלעך, וואָס זיינען געווען אַרום אים.

פון שלום וועגן האָט דער רבי ר׳ יוסף נאָך אַמאָל געשיקט צו שבתין איינעם פון די גרויסע שטאָטישע גבירים. אָבער דער ענטפער איז געווען אַ שאַרפער: „זאָג דעם אַלטן נאַר, ער זאָל מיך לאָזן צו־רו. וואָלט ער ניט געווען אַמאָל מיינער אַ רבי, וואָלט איך שוין לאַנג אויסגעמעקט אים און זיין נאָמען פון מיין ספר״.

דערהערט אַזוינע רייד, האָט ר׳ יוסף געזאָגט: „אויב ער גלייבט זיך שוין צום רבונו־של־עולם, וועט ער דאָך באַלד זאָגן, אַז ער האָט באַשאַפן הימל און ערד און אַלץ וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט!״ עס איז ווידער געווען אַן אַסיפה, און מען האָט שבתין מתּיר־דם געווען, דאָס הייסט מען האָט געגעבן צו וויסן, אַז ווער עס וועט אים טייטן, דער קויפט זיך עולם־הבא אין איין רגע: ווייל שבתי גייט גרינדן אַ נייע אמונה און מיט זיין טויט וועלן יידן געראַטעוועט ווערן.

עס האָט זיך אָבער ניט געפונען קיין איינער וואָס זאָל אויפהייבן זיין האַנט, ווייל ביי אַלעמען אין די אויגן איז שבתי־צבי טאַקע אויסגעקומען ווי אַ הייליקער מאַן. האָבן די גבירים געפועלט ביים טערקישן פּאַשאַ, ער זאָל אַרויסטרייבן שבתין פון סמירנע, און מען האָט אויך אַוועקגעשריבן בריוו אין אַ סך קהילות, אַז מען זאָל זיך היטן פון פאַלשן משיח.

ט

שבתי-צבים צווייטע חופּה

מיט פיר תלמידים איז שבתי־צבי אַוועק פון זיין היימשטאָט; זיי האָבן געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט. די תלמידים האָבן דערציילט שבחים פון זייער רבין, און שבתי־צבי אַליין האָט געטון מופתים, געבענטשט פיל קראַנקע און עקרות. זיין שם איז אים שוין נעגאַנגען פאָרויס; אַזוי זיינען זיי אָנגעקומען אין סאַלאָניק (היינט איז דאָס גריכנלאַנד, נאָר ביז 1913 האָט די שטאָט אין פאַרלויף פון קנאַפּע פינף הונדערט יאָר באַלאַנגט צו טערקיי).

סאַלאָניק איז דאַן געווען איינע פון די רייכסטע יידישע

קהילות אין טערקיי, אפשר טאַקע די רייכסטע און די גרעסטע. זייער פיל פּאַרטריבענע פון שפּאַניע אין יאָר 1492 זיינען אָנגעקו־מען אַהער, די טערקישע רעגירונג האָט זיי פריינדלעך אויפגענומען, און זיי האָבן זיך דאָ באַלד אַוועקגעשטעלט אויף די פיס. דאָ זיי־נען געווען אפשר דרייסיק קלויזן און בתי־מדרשים, און די באַלע־באַטים זיינען גערן געווען צו העלפן לומדים און צדיקים. האָט מען דעריבער שבתין מיט זיינע אָנהענגער אויך צוגענומען מיט גרויס כבוד, און די פיינסטע יידן פון שטאָט האָבן זיי פאַרבעטן צו זיך אויף קוואַרטיר.

שבתי אַליין איז אַריין אין שטוב צו אַ געוויסן גביר שלומיאל, וואָס איז אַגב געווען אַ גרויסער לערנער אויך; עס איז אַוועק אַ קורצע צייט, האָט דער באַלעבאָס זיך געווענדט צו אים מיט אַזוינע רייד: „זאָל דאָס זיין וואוילגעפעלן אין די אויגן פון מיין האַר; איך וויל דיך עפּעס פרעגן". האָט שבתי־צבי געענטפערט:

„פרעג".

„האָסט אַ ווייב?"

„ניין".

האָט ר' שלומיאל זיך אָנגערופן:

„דו ביסט יונג, מיין האַר, און שיין ביז גאָר. אויב דו האָסט קיין ווייב ניט, קענסטו זיך פאַרזינדיקן. איך האָב אַ טאָכ־טער לאה, זייער אַ שיינע. דיינע תלמידים, וואָס קומען אַהער, זאָגן אויך, אַז זי וואָלט געווען פאַר דיר אַ פּאָר".

„זאָל זיין ווי דו ווילסט, האָט געענטפערט שבתי־צבי, נאָר פריער מוז איך זי זען".

אויף מאָרגן האָט דער פאָטער געוויזן שבתין זיין טאָכטער. זי איז אים געפעלן געוואָרן, און מען האָט געמאַכט חתונה. די גאַנצע שטאָט האָט געקלונגען מיט ר' שלומיאלס סעודה. נאָר אויף מאָרגן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס האָט זיך איבערגעחזרט דאָס אייגענע, וואָס אין סמירנע: שבתי־צבי האָט זיין ווייב ניט באַרירט. דאָס מיידל האָט דאָס דערציילט צו איר מאַמען, די מאַמע דעם טאַטן. ר' שלומיאל האָט אָבער געזאָגט: „לאָמיר וואַרטן אַ פּאָר וואָכן. עס איז דאָך אומנאַטירלעך, אַז אַ יונגערמאַן אין די יאָרן

זאָל זיך אײנגאַנצן אָפּשײדן פון פרויען. אויב ער וועט זײן ווײטער אַזאַ מתמיד אין לערנען ווי ביז איצטער, וועט ער דאָך באַלד ווערן אײנער פון די גרעסטע פון אונזער שטאָט״.

אַזוי איז געבליבן. שבתי־צבי האָט זיך אָבער ניט געביטן. דערווײלע איז אָנגעקומען אין סאַלאָניק אַ בריוו פונעם סמירנער רב ר׳ אהרן לאַפּאַפּאַ, וואו ער האָט דערצײלט שבתי־צבים מעשים אין סמירנע און צווישן אַנדערע אויך די געשיכטע פון זײן חתונה און גט. איז ר׳ שלומיאל געוואָרן שטאַרק צעטראָגן און אַוועק צום אײדעם אים אויסרײדן.

שבתי האָט אָבער געהאַט אַ פּאַרטיקן ענטפער: „מײן נשמה איז באַהאַפטן צו דער הײליקײט, האָט ער געזאָגט, און דעריבער קען איך זיך ניט באַהעפטן מיט אַ גשמיותדיקער פרוי. איך האָב גענומען אײער טאָכטער פאַר אַ רוחניותדיק ווײב. נאָר וואַרט צו אַ פיר־פינף יאָר, וועל איך זי מאַכן פאַר אַ פירשטין אָדער פאַר אַ מלכה, איך וועל זי חתונה מאַכן פאַר אײנעם פון די דרײ קי־ניגן, וואָס וועלן זײן אונטער מיר, און זי וועט געוועלטיקן איבערן לאַנד אופיר אין אינדיע, וואָס איז פול מיט גאָלד און טײערע שטײנער. עס וועלן אַוועקגײן אַ פּאָר יאָר, וועט זי מאַכן מיט מיר אַ רײזע קײן ארץ־ישראל און זי וועט ווערן אַ נביאה גרעסער פון אַלע נביאות ביז איצט״.

דער שווער האָט פאַר פאַרוואונדערונג און שרעק ניט גע־קענט אויסרײדן קײן וואָרט. דערנאָך איז ער אַוועק צו זײנע גוטע פרײנט און געזאָגט צו זײ: „ניט אַנדערש ער איז חסר־דעה. ער האָט ניט קײן פּרוטה בײ דער נשמה; ער וואָלט אומגעגאַנגען נאַ־קעט, ווען די גבירים פון שטאָט זאָלן אים ניט געווען באַקלײדן; ער זיצט בײ מיר אויף קעסט, און דאָ רעדט ער גאָר, אַז ער וועט מײן טאָכטער מאַכן קיניגן איבער לענדער און וועט איר שענקען גאָלד און בריליאַנטן״!

מען האָט געפּרוּווט נאָך אַמאָל איבעררײדן מיט שבתין נאָר ער האָט אַלץ געטענהט זײנס. האָט ער אָפּגעגט די פרוי אויך און איז אַוועק אויף אַן אַנדער קוואַרטיר. ער האָט ווײטער געלערנט מיט די תלמידים קבלה, און די צאָל אָנהענגער זײנע איז

אַלץ געוואַקסן. כמעט גאַנץ סאַלאָניק איז געווען אויף זיין צד; נאָר געציילטע באַלעבאַטים האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אים.

מען גיט איבער, אַז שבתי־צבי האָט נאָך אַמאָל געפּראַוועט חתונה אין סאַלאָניק, אָבער ניט מיט קיין לעבעדיקער בתולה, נאָר מיט אַ ספר־תורה. איז ער געגאַנגען אונטער דער חופּה, כדי צו ווייזן, אַז גאָט מאַכט צוריק שלום מיט זיין פאָלק ישראל אין דער פערזאָן פון זיין משיח.

אין יאָר 1661 האָט שבתי ענדלעך אויסגעזאָגט די קלאָרע צייט פון דער אויסלייזונג: נאָך אין פינף יאָר אַרום, אין יאָר 1666, וועט קומען משיח, און די קרוין וועט זיך אומקערן צוריק צום פאָלק ישראל. עס איז געוואָרן אַ גרויסע שמחה, מען האָט אילומינירט די הייזער, געמאַכט גרויסע מאָלצייטן, קלעזמער האָבן געשפּילט אין די גאַסן; מען האָט זיך איינער דעם אַנדערן אָפּגע־געבן מזל־טוב.

ו
דער געטלעכער כּתב

נאָך אַ פּאָר יאָר אָפּזיין אין סאַלאָניק האָט זיך שבתי גע־לאָזט מיט זיינע תּלמידים צוריק אין וועג אַריין. עס איז ניט אינ־גאַנצן קלאָר צוליב וואָס האָט ער באַדאַרפט פאַרלאָזן די שטאָט, וואו דער גרעסטער טייל יידן האָבן אַזוי פעסט געגלייבט אין זיין געטלעכקייט. פאַראַן אַ מיינונג, אַז ער האָט פאָרט געהאַט אויסצו־שטיין פאַרפאָלגונגען פון יענע רבנים, וואָס זיינען געווען קעגן אים; עס איז אָבער מעגלעך, אַז ער איז גראָד אַוועק זוכן נייע מקומות, כדי צו געווינען דאָרטן אויך די הערצער פון יידן.

ווי די מעשה איז, מיר געפינען שבתין אינגיכן אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל. און דאָ פּאַסירט אַ פּאַקט, וואָס פאַרפעסטיקט ענד־גילטיק זיין פּאָזיציע. ער באַגעגנט זיך דאָ מיטן מגיד אברהם יכיני (יאַכיני).

יכיני איז געווען דער בעסטער מגיד אין שטאָט, און אויף זיינע דרשות פלעגט מען זיך שטיקן פון ענגשאַפט. ער האָט גע־האַט אַ גלייכן שכל און אַ שטאַרקע רעדנער־קראַפט; דערצו איז

ער נאָך געווען אַ למדן אויך. ער האָט געקליבן מיט גרויס ליבשאַפט אַלטע כתב־ידן, וואָס מען פלעגט ברענגען צו פירן פון ארץ־ישראל.

ווען שבתי־צבי איז געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און פאַר אַ קליינעם עולם גענומען אַנטפּלעקן זיינע סודות, איז דער מגיד באַלד צוגעשטאַנען צו אים, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער אונטערגע־טראָגן שבתין אַ ספר אונטערן נאָמען: „חכמת שלמה רבתי״, וואָס ער האָט כלומרשט געפונען צווישן די אַלטע כתב־ידן, וועלכע מען האָט אים געבראַכט פון ירושלים.

אין דעם ספר איז געשטאַנען אַזוי:

„און איך, אברהם, וואָס איך האָב זיך אָפּגעשיידט אויף אַ גאַנץ יאָר, האָב זיך פאַרטיפט אין דעם אָנבליק פון וואַלפיש, וואָס פילט אָן דעם טייך פון מצרים, און איך האָב געטראַכט וועגן דעם קץ. האָב איך דערהערט די שטים פון מיין גוטן פריינד: עס וועט געבוירן ווערן אַ זון צו מרדכי־צבי אין יאָר פינף טויזנט דריי הונ־דערט זעקס און אַכציק (1626), און מען וועט אים אַ נאָמען געבן שבתי־צבי, און ער וועט באַזיגן דעם גרויסן וואַלפיש און וועט צו־נעמען דעם כוח ביים בייזן שלאַנג. ער איז דער אמתער משיח, ער וועט מלחמה האַלטן ניט מיט מענטשלעכן כוח, ביז וואַנען דער טייך וועט זיך אַ הייב טון. זיין מלכות וועט זיין אייביק, און חוץ אים איז ניטאָ קיין אויסלייזער צו ישראל. שטעל זיך אויף די פיס און פאַרנעם דעם כוח פון דעם מאַן, הגם לויטן אויסזען איז ער שוואַך און אויסגעדיייווערט. איך האָב אים ליב, איך האָב אים האָלט... ער וועט זיצן אויף מיין קיניגלעכער שטול“.

דערנאָך גייט וועגן אַ קליין מענטשעלע, אַן אייל די גרייס, וואָס האָט איבערגעקערט אַ גוואַלדיק גרויסן באַרג, און אויסלאָזן לאָזט דאָס ספרל אוים אַזוי:

„און דער מאַן, וואָס איך האָב גערעדט וועגן אים, וועט זיך שטאַרק פלייסן צו דערקענען גאָט, און אויף אים האָט נביאות גע־זאָגט דער נביא חבקוק: „צדיק באמונתו יחיה“ [1].

.... די מענטשן פון זיין דור וועלן אים רודפן, נאָר זייער

---

1 „דער צדיק וועט לעבן מיט זיין אמונה״; די ערשטע אותיות פון דעם פסוק מאַכן „צבי״.

נשמה שטאַמט פון ערב־רב אין מצרים, כאָטש זיי זיינען רבנים
און מנהיגים פון דור. ער וועט באַווייזן גרויסע מופתים און וועט
זיך מוסר־נפש זיין על קידוש־השם".

דער רושם פון דעם געשריפט סיי אויף שבתי־צבין און סיי
אויף דעם ברייטן עולם איז געווען אומגעהייער גרויס. אברהם יכיני
איז געווען באַוואוּסט פאַר אַן אויפזוכער פון אַלטע כתבים, און
דעריבער האָט קיינער ניט געצווייפלט אין דער עכטקייט פון דעם
כתב אויך. איז אויב אַזוי, צי קען נאָך זיין דער מינדסטער ספק,
אַז עס זיינען אָנגעשטאַנען משיחס צייטן, וויבאַלד שבתי־צבים נאָ־
מען איז בפירוש דערמאָנט און איבערגעחזרט אין דער הייליקער
נבואה? שבתי־צבי אַליין איז אויך געוואָרן נאָך פעסטער ביי זיך.
פריער האָט אין אים גערעדט נאָר די אינעווייניקסטע שטים פון
בטחון. איצטער האָט ער געהאַט אַ באַשטעטיקונג, וואָס לאָזט זיך
שוין ניט אָפּלייקענען. ער האָט זיך גענומען נאָך מיט מער מוט
גיין צו זיין ציל.

יא

אין ארץ-ישראל און מצרים

דער חרם פון סמירנע איז אָנגעקומען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל
אויך, און די אָרטיקע רבנים האָבן אויך גענומען פאַרפאָלגן שבתין.
דאָ, אין דער הויפּטשטאָט פון טערקיי, האָבן זיי באַזונדערס מורא
געהאַט, אַז דער סולטאַן קען געוואויר ווערן וועגן שבתים שטאָל־
צע פּלענער און אויסגיסן זיין כעס אויף אַלע יידן. האָט שבתי־
צבי אין אַ קורצער צייט אַרום געמוזט פאַרלאָזן קאָנסטאַנטינאָפּאָל
אויך: עס האָט אים ניט געהאָלפן ניט די שטיצע פונעם מעכטיקן
מגיד ר׳ אברהם, ניט דער מיטגעפיל פונעם גרעסטן טייל עולם.
אָבער די נייע וואָגלעניש האָט נאָר אויסגעזען ווי אַ צרה; אין
דער אמתן איז זי געווען פאַר שבתין אַ גליק. ער האָט געפונען
נייע אָנהענגער און מיטהעלפער, וואָס האָבן פון דעם קלייזל
תלמידים און די גרופּעס סימפּאַטיקער געמאַכט אַ גרויסע ברייט־
פאַרצווייגטע באַוועגונג.

שבתי־צבי איז אַוועק מיט זיין עולם קיין ירושלים [1]. זיי פלעגן אָפט קומען צום כותל־מערבי און זינגען דאָרט קאַפּיטלעך תהילים; זיי פלעגן אומגיין איבער די הייליקע ערטער, פּראַוועןתעניתים און דערנאָך ווידער מאַכן גרויסע מאָלצייטן לכבוד דער אָנקומענדיקער גאולה. זיי זיינען דעריבער גיך באַקענט געוואָרן דעם ברייטן עולם. אויך דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפּאָזיציע פון די רבנים, נאָר אינגיכן האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, וואו די יידישע באַפעלקערונג האָט צו שבתין געמוזט אָנקומען.

ארץ־ישראלער יידן האָבן אונטער דער טערקישער הערשאַפט געלעבט ניט שלעכט, נאָר איין חסרון איז געווען: די פּאַשאַס האָבן תמיד געדאַרפט געלט און געריסן פון דער באַפעלקערונג. גראָד האָט זיך אין דער צייט, ווען שבתי איז געווען אין ירושלים, געמאַכט אַ צופאַל, אַז דער דאָרטיקער פּאַשאַ האָט גענומען מאָנען ביי די יידן אַ גרעסערע סומע געלט. פון וואַנען צו נעמען איז ניט געווען. האָט מען באַשלאָסן צו שיקן שלוחים צום רייכן יידן רפאל־יוסף אין קאַירא, וואָס האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַלע עגיפּטישע גרענעץ־אָפּצאָלן און איז געווען באַוואוסט פאַר אַ הייסן ייד. אין דער שפּיץ פון דער דעלעגאַציע האָט מען אַוועקגעשטעלט שבתי־צבי.

ביי רפאל־יוספן אין שטוב האָט מען דעם שליח צוגענומען מיטן גרעסטן כבוד. עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז רפאל־יוסף איז נים נאָר אַ ייד מיט אַ ברייט האַרץ פאַר אַלע יידישע באַדערפעניש, נאָר אויך אַ קענער פון קבלה. ער האָט שוין געהאַט געהערט פון שבתי־צבין. אַנדערע זאָגן, אַז ער האָט זיך געקענט מיט שבתים פאָטער, וואָס פלעגט צוליב געשעפט קומען קיין מצרים, און יענער האָט אים אויך דערציילט וועגן דער געטלעכקייט פון זיין זון. יעדנפאַלס האָט רפאל־יוסף ניט נאָר איינגעשטימט צו געבן דאָס געלט, וואָס ירושלימער יידן האָבן פאַרלאַנגט, נאָר ער האָט איבערגעגעבן זיין גאַנצן פאַרמעגן שבתי־צבין אין די הענט. פאַר זיך אַליין האָט ער שוין פריער אויך גאָרניט באַדאַרפט. ער, דער גרויסער

[1] לוים אַנדערע מקורים איז ער נאָך פריער געווען אין קאַירא, עגיפּטן.

גביר, האָט שטענדיק געלעבט איינפאַך, אָפּט געפאַסט תּעניתים, און דאָס געלט זיינס איז געגאַנגען פאַר קהל; איצטער האָט ער געפונען די אמתע אָנזועגדונג פאַר זיין פאַרמעגן — צו העלפן דערנענטערן דאָס אָנקומען פון משיחן.

אַ שרייבער פון יענע צייטן גיט איבער, אַז איינמאָל, ווען אויף רפאל־יוספן זיינען אָנגעפאַלן ספקות, האָט ער אַריינגעבעטן שבתי־צבין אין אַ באַזונדער חדר און אים געזאָגט אַזוי:

„בייזער זיך ניט אויף מיר, מיין האַר, איך וויל דיך פרעגן אַ שאלה".

„פרעג אָן פחד וואָס דו ווילסט", האָט געענטפערט שבתי.

„צי האָט מיט דיר גערעדט השם־יתברך אַזוי ווי מיט משה רבינו?"

„ניין", האָט שבתי געענטפערט גאַנץ רויק.

„טאָ ווער האָט דיר געגעבן ערלויבעניש צו נעמען אויף זיך אַזאַ שווערע זאַך, וואָס דו קענסט דורך דעם חלילה מאַכן שטרויכלען דעם כלל ישראל?"

האָט שבתי זיך אָפּגערופן:

„אויב דו וועסט מיר שווערן ביי מיין קרוין, אַז דו וועסט שווייגן, וועל איך דיר אויסזאָגן אַזוינס, וואָס קיין מענטש ווייס ניט".

רפאל־יוסף האָט געשוואוירן, און שבתי האָט גערעדט ווייטער:

„איך בין משיח, און משיח איז גרעסער פאַר משה רבינו. מיין נשמה איז עלטער פאַר דער גאַנצער וועלט, און איידער משה און אַלע מלאכים זיינען באַשאַפן געוואָרן, בין איך שוין געשטאַנען פאַר גאָטס שטול. משה רבינו האָט געמוזט האָבן אַ שטעקן, כדי בייצוקומען פרעהן, און איך וועל בייקומען דעם סולטאַן מיט איין וואָרט, ווייל אויף מיר האָבן עס די נביאים געזאָגט: „לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוח" — ניט מיט זעלנער און ניט מיט קראַפט, נאָר מיט גייסט".

ווי רפאל־יוסף האָט דערהערט די ווערטער, דורכגעדרונגען מיט דער מאַכט פון דער טיפסטער איבערצייגונג, איז ער געפאַלן שבתין צו די פיס און אים איבערגעבעטן פאַר זיינע חוצפּהדיקע שאלות.

שבתי־צבי איז אַוועק קיין ארץ־ישׂראל, באַגלייט מיט די ברכות פון זיינע ניי־געוואונענע אָנהענגער און באַלאָדן מיט דער פולער סומע געלט, וואָס דער ירושלימער פּאַשאַ האָט געפאָדערט. מען האָט אים צוגענומען מיטן גרעסטן כבוד, מיט שׂמחה און געזאַנג, און עס איז געמאַכט געוואָרן אויף אים דאָס ווערטל: „אַוועק אַ שליח און געקומען אַ משיח".

דורכפאָרנדיק פון קאַיראָ קיין ירושלים, האָט שבתי־צבי אין דער שטאָט עזה [1] באַקומען אַ נייעם תּלמיד, דעם וויכטיקסטן פון זיין גאַנצער גרופּע. דאָס איז געווען נתן העזתי [2].

יב

צוויי גרויסע תּלמידים

די אומשטענדן, ביי וועלכע דער אָדער יענער תּלמיד איז צוגעשטאַנען צו דער משיחישער באַוועגונג, זיינען ניט גענוי באַוואוסט; עס פעלן וועגן דעם די אמתע היסטאָרישע דאָקומענטן, און מען שטיצט זיך דאָס רוב אויף לעגענדעס און קאָמבינאַציעס. אויך וועגן דער צייט, ווען זיי זיינען געקומען צו שבתין, זיינען ניטאָ קיין קלאָרע ידיעות, אַפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזוינע איינפלוסיקע פּערזאָנען, ווי נתן און שמואל. טייל ווייזן אָן, אַז זיי האָבן זיך באַקענט מיט שבתין און מיט זיין לערע נאָך איידער ער איז אַוועק קיין מצרים; אַנדערע ווידער מיינען, אַז צוריקוועגס פון קאַיראָ קיין ארץ־ישראל; און נאָך אַנדערע שרייבן, אַז שמואל פּרימאָ איז נאָר געזעסן אין הויז ביי רפאל־יוספן אין קאַיראָ און האָט חתונה געהאַט פאַר שבתי־צבים שוועסטער. דאָס זיינען אַלץ שטרייט־פראַגן, וואָס עס וואָלט געווים געווען אינטערעסאַנט פונאַנדערצופּלאָנטערן, נאָר דער עיקר פון דער זאַך וועט זיך דערפון ניט בייטן. מיט אַ יאָר פריער אָדער שפּעטער, נאָר די ראָלע, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין דער שבתי־צבי׳ישער באַוועגונג, איז פעסטגעשטעלט.

---

1 אויכשפּראַך: אַזאַ.

2 אויסשפּראַך: נאָסן האַאַזאָסי.

נתן העזתי איז אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק, ווען ער איז צוגעשטאַנען צו שבתי־צבי. ער איז געווען אַ בקי אין גמרא און אין קבלה און האָט דערפאַר געטאָן אַ פיינעם שידוך מיט דער טאָכטער פון אַ רייכן יידן, אַ פּאָרטוגיזישער פון שפּאַניע; נתן אַליין האָט געשטאַמט פון דייטשע יידן.

מען דערציילט, אַז ווען שבתי־צבי איז דורכגעפאָרן דורך עזה און נתן האָט אים דערזען, האָט ער אַ געשריי געגעבן: „הוא ולא אחר" („ער און ניט קיין אַנדערער"). שבתי האָט אים געענטפערט: „זאָלסט שטענדיק שטיין פאַר מיר, און דו וועסט זיין אַ גרויסער נביא, און דו וועסט אָנזאָגן דער וועלט גוטע בשורות פון ישועות און נחמות".

נתן האָט באַלד אַוועקגעוואָרפן אַלצדינג און איז מיטגעגאַנגען מיט זיין משיחן. זיין רבי, וועלכער האָט שטאַרק געהאַלטן פון נתנען, האָט אים געלאָזט רופן און גענומען אויסריידן, וואָס ער גייט נאָך אַז אָפּנאַרער; דער אמתער משיח, האָט ער געזאָגט, וועט קומען, ווען גאָט וועט וועלן, און דאַן וועלן ניט זיין קיין קעגנער, אַלע יידן וועלן זיך אָנשליסן אָן אים מיט פרייד. נתן האָט דוכט זיך איינגעשטימט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַוועקגיין פונעם פאַלשן משיח; אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען איבעראַניים שבתין און דערשפּירט אויף זיך דעם צויבער פון זיין פערזענלעכקייט, האָט ער פאַרגעסן אָן דעם רבינס אַלע שטראָפרייד און איז שוין געבליבן ביי שבתין אויף אַלעמאָל.

ווען נתן פלעגט אָנהייבן ריידן און נביאות זאָגן אויף דעם נאָענטן קץ און אויף שבתי־צבי דעם משיח, האָבן אַלע געשפּירט אין זיין הייליקער באַגייסטערונג אַן איבערמענטשלעכע קראַפט. ער איז אַליין געווען איבערגעצייגט אין שבתין אַלס משיח מיט זיין גאַנצן האַרצן, און דעריבער האָט ער געהאַט דעם כוח איבערצוצייגן אַנדערע. דאָס פאָלק האָט אים אָנגענומען פאַר אליהו הנביא, ווייל מען האָט דאָך געוואוסט, אַז אליהו וועט אָנזאָגן דער וועלט, אַז משיח גייט.

אַ צווייטע שטאַרקע קראַפט, וואָס איז צוגעקומען שבתי־צבין אין יענער צייט, איז געווען שמואל פרימאָ. ער איז געווען אַ גרוי־

סער למדן, דאָס האָבן מודה געווען אַפילו זיינע און שבתים גרעסטע קעגנער. שמואל איז געוואָרן שבתים סופר (סעקרעטאַר), און ער מיט נתנען האָבן זיך שוין איצטער ניט באַנוגנט מיט דעם איינפלוס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף די מענטשן אַרום זיי; עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סיסטעמאַטישע פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעט דורך שלוחים און אויפרופן צו אַלע גרויסע יידישע קהילות.

עס איז געווען קלאָר, אַז ארץ-ישראל איז דער בעסטער אָרט פאַר אַ צענטער פון דער גאַנצער באַוועגונג, אי לויט איר געאָגראַפישער לאַגע, אי לויט דער ראָלע, וואָס דאָס לאַנד דאַרף שפילן אין משיחס צייטן. נאָר פונדעסטוועגן האָט שבתי-צבי געמוזט אומקערן זיך אויף אַ ווײַלע קיין מצרים, אין רפאל-יוספס הויז: ער איז געפאָרן חתונה האָבן מיט זיין באַשערטער, מיט דער כלה, וואָס גאָט אַליין האָט אים געהייסן זי נעמען פאַר אַ ווייב — שרה בת ישי [1].

שבתי-צבים אָנהענגער און באַוואונדערער האָבן דערציילט וועגן אַזאַ מין נס, וואָס האָט זיך געטראָפן מיט זייער רבין:

עס איז געווען אין דער נאַכט פון שבועות. ביי רפאל-יוספן אין הויז אין קאַירא איז געזעסן דער משיח, אַרומגערינגלט מיט זיינע תלמידים, און ער האָט מיט זיי געלערנט תורה, אַנטפּלעקט פאַר זיי די סודות פון קבלה. פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קול, און קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען: „קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה“ (אַ שטים פון פרייד און אַ שטים פון שמחה, אַ שטים פון חתן און אַ שטים פון כלה). אינדעם האָט זיך געעפנט די טיר פון חדר, און ס'איז אַריין דאָס געשטאַלט פון אַ וואונדערשיינער בתולה, אָנגעטאָן אין די טייערסטע מלבושים. דאָס געשטאַלט האָט זיך געווענדט מיטן פנים צום משיח און געבוקט זיך צו אים און געזאָגט אַזוי: „אויב איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן און עס איז דיר וואוילגעפעלן...“ דאָ האָט די בתולה איבערגעהאַקט אירע רייד און איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

---

1 אַנדערע קוועלן גיבן איבער, אַז די חתונה מיט שרהן איז פאָרגעקומען נאָך איידער ער האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין ירושלים מיט רפאל-יוספס געלט.

יג

שבתי-צבים באַשערטע

דער גאַנצער עולם איז געבליבן דערשראָקן און פאַרחידושט, נאָר איין שבתי=צבי איז געזעסן רויק. און ווען ס'איז אַריבער דער הייליקער יום=טוב, האָט דער משיח אויסגעקליבן די שענסטע צוועלף יונגעלייט פון צווישן זיינע תלמידים און געווענדט זיך צו זיי אַזוי צו זאָגן:

„טוט זיך אָן אייערע שענסטע בגדים און נעמט מיט זיך צוויי יידישע פרויען און זעצט זיך אויף אַ נייער שיף, וואָס ר' רפאל=יוסף וועט אייך געבן, און לאָזט זיך אַוועק קיין ליוואָרנאָ אין איטאַליע און גיט דאָרט איבער צו שרהן מיין כלה דעם בריוו, וואָס איך וועל מיטשיקן מיט אייך.

דאָס בריוול האָט זיך געלייענט אַזוי:

„משיחס צייטן, אַכט טעג אין סיוון.

„ווי שיין און ווי ליב איז מיין געליבטע שרה די טאָכטער ישים פון פוילן. ביסט שיין, מיין פריינדין, ביסט אינגאַנצן שיין, מיין פריינדין, ניטאָ אין דיר קיין מום. פאַראַן אַ סך דערהויבענע פרויען, נאָר דו ביסט גרעסער פון זיי אַלעמען. מיין רעכטע האַנט איז ווי אַ חותם אויף דיין האַרץ. לויף, מיין געליבטע, און זיי געגליכן צו אַ אינד. אַ חופה האָט געמאַכט פאַר דיר דער קיניג.

„שענסטע צווישן די פרויען! גיי אין די טריט פון מיין שליח. דער קיניג וועט דיך ברענגען אין זיינע צימערן; אין מאַכט און פראַכט וועסטו זיין אָנגעטאָן.

שבתי=צבי"

צו דעם בריוו האָט ער מיטגעגעבן דריי גילדערנע רינגען מיט גרויסע בריליאַנטן, אויערינגלעך און אַנדערע צירונג, וווייטער די טייערסטע שטאָפן. און ער האָט ווידער גערעדט צו די שלוחים: זייט וויסן, אַז איר וועט קומען אין ליוואָרנאָ, וועט איר דאָרט געפינען אַ בתולה שרה בת ישי. איר פאָטער איז געווען אַ גלגול פון

משיח בן יוסף, און ער איז דערהרגעט געוואָרן אין לאַנד אוקראַינע אין דער צייט פון כמעלניצקים שחיטות אין יאָר ת״ח (1648). גיט איר איבער מיינע בריוו מיט די מתנות און טוט זי אָן אין די קיניגלעכע קליידער וואָס איך שיק איר און ברענגט זי אַהער צו מיר.

די שלוחים האָבן געפאָלגט און זיינען אַוועק און געקומען בשלום קיין ליוואָרנאָ און טאַקע געפונען אַזאַ שרה, וואָס האָט געשטאַמט פון פוילן.

אַזוי האָבן איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן שבתי־צביס אָנהענגער און זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן אויף דער געטלעכקייט פון זייער רבין, וואָס איז מיטן רוח־הקודש געוואויר געוואָרן, אַז אין ליוואָרנאָ, העט־ווייט אין איטאַליע, איז פאַראַן אַ בתולה שרה פון פוילן און דווקא זי איז זיין באַשערטע. די קעגנער אָבער האָבן געלייקנט אויך אין דעם מופת, אַזוי ווי זיי האָבן בכלל ניט געוואָלט אָנערקענען די אַלע וואונדער, וואָס מען האָט דערציילט וועגן שבתין. זיי האָבן דאָס אויך אויסגעטייטשט ווי אַ שווינדל: אַז ער איז דורך וועמען עס איז דערגאַנגען וועגן דעם מיידל אין ליוואָרנאָ און האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז עפּעס אַ געטלעכע קראַפט האָט אים אַנטפּלעקט דעם סוד.

וועגן דעם מאָדנעם מיידל אין ליוואָרנאָ האָט מען צווישן יידן אין אייראָפּע שוין גערעדט אַ היפּשע צייט.

אין דעם קליינעם שטעטל בראַקלאַפ [1], אויף אוקראַינע, אַזוי גיבן איבער די שרייבער פון שבתי־צביס צייטן, איז געזעסן אַ ייד ישי בן יהודה. אום פורים ת״א (1641) האָט זיין ווייב געהאַט אַ טאָכטער, וועלכער מען האָט אַ נאָמען געגעבן שרה. אין יאָר 1648 האָבן זיך אָנגעהויבן די קאָזאַקישע מלחמות, וואו צענדליקער און אפשר הונדערטער טויזנטער יידן זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן; זיינען דאַן קענטיק אומגעקומען אויך שרהס טאַטע־מאַמע. יידן רחמנים, וואָס זיינען געלאָפן פון דער גזרה, האָבן מיטגענומען דאָס מיידעלע און זי געבראַכט קיין אַמסטערדאַם, וואוהין עס

---

1 אויף דער קאַרטע איז אַזאַ פלאַץ ניטאָ. אפשר זאָל דאָס מאַכן „בראַצלאַוו״?

האָבן זיך אַ לאָז געטאָן זייער פיל אַנטרונענע. דאָרטן איז זי גע־וואַקסן, און קהל האָט געזאָרגט פאַר איר.

אין אַ יאָר אַרום, אין 1649, איז געקומען קיין אַמסטערדאַם אַ יונגערמאַן, אויך אַ פאַרטריבענער פון אוקראַינע, און ווען ער האָט געטראָפן אין אַ שטוב די קליינע שרה, האָט ער אויסגעשריען: „אוי, ס'איז דאָך מיין שוועסטער!" און ער האָט דערציילט אַזאַ געשיכטע:

ביי זיינע עלטערן איז געווען אַ קליין טעכטערל, וואָס מען האָט אַוועקגערויבט פון שטוב, בשעת זי איז אַלט געווען צוויי יאָר, און זי אַוועקגעגעבן אין אַ מאָנאַסטיר. אַזוי איז זי דאָרטן אָפּגעווען צווישן די מאָנאַשקעס פינף יאָר צייט. ווען עס האָבן זיך אָנגע־הויבן כמעלניצקים שחיטות, האָט עמעצער איינמאָל ביינאַכט אַרויס־געפירט דאָס מיידעלע אַ האַלבנאַקעטע פון מאָנאַסטיר און געבראַכט זי אויפן יידישן בית־עולם פון שטעטל. אינדערפרי האָבן יידן זי דאָרטן געפונען און מיטגענומען מיט זיך, ביז וואַנען זי איז געקו־מען קיין האָלאַנד.

אָט אַזוי האָט איבערגעגעבן דער בחור. שווער צו זאָגן, צי האָט געשטעקט אמת אין זיינע רייד, אָדער ער איז געווען איינער פון יענע באַרימער, ליגנער, בעלי־גוזמאות און האַלב־צעמישטע, וואָס האָבן זיך דאַן אַרומגעדרייט אין אַלע יידישע קהילות פון מערב־אייראָפּע און געמאָנט פאַר זיך שטיצע אַלס כמעלניצקים קרבנות. דער פאַקט גופא לייגט זיך גאַנץ גוט אויפן שכל: טויזנ־טער משפחות זיינען טאַקע צעשיידט געוואָרן, ווייל מען האָט גע־לאָזן ליגן האָב און גוטס און מען איז געלאָפן וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן, אַבי צו ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן.

אַזוי צי אַזוי, שרה האָט געגלייבט. זי איז געווען אַ שפּי־רעוודיקע מיידל, די איבערלעבונגען פון די צאַרטע קינדעריאָרן האָבן איבערגעלאָזן אין איר נשמה טיפע שנאַרן, און ס'איז ביי איר אויסגעקומען, אַז פאַר די שווערע ליידן פון דער קינדהייט וועט גאָט איר צושיקן אַ גרויסע און גליקלעכע צוקונפט.

זי האָט דעריבער ניט געוואָלט הערן, ווען זי איז אונטער־געוואַקסן, וועגן שידוכים, וואָס מען האָט איר גענומען ריידן. זי איז

געווען אַ וואוקסיקע און אַ שיינע, די אַמסטערדאַמער קהילה האָט איר אויך געגעבן אַ גאַנץ היפשן נדן, וואָלט זי געקענט באַקומען נאָר אַ פיינעם חתן. אָבער זי האָט געהאַט העכערע פרעטענזיעס. איר האָט זיך געדוכט, אַז אויב גאָט האָט זי געראַטעוועט פון אַזוי פיל בייזע טרעפענישן, האָט ער זי מסתמא באַשטימט פאַר אַ העכערן ציל. די גאַנצע יידישע וועלט האָט יעמאָלט גערעדט וועגן דעם, אַז כמעלניצקים גזרות זיינען אַן אָנזאָג אויף משיחס צייטן; האָט זיך אין שרהס מוח צו-ביסלעך איינגעגעסן דער געדאַנק, אַז זי וועט דאָס זיין דעם משיחס כלה און ווייב. מען האָט איר נערעדט אַ שידוך נאָך אַ שידוך; זי האָט אָבער אַלץ אָפּגעוואָרפן, און איינמאָל האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז זי וועט ניט חתונה האָבן, סיידן מיט משיח בן דוד. מיגלעך, אַז דאָס האָט אין דעם מיידל גערעדט נאָר איר צערייצטע פאַנטאַזיע; אַנדערע האָבן שפּעטער חושד געווען, אַז צו איר האָט שוין געהאַט דערגרייכט דער קלאַנג וועגן שבתי-צבי, וואָס האָט זיך באַוויזן אין טערקיי.

אין אַמסטערדאַם איז זי באַלד געוואָרן צו לייטיש געלעכטער; אַלע האָבן זי געקענט, און ווען זי פלעגט זיך באַווייזן אין גאַס, פלעגט מען טייטלען אויף איר מיט די פינגער און נאָכשרייען: אָט גייט די משוגענע! אָט גייט די משיחטע! איינער אַ רייכער ייד פון ליוואָרנאָ וואָס האָט אַליין קיין קינדער ניט געהאַט, האָט רחמנות געהאַט אויף איר: ער האָט זי מיטגענומען מיט זיך און געלאָזן זי ביי זיך אין הויז. ער האָט געמיינט, אַז אין אַ נייער שטאָט, צווישן פרישע מענטשן, וועט זי אפשר אויסגעהיילט ווערן פון אירע אַמביציעס.

ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט. ביי שרהן זיינען די פאַנטאַזיעס געוואָרן אַלץ שטאַרקער. זי פלעגט זען אין חלום, ווי זי זיצט אין אַ גרויסן פּאַלאַץ ביי אַ רייך-געדעקטן טיש, לעבן איר זיצט אַ יונגערמאַן מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ. צענדליקער באַדינער היטן אָפּ דעם טראָט פון זייערע פיס. אַזעלכע בילדער האָבן געשטאַרקט אין איר דעם גלויבן אין איר קינפטיקער גדולה. וואָס פאַר אַ ווערדע האָבן געקענט האָבן ביי איר די ליוואָרנער בחורים? זי האָט געטריבן פון זיך די שדכנים, וואָס זיינען איר געקומען

אָנשלאָגן שידוכים. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס זי האָט אין ליוואָרנאָ אינגיכן אויך באַקומען דעם זעלביקן שם פון אַ צעמישטער. שפּעטער האָט מען אַפילו געזאָגט, אַז זי האָט אין ליוואָרנאָ גע־פירט אַן אויסגעלאַסן לעבן און זיך פּאַרקויפט צו יעדערן, ווער עס האָט נאָר געצאָלט; אָבער עס איז אַ סברא, אַז די ידיעה וואַקסט פון שבתי־צבים קעגנער, וואָס האָבן געוואָלט אַריינציען אין שמוץ ניט נאָר אים, נאָר אויך אַלע פּערזאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען צו אים נאָענט.

יד

דעם משיחס חתונה

די שלוחים זיינען געקומען קיין ליוואָרנאָ — פאַראַן ידיעות, אַז מיט זיי איז אויך געפאָרן שבתים שוועסטער — און האָבן אָן שום שוועריקייטן אָפּגעזוכט דאָס מיידל שרה בת ישי, ווייל זי איז געווען אין אַלעמענס מיילער. איבערגעבנדיק איר דאָס בריוול שבתי־צבים מיט די מתנות, האָבן די שלוחים אויסגעשריען: „לעבן זאָל שרה, אונזער האַרינטע, אויף אייביק!“ פון שרעק און שמחה האָט זי געגעבן אַ פאַל אַראָפּ פון איר שטול און איז געבליבן ליגן אַ ווייסע ווי קאַלך. מען האָט זי אָפּגעמינטערט און איר איבערגע־געבן באַריכות אַלצדינג, וואָס שבתי־צבי האָט געהייסן. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעודה, וואָס האָט זיך געצויגן איבער גאַנ־צע דריי טעג.

ענדלעך האָבן די שלוחים געפרעגט ביי שרהן:

„וועסטו גיין מיט אונז צום קיניג משיח?“

„איך וועל גיין מיט אייך, האָט זי געענטפערט, און וועל זיין זיין פוסבענקעלע“.

צוועלף טעג האָט זי זיך געגרייט צו דער רייזע, געבאָדן זיך אין שמעקעדיקע איילן, ווי די ביידע מיטגעקומענע פרויען האָבן איר געהייסן, און גענייט זיך חתונה־מלבושים. אַלע ליוואָר־נער יידן האָבן זי באַגלייט, ווען זי האָט זיך געזעצט אויף דער שיף, און שרה האָט זיך הויך פונאַנדערגעוויינט פון גרויס פרייד.

די שיף איז גוט דערפאָרן קיין קאַירא, און מען האָט אָפּ־געפירט שרהן צו רפאל־יוספס הויז. שבתי־צבי איז איר אַרויס אַנטקעגן. ווען זי האָט דערזען זיין פּראַכט און שיינקייט, איז זי געפאַלן פאַר אים אויף דער ערד און געקושט זיינע פיס און גע־וויינט: אָ, ווען מיין פאָטער און מוטער וואָלטן דערלעבט די גליקלעכע מינוט!

שבתי־צבי האָט זי אויפגעהויבן און זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן און באַרויִקט און איר געזאָגט אַ ברוך־הבא. דערנאָך האָט ער זי אַריינגעפירט אין שטוב.

עס איז געווען אַ חתונה, וואָס וואָלט זיך ניט פאַרשעמט אַפילו אין אַ קיניגלעכן הויף. זיבעצן טויזנט געסט, זאָגט מען, האָבן זיך אויפגעקליבן; אַ טייל פון זיי איז געקומען פון ירושלים מיטן נביא נתן העזתי אין דער שפּיץ. צווישן די געסט האָט מען דערציילט, אַז אַלע טאָג קומען פון יענער וועלט שרהס טאַטע־מאַמע און בענטשן זי. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט שבתי צוליב געטאָן זיין יונגער פרוי, וואָס דאָס ערשטע וואָרט אירס ביים אַראָפּגיין פון שיף איז געווען וועגן פאָטער און מוטער.

די וואונדערלעכע פּאַסירונגען פון דער באַגעגעניש פונעם משיח מיט זיין באַשערטער זיינען באַלד באַוואוסט געוואָרן אומע־טום, און וואָס ווייטער האָבן אַלץ מער יידן אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז שבתי־צבי איז גאָטס געזאַלבטער. שבתי אַליין האָט אויסגע־ראַמט פון זיין האַרצן דאָס מינדסטע ברעקעלע ספק, זיינע תלמידים און אָנהענגער האָבן געקוקט אויף יעדן צווייפלער ווי אויף אַן אַפּיקורס.

עס איז געווען דער ערשטער טאָג פּסח [1] 1665, איז נתן העזתי אַרויס אין די גאַסן, באַגלייט פון זעקס „זין פון נביאים". אַלע זיינען געווען געקליידט אין ווייסן אַטלעס מיט בלומענקרענץ אויף די קעפּ און האָבן נביאות געזאָגט, אַז עס גייט אויף די יידן אַ נס, אַנטקעגן וועלכן עס וועלן פאַרבלאַסט ווערן די נסים פון יציאת־מצרים. „אַזוי האָט געזאָגט גאָט, האָט געזאָגט נתן העזתי

1 לויט אַנדערע באַריכטן אין דער שבועותדיקער נאַכט.

נאָך אַ יאָר מיט צוויי מאָנאַטן וועלן איבערגיין, און דערנאָכדעם וועט נתגלה[1] ווערן דער אמתער משיח. דער משיח איז שבתי־צבי, און ניטאָ קיין צווייטער לעבן אים. זיין קיניגלעכע שטול וועט זיין אָנגעגרייט אין דער נייער שטאָט ירושלים, און אין יאָר פיר הונדערט זיבן און צוואַנציק (1667) וועט ער בויען דעם בית־המקדש, אַזוי ווי יחזקאל האָט אויף אים נביאות געזאָגט. עס וועלן זיך אויפ־קלייבן צו אים אַכט טויזנט מאָל טויזנט גבורים פון די צען שבטים, וואָס זיצן נאָך איצטער אין אַפריקע הינטערן טייך סמבטיון, און שבתי־צבי וועט איינעמען מיט זיי אַלע מלוכות פון דער וועלט. אין איטלעכן לאַנד וועט ער אַוועקזעצן אַ יידישן מלך, און ער וועט קיניגן איבער אַלעמען, אויך איבער די מתים, וואָס וועלן 'עמאָלט אויפשטיין פון זייערע קברים".

טו

די באַוועגונג שפרייט זיך אויס

ווי די יידישע איינוואוינער פון מצרים האָבן דערהערט די בשורה, איז זיי געוואָרן ליכטיק אין האַרצן, און עס האָט אויס־געבראָכן אַ שמחה, וואָס מען האָט נאָך אַזוינס ניט געזען. מען האָט גענומען ציילן די טעג ביז דער גאולה.

שבתי־צבים נאָענטע מענטשן האָבן דערווייליע ניט גערוט. נתן העזתי, דער נייער גלגול פון אליהו הנביא, האָט נביאות געזאָגט, און שמואל פרימאָ, דער הויפט־סופר פונעם „מלך משיח", האָט געשריבן בריוו און קול־קוראס צו אַלע יידישע קהילות. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצוטראָגן דעם צענטער פון דער באַוועגונג קיין ארץ־ישראל. שבתי־צבי איז אַוועק אַהין צוזאַמען מיט שרהן און זיין נאַנצער כוואַליע. זיינע קעגנער האָבן פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז אונטערוועגנס האָט ער געוואָלט באַווייזן עטלעכע מופתים און איז מיאוס דורכגעפאַלן. אַלנפאַלס האָט דאָס ניט אָפּ־געשוואַכט די ענערגיע פון זיין שטאַב. אברהם יכיני האָט איבער־

[1] אויסשפראַך: „ניסגאַלע" — אַנטפּלעקט.

נענומען צו פירן די פראָפּאַגאַנדע אין אַזיע; שבתי־רפאל פון גריכנ־לאַנד איז אַוועק קיין צפון־אַפריקע, און אַן אַשכּנזישער ייד מתתיהו בלאָך האָט זיך אַוועקגעלאָזן קיין דייטשלאַנד און פּוילן.

ביי צענדליקער טויזנטער מענטשן איז געוואָרן אַ שטימונג פון ערב־אויסלייזונג. די רייד און די בריוו האָבן געטאָן ווייערס. ווען שבתי־צבי איז געקומען קיין ארץ־ישראל, האָט שרה געשריבן צו רפאל־יוסףס ווייב און אַנדערע אָנגעזעענע יידישע פרויען אין קאַירא, אַז זי דאַנקט זיי זייער פאַר זייער גאַסטפריינדלעכקייט, און אַז ווי נאָר איר מאַן וועט זיך זעצן אויפן טראָן, וועט זי זיי אַלע־מען מאַכן פאַר הויפדאַמען. דער אינהאַלט פון בריוו איז באַוואוסט געוואָרן, און אַלע האָבן מקנא געווען די פרויען, וואָס וועלן זוכה זיין צו אַזאַ מין גוואַלדיקן כּבוד.

נתן העזתי האָט געשריבן קול־קוראס צו דער גאַנצער וועלט יידן און גערופן צו תשובה. פינף יאָר, האָט ער געזאָגט, וועלן געדויערן די ווייען פון משיח (חבלי משיח), און צום זעקסטן יאָר וועלן שוין אַלע מתים אויפשטיין פון זייערע קברים. זאָל כּל ישראל תשובה טון מיט פייניקונגען, מיט פאַסטן, מיט טובלען זיך, וועלן דעמאָלט די ווייען פון משיח לייכטער ווערן.

עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז אין אַזיע און אַפריקע (און אַ ביסל שפּעטער האָט זיך דאָס אַריבערגעטראָגן קיין אייראָפּע אויך) האָט מען גענומען זאָגן אויפן נייעם משיח די תפילה „הנותן תשועה", וועלכע מען זאָגט אַלעמאָל אויפן הערשער פון דעם לאַנד. „גאָט זאָל היטן, איז געשטאַנען אין דעם נייעם נוסח פון דער תפילה, און העלפן און דערהייבן און דערהייכן אונזער האַר דעם קיניג דעם הייליקן רב, דעם גרויסן צדיק שבתי־צבי, דעם משיח פון גאָט פון יעקב". נאָך אַנדערע תפילות זיינען איבערגעמאַכט געוואָרן, און עס איז אין זיי אַריינגעשטעלט געוואָרן שבתי־צבים נאָמען.

עס איז שוין באַלד קיין קהילה מער ניט געווען, וואוהין ס'זאָל ניט האָבן דערגרייכט שבתי־צבים שם. וואו מען האָט ניט געוואוסט קיין איינצלהייטן, האָט מען זיך אָנגעפרעגט, און זיינע פּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן ניט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט פון באַ־איינפלוסן דעם עולם.

אָט איז אַ מוסטער פון אַזאַ אויפרוף, וואָס אברהם יכיני האָט אַרויסגעשיקט: „מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף דער סחורה, וואָס ישראל בן אברהם האָט געקויפט דאָ אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און מיר האָבן געפונען, אַז זי איז פונעם בעסטן סאָרט, זי ווערט אָנגענומען אין יעדער מדינה, און ווער עס רעדט אויף איר שלעכטס, וועט דערפאַר באַקומען זיין שטראָף. די גרעסטע מבינים צווישן די סוחרים האָבן געזאָגט, אַז עס איז אַ גוטער געשעפט און מען וועט פאַרדינען גאָר דאָס געלט, מערניט מען דאַרף וואַרטן ביז עס וועט קומען דער גרויסער יריד מיט גאָטס הילף. איבעראַיאָר וועט ער פאַרקויפט ווערן פאַר אַ טייערן פּרייז. דאָס איז אַלץ אמת און ריכטיק און זיכער און פעסט און עכט".

אַזוי פלעגט מען צייטנווייז שרייבן פאַרשטעלטערהייט, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז די בריוו זאָלן ניט אַריינפאַלן צום סולטאַנס באַאַמטע אין די הענט. אָבער יידן האָבן קיין קלערערע שפּראַך ניט באַדאַרפט: זיי האָבן אַזוי אויך גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז ישראל בן אברהם דאָס זיינען זיי טאַקע אַליין, דאָס פאָלק ישראל, וואָס שטאַמט פון אברהם אבינו, און די טייערע סחורה, וואָס מען האָט איינגעהאַנדלט, איז ניט קיין אַנדערער, ווי דער משיח שבתי-צבי.

די יידישע קהילות אויף דער גאַנצער וועלט זיינען צע-שפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי לאַגערן. געווען אַ טייל רבנים, וואָס זיינען געבליבן ביי זייערס: אַז שבתי-צבי איז אַ ליגנער און אַ שווינדלער, אַז אַלץ, וואָס ער טוט, איז מיט כישוף, אַז משיחס קומען קען קיינער ניט וויסן פון פריער. געווען ווידער רבנים, וואָס האָבן זיך נעבעך פאַרלאָרן און ניט געוואוסט, צי זיי זאָלן פסקענען אויף יאָ אָדער ניין. דאָס איז געווען איין צד: קעגנער און נייטראַלע. ווייטער זיינען כמעט אַלע, גבירים און אָרעמע-לייט, געווען פאַרן משיח. מען האָט געגלייבט אין אים און אין די רייד פון זיינע נביאים, ווי אין תורת-משה, און מען האָט זיך גע-נומען שטאַרק גרייטן צום סוף פון גלות.

בלויז אין איין לאַנד איז מען ניט צופרידן געווען פון שבתין

און גערן געוועון פון אים פטור צו ווערן. דאָס איז געוועזן דווקא אין ארץ־ישראל, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן.

אויף דעם זיינען געוועזן גאָר באַזונדערע סיבות. גאַנץ ארץ־ישראל האָט דאַן געהאַט ביי עטלעכע טויזנט יידן, און זיי האָבן געלעבט אין גרויס דחקות. פון זיך אַליין האָבן זיי גאָרניט געהאַט; מען האָט געלעבט פון „חלוקה״, פון די געלטער, וואָס מען פלעגט צושיקן פון גלות. פריער איז דאָס געוועזן אַ נישקשהדיקע חיונה; אָבער די גזירות פון כמעלניצקין האָבן אָפּגעמעקט הונדערטער קהילות אין אוקראַינע און פוילן און הונדערטער טויזנטער יידן געמאַכט אַליין פאַר בעטלער. איז געוואָרן וויסט ביי די יידן פון ארץ־ישראל, און זיי האָבן אויסגעקוקט אויף יעדן גראָשן וואָס מען וועט זיי ברענגען. גראָד זיינען די רבנים, די וואָס האָבן אַמ־מערסטן געדאגהט וועגן די חלוקה־יידן, געוועזן די גרעסטע קעגנער פון שבתי־צבין. איז בשעת די ארץ־ישראלדיקע יידן זיינען גע־וואויר געוואָרן, אַז קאָנסטאַנטינאָפּאָלער רבנים אַ שטייגער זיינען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף שבתין, איז אויפגעשטאַנען די פראַגע, וואָס איז בילכער: דאָס ביסל קאַרגע עולם־הזה, וואָס די רבנים שיקן אַריין, אָדער די שטראַלנדיקע עולם־הבא, וואָס דער משיח זאָגט צו. אפשר מיט אַ שווער האַרץ, אָבער באַשלאָסן האָט מען, אַז בעסער ברעקלעך באַלד, איידער ברויט אויף יענער וועלט. און מען האָט גענומען זוכן מיטלען, ווי אַזוי אַרום פטור צו ווערן פון דעם משיח מיט זיין גאַנצער סוויטע.

אין ווינטער 1665 האָט זיך שבתי־צבי דעריבער אַ הייב גע־טאָן און אַריבערגעטראָגן זיין רעזידענץ צוריק אין זיין געבוירנ־שטאָט סמירנע. דאָ האָט זיך די לאַגע שטאַרק געהאַט געביטן. דער אַלטער רב, ר׳ יוסף איסקאַפּאַ, איז שוין געוועזן געשטאָרבן. שבתיס צוויי ברידער, אליהו און יוסף, זיינען געוואָרן אָנגעזעענע טוער אין דער קהילה, און זיי האָבן אָנגעווענדט זייער גאַנצן איינפלוס אויף צו מאַכן די שטאָט געניינט צו זייער ברודער. דעם אַלטן חרם האָט מען צו ביסלעך פאַרגעסן, ווייל ער איז פאַרשאָטנט גע־וואָרן דורך דעם גרויסן רום פונעם משיח. אברהם יכיני, דער באַ־

גײַסטערטער דרשן, איז שוין געקומען פֿריער פֿאַר שבתין און האָט אָנגעצונדן מיט זײַנע רייד דעם גאַנצן עולם.

ביי זיין אַרײַנגײַין אין סמירנע, האָבן דערנאָך דערציילט זייַנע אָנהענגער, האָט ער ווידער באַוויזן אַ גרויסן מופת. אַ באַנדע גזלנים און רוצחים זיינען אַרויס אים אַנטקעגן, כּדי אויסצוהרגענען און צו באַרויבן אים מיט זיין צוג (אַגב איז דאָך לויטן חרם געווען אַ מצווה אים צו טייטן). אָבער ווי נאָר די באַנדיטן זיינען צוגעקו־מען נאָענט צו שבתי־צבים געזעלשאַפֿט, איז דער גרעסטער טייל פֿון זיי געפֿאַלן. די רעשט האָבן זיך קוים דערשלעפּט ביז שבתי־צבין און געפֿאַלן פֿאַר אים אויף די קני, ער זאָל זיי מוחל זיין. גאַנץ שטאָט איז אויפֿגערודערט געוואָרן פֿון דער ידיעה, און אַלע האָבן געגלייבט שבתי־צבי דעם משיח, וואָס האָט באַפֿרייט די שטאָט פֿון אַזאַ געפערלעכער באַנדע.

טז

די שמחות אין סמירנע

אָט אַזוי איז שבתי־צבי אַריין אין זיין געבוירנשטאָט; אַרויס איז ער אַ פֿאַרטריבענער, אַן אַריינגעלייגטער אין חרם, און אומגע־קערט האָט ער זיך מיט טריומף, ווי אַ קיניג, באַגריסט מיט פֿרייד־אויסגעשרייען אויף אַלע גאַסן.

אין מאָנאַט טבת האָט שבתי־צבי נאָכאַמאָל מגלה געווען, אַז ער איז משיח, אַז ער וועט צונויפֿנעמען אַלע צעשפּרייטע יידן פֿון עק וועלט ביז עק וועלט, און יידן וועלן ווערן די הערשער איבער דער וועלט.

די גדולה און די באַגייסטערונג פֿון די יידן איז נאָרניט צו באַשרייבן. מען האָט זיך אָפּגעגעבן איינע די אַנדערע מזל־טוב, וואָס מען האָט זוכה געווען צו זען מיט די אייגענע אויגן אַזאַ צייט. מען האָט געהאַלטן אין איין טראָגן מתּנות צום משיח. מען האָט געזונגען און געטאַנצט פֿאַר אים מיט ספֿר־תּורות אין די שולן.

אויך שרה בת ישי און דעם משיחס מוטער אסתּר זיינען

אַרומגערינגלט געוואָרן מיט גרויס כבוד, איבערהויפּט דורך די פרויען. מען האָט זיי ביידן שיר ניט פאַרגעטערט. פרויען האָבן אָראָפּגעריסן פון זיך זייערע צירונג און אַוועקגעגעבן דאָס שרהן און אסתרן; פאַר שבתי-צבין האָבן זיי געזונגען לויבלידער, אַז ער איז דער שענסטער צווישן די מענער.

שבת, ניין טעג אין טבת, זיינען שוין מער ווי צוויי הונדערט מענער און פרויען אַוועקגעגאַנגען אין עקסטאַז איבער די גאַסן פון סמירנע און געשריען אויף אַ קול: ער איז אונזער געזאַלבטער, ער איז אונזער מלך, ער איז אונזער העלפער, ער איז אונזער דערלייזער! אַנדערע האָבן נביאות געזאָגט, אַז אָט-אָט לאָזט זיך דער משיח קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; ער וועט אַראָפּנעמען די קרוין ביים סולטאַן און וועט זי אָנטון אויף זיין אייגענעם קאָפּ און וועט געוועלטיקן איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט.

אויף מאָרגן, צען טעג אין טבת, האָט געדאַרפט זיין אַ תענית, אַ טרויער אויף דער ערשטער באַלעגערונג פון ירושלים. שבתי האָט באַפוילן, אַז מען זאָל ניט פאַסטן: די צייט פון טרויער איז אַריבער, דער בית-המקדש וועט ווערן אינגיכן צוריק אויפגעשטעלט; דאַרף מען ניט טרויערן און פאַסטן, נאָר פרייען זיך. דער עולם האָט געפאָלגט. מען האָט געזונגען און געשפּרונגען, געסעודהוועט און געטאַנצט איבער די הייזער און גאַסן. אַזאַ שמחה, שרייבט אַן אַלטער באַריכט, איז ניט געווען ביי יידן זינט דער גלות האָט זיך אָנגעהויבן. אַזוי ווי דאָס איז געווען צופעליק דער געבוירנסטאָג פון נתן העזתי, האָט שבתי-צבי געהייסן, אַז דער צענטער טאָג אין טבת זאָל פאַרבלייבן ביי יידן אויף אייביקע צייטן אַ יום-טוב פון נבואה.

אויף מאָרגן, עלף טעג אין טבת, האָט שבתי געמאַכט אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָט. ער איז אַרויסגעפאָרן ווי אַ קיניג, מיט אַ גאָלדענער רוט אין האַנט, לינקס פון אים איז געזעסן זיין „גרויסער שרייבער“ שמואל פּרימאָ, דערנאָך זיינען געגאַנגען זיינע זעקס גרעסטע תלמידים. ווייטער זיינען געגאַנגען אין דעם צוג: שבתים צוויי ברידער, וואָס ער האָט זיי געקריינט פאַר די גרעסטע מלכים; ניין און דרייסיק מענטשן, וועלכע ער האָט געמאַכט קינינן איבער די יידן; צוויי הונדערט און פערציק נביאים, צווישן

זיי דריי פרויען, וואָס אויף זיי האָט דער משיח געזאָגט, אַז זיי האָבן געזען אַזוינס, וואָס קיין מוטער־מענטש האָט נאָך ניט געזען; פינף הונדערט לומדים און תּלמידי־חכמים. צום סוף איז געגאַנגען דאָס גאַנצע פאָלק, עטלעכע טויזנט מענטשן, פון פאָרנט, אין מיטן און ביים סוף פון צוג זיינען געגאַנגען קלעזמער און זינגער.

די טערקן, וואָס האָבן דאָס צוגעזען, זיינען געווען שטאַרק פאַרוואונדערט; מען האָט זיי אָבער געזאָגט, אַז דאָס זיינען פרומע מענטשן, וואָס ווילן עולה־רגל זיין קיין ארץ־ישׂראל צו די הייליקע קברים, איז שוין קיין זאַך ניט געווען ביי זיי קשה. דער פּאַשאַ האָט יאָ געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער דעם משיחס אָנהענגער האָבן געוואוסט דעם טייטש און די אָנווענדונג פונעם וואָרט באַקשיש 1, האָט דער פּאַשאַ געמאַכט זיך ניט זעענדיק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט שבתי אַראָפּגעזעצט פון דער רבנות זיין קעגנער ר׳ אהרן לאַפּאַפּאַ, און ער האָט געמאַכט פאַר אַ רב זיין אָנהענגער, דעם באַוואוסטן למדן ר׳ חיים בענוועניסטע; אויך די אַנדערע דיינים און כּלי־קודש, וואָס זיינען ניט געווען אויף זיין צד, האָט ער אַראָפּגעזעצט. און דערביי האָט שבתי אויסגעלאָזן צו זייערע קעפּ דעם אַמאָליקן חרם זייערן; ער האָט געלאָזט ווּיסן, אַז ווער עס וועט לייקענען אין זיין משיחות איז אַ מצווה אים צו הרגענען אַפילו אום שבת. ר׳ אהרן און דאָס הייפעלע פון זיינע אָנהענגער האָבן מיט חרפּות און בזיונות געמוזט אַנטלויפן פון סמירנע; ווייטער איז גאַנץ שטאָט געווען אויף שבתים צד.

יז

ערב דער אויסלייזונג

סמירנע איז איצטער געוואָרן דער מיטלפּונקט פון דער יידישער וועלט. דאָס גאַנצע פאָלק יידן האָבן אַ ווענד געטאָן אַהער זייערע אויגן. עס איז קיין וואָך ניט אַוועקגעגאַנגען, וואָס קיין

---

1 כאַבאַר

סמירנע זאָלן ניט קומען שלוחים פון ווייטע און נאָענטע לענדער צו זען דעם משיחס גרויסקייט און פרעגן וואָס זאָל מען טון.

אַ שטימונג פון ערב־אויסלייזונג האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע פאָלק; דאָס ביסל קעגנער און סקעפּטיקער האָבן זיך ניט דערוועגט צו עפענען אַ מויל. דער עולם האָט תשובה געטאָן, געגעבן צדקה; אַנדערע האָבן געפאַסט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, כדי וואָס גיכער אָפּצוקומען פאַר זייערע זינד. אין אַ סך שטעט זיינען יידן אַרוים אין די גאַסן, געזונגען קאַפּיטלעך תהילים און ספּעציעלע לויבלידער לכבוד משיחן. דער „הנותן תשועה" פאַר שבתי־צבין האָט זיך פאַרשפּרייט איבער הונדערטער קהילות. פון אומעטום האָט מען געהערט ידיעות, אַז עס זיינען אויפגעשטאַנען נביאים און נביאָטעס, וואָס ריידן פאַר משיחן און זאָגן אָן, אַז גאָר בקרוב וועט גאָט צוריק אויפבויען דעם בית־המקדש. מיט פאַרוואונדערונג און שרעק פלעגט מען זיך דערציילן, אַז די נבואה ווערט אָפּטמאָל איבערגעגעבן צו אַזוינע, וואָס קיינער האָט ניט גערעכנט, אַז זיי זיינען ראוי דערצו. אַזוי זיינען צווישן שבתי־צבים נביאָטעס אין סמירנע געווען דריי שבת־גויעס, טערקישע פרויען, וואָס האָבן גענומען דרשענען אויף לשון־קודש, כאָטש מען האָט עדות געזאָגט, אַז פריער האָבן זיי קיין וואָרט פון דער שפּראַך ניט געקענט.

טייל מקובלים האָבן אויפגעוויזן, אַז משיחס נשמה קען בלויז די לעצטע אַראָפּ פון הימל; פריער מוזן אַריין אין גשמיותדיקע קערפּערס אַלע נשמות, וואָס זיינען נאָך ניט געבוירן געוואָרן. מען מוז צואיילן די מעגלעכקייט פון געבוירן ווערן און פאַרגרעסערן די צאָל פּאָרפאָלקן וואָס זאָלן קענען האָבן קינדער. די רייד האָבן אויך אויסגענומען ביים עקזאַלטירטן עולם, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע „בהלה" פון חתונות; אין איין סאַלאָניק האָט מען געשטעלט אפשר זיבן הונדערט חופות פון יונגינקע קינדער.

שבתי־צבים מקורבים האָבן דערווייל ניט געשוויגן. נתן האָט אַליין געמאַכט רייזעס קיין אַפריקע, שמואל פרימאָ האָט געשריבן כרוזים צו אַלע יידן. איין כרוז האָט זיך געלייענט אַזוי:

„פריד צו אַלע בני־ישראל! נאָכדעם ווי איר האָט זוכה געווען צו זען גאָטס גרויסן טאָג און צו הערן גאָטס וואָרט פון זיינע

קנעכט די נביאים, איז אייער געווייַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פרייד און דער טאָג פון טרויער אין אַ טאָג פון שמחה און לוסטי־קייט. זאָל דער תענית פון עשרה־בטבת פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יום־טוב, ווייל אייער גואל לעבט און אייער מלך־מושיע איז געקומען".

די ערשטע שטעט, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג, זיינען געווען די ים־שטעט ליוואָרנאָ און ווענעציע, וואָס זיינען געשטאַנען אין אַ שטענדיקן האַנדל־פאַרקער מיט סמירנע; אויך אַמסטערדאַם, די גרויסע סוחרישע שטאָט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין די ערשטע רייען. דערנאָך האָט זיך שוין דער גלויבן אין דעם משיח גענומען טראָגן פון לאַנד צו לאַנד, ווי אַ שרפה, וואָס פאַרכאַפּט אין אַ שטורעם־ווינט אַ שטוב נאָך אַ שטוב.

עס האָט זיך טאַקע געטראָגן יעמאָלט אַ שטורעם־ווינט איבער די יידן פון אייראָפּע, און נאָר אַ קליינער טייל האָט געקענט גע־פינען אַ באַרויקונג אין דעם אַלטן יידישן בטחון אין גאָט; ווען ניט די האָפענונג אויף משיחן וואָלט מען גאָר געמווזט פאַרצווייפלט ווערן. מזרח־אייראָפּע איז חרוב געוואָרן דורך כמעלניצקים שחיטות. אין דייטשלאַנד האָבן יידן, נאָך מער ווי די איבעריקע באַפעלקע־רונג, שרעקלעך געליטן פון דער אָקאָרשט פאַרענדיקטער דרייסיק־יאָריקער קריג (1618—1648), און דערצו האָט מען נאָך געשמועסט, אַז די יעזויטן ווילן פועלן ביים קיסר לעאָפּאָלד, ער זאָל גלאַט אַרויסטרייבן אַלע יידן פון זיין אימפּעריע. אין האַמבורג און אין רוים און אין צענדליקער אַנדערע שטעט האָבן יידן כסדר געהאַט אויסצושטיין נגישות. אין אַמסטערדאַם האָבן זיך אָנגעקליבן מאַסן יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע מאַראַנען, און דאָ האָט מען נאָך גענומען שמועסן, אַז די פּרום־קאַטוילישע שפּאַנישע רעגירונג האַלט ביים אַרויסטרייבן אַלע יידן אויך פון אירע באַזיצונגען אין צפון־אַפריקע. עס איז קיין וואונדער ניט דעריבער, וואָס דער גלויבן אין שבת־צבים געטלעכער ראָלע האָט אַרומגענומען אַלע יידן פון אוקראַינע ביז מאַראָקאָ.

איינער אַ פּראַוואָסלאַוונער שרייבער, יאָאַניקי גאָליאַטאָווסקי, דער רעקטאָר פון דער גייסטלעכער אַקאַדעמיע אין קיעוו, באַ־

שרייבט ווי אַזוי מען האָט אין אוקראַינע אויפגענומען די ידיעות וועגן דעם סמירנער אויסלייזער. „די יידן האָבן טריומפירט. טייל האָבן אַוועקגעוואָרפן זייערע הייזער און זייער האָב און גוטס, ניט געוואָלט טון קיין זאַך און געזאָגט, אַז באַלד וועט משיח אויף די וואָלקנס איבערטראָגן זיי קיין ירושלים. אַנדערע האָבן געפאַסט גאַנצענע טעג, ניט געגעבן עסן אַפילו די עופּעלעך און געטובלט זיך ווינטער אין טייך, זאָגנדיק דערביי עפּעס אַ נייע תּפילה". די אַלע פאַקטן האָבן קענטיק אַריינגעטראָגן אַ צערודערונג אויך צווישן די קריסטן, ווייל גאַליאַטאָווסקי האָט אָנגעשריבן אַ ספּעציעלן חיבור, וואו ער האָט אויפגעוויזן, אַז משיח איז שוין געקומען, דאָס איז יעזוס, און ממילא איז שבתי-צבי ניט קיין שליח פון גאָט.

אַ צווייטער פּראַוואָסלאַוונער גייסטלעכער, דער איגומען אָרעסט, דערציילט וועגן דער גרויסער אויפרעגונג, וואָס איז געווען צווישן יידן „צוליב דעם אָפּנאַרער שבתי" אין פּוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד, ספּעציעל אין דער שטאָט מאָהילעוו.

דער „ועד ארבע הארצות" (די פאַראייניקונג פון אַלע יידישע קהילות אין פּוילן) האָט אַרויסגעשיקט צו שבתי-צבין ספּעציעלע צוויי דעלעגאַטן.

יח

אין דער קריסטלעכער וועלט

דיביידע פּראַוואָסלאַוונע גלחים זיינען ניט געווען די איינציקע, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו שבתי-צבים באַוועגונג. ברייטע קרייזן פון דער קריסטלעכער וועלט, און איבערהויפּט די שפּיצן פון דער גייסטלעכקייט, זיינען געווען שטאַרק אַריינגעטאָן אין די געשעענישן מיטן יידישן משיח.

די סיבות פונעם גלויבן אין איבערנאַטירלעכע איבערקערענישן זיינען דאָ געווען די זעלבע וואָס ביי יידן. די דרייסיק-יאָריקע קריג האָט נעהאַט אַריינגעצויגן האַלב אייראָפּע און חרוב געמאַכט גוואַלדיקע טעריטאָריעס. אין ענגלאַנד האָט די רעוואָלוציע

נעבראַכט דערצו, אַז מען האָט דעם קיניג טשאַרלז I געקעפּט. אין פּוילן האָבן די קאָזאַקישע מלחמות אונטערגעשווענקט די גאַנצע עקסיסטענץ פון לאַנד. ווייטער זיינען געווען עפּעס מאָדנע סימנים פון דער נאַטור: אין 1618, 1648 און 1652 האָט מען געזען אויפן הימל מערקווערדיקע בעזים־שטערן (קאָמעטעם). חוץ דעם האָבן די חשבונות פון די קריסטלעכע מעסיאַניסטן, געבויט אויף פּסוקים פון עוואַנגעליום, געוויזן, אַז אין יאָר 1666 וועט קריסטוס זיך אומקערן צוריק אויף דער ערד און עס וועט זיך אָנהייבן דאָס „טויזנטיעריקע קיניגרייך", דער גן־עדן אויף ד ע ר וועלט. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די קריסטלעכע טעאָלאָגן האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט די יידן. ווייל וויבאַלד עס ווערט מקוים די נביאות פון ספר דניאל און פון דעם אַפּאָסטאָל יוחננס אַנטפּלעקונג, איז דאָך ניט מיגלעך, אַז דווקא די יידן, צו וועמען די נבואה איז פריער פאַר אַלץ געווען געווענדט, זאָלן בלייבן אויסן.

איינער אַ קאַטויליק, אַ מיסטיקער, מאָבינגער, האָט געשריבן צום באַוואוסטן מנשה בן ישראל: „זיי וויסן, אַז איך פאַרשטיי ווי אָפּצושאַצן אייער גלויבן". אַ צווייטער דייטשער מיסטיקער, פראַנקענבערג, פון דאַנציג, האָט געזאָגט בפירוש אין יאָר 1643: „די אמתע ישועה וועט קומען פון די יידן; זייער צייט איז שוין ניט ווייט. פון טאָג צו טאָג וועט מען הערן פון זיי וואונדערלעכע זאַכן, און אַלע אינזלען וועלן שאַלן מיט זיי". איינער אַ פראַנצויז, לאַ־פּייערער (אַ סברא אַז ער האָט געשטאַמט פון מאַראַנען), האָט זיך געווענדט צום קיניג פון פראַנקרייך, „דעם עלטסטן זון פון דער קירך", ער זאָל העלפן די יידן אומקערן זיך קיין ארץ־ישראל. אַ האָלענדער, היינריך יעסע, האָט פאַרעפנטלעכט אַ חיבור מיטן נאָמען „וועגן דער באַלדיקער גאולה פון יהודה און ישראל". נאָר אָפּענער פון אַלעמען איז אַרויסגעטראָטן פאַר יידן איינער אַן ענגלענדער ניקאָלאַס אין זיין בראָשור: „פאַר דער איידעלער נאַציע פון די יידן און פאַר די קינדער פון ישראל".

„גאָט האָט אויפגעהיט די יידן ביזן היינטיקן טאָג, שרייבט ניקאָלאַס, און עס שטייט זיי נאָך פאַר אַ גרויסע צוקונפט. דעריבער איז אונזער פליכט צו טון אַלע מיטלען, כדי צו העלפן די

יידן, צו טורייסטן זיי, ווי ווייט מיגלעך פאַרגיטיקן זיי פאַר זייער אומשולדיק בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אין דעם לאַנד".

ווי נאָר עס האָט גענומען וואַקסן שבתי־צבים השפעה אין מזרח, איז מען אין אייראָפּע וועגן דעם געוואויר געוואָרן. עס האָבן געשיקט וועגן דעם באַריכטן די פאָרשטייער פון דער קירך אין יענע לענדער און די שלוחים פון די אייראָפּעישע מלוכות; אויך די האַנדלס־לייט, וואָס פלעגן פאָרן קיין סמירנע פון קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל און סאַלאָניק, האָבן געהאַט גענוג צו דערציילן. עס האָט זיך אויפגעהיט אַ בריוו, וואָס איינער אַ קריסט, היינריך אָלדענבורג, האָט געשריבן אין דעצעמבער 1665 פון לאָנדאָן צום גרויסן פילאָ־סאָף ברוך שפינאָזאַ קיין אַמסטערדאַם: „דאָ ריידן אַלע וועגן דעם, אַז עס איז מיגלעך, אַז די יידן, וואָס זיינען צוויי טויזנט יאָר צע־זייט און צעשפּרייט, זאָלן זיך אומקערן אין זייער היימלאַנד... איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס זאָגן וועגן דעם די אַמסטערדאַמער יידן. אויב דאָס וועט מקוים ווערן, וועט דערפון אַרויסקומען אַן איבער־קערעניש אין דער גאַנצער וועלט".

שפינאָזאַ איז קענטיק געווען זייער פאָרזיכטיק אין זיין ענט־פער. אָבער אַפילו ער, דער באַרעכנטער פילאָסאָף, וואָס האָט אַלצדינג געבויט אויפן קלאָרן שכל, האָט געהאַלטן פאַר מיגלעך, אַז עס זאָל צוריק אויפגעשטעלט ווערן דאָס יידישע לאַנד. היינט ווי האָט נאָך געזאָלט האַלטן דער ברייטער עולם אין אַמסטערדאַם, דער ברייטער עולם, וואָס לעבט אַלעמאָל מער מיט געפילן ווי מיט דער אָפּגעצירקלטער לאָגיק?

יט

דער אָפּקלאַנג צווישן יידן

נתן העזתי איז געווען ניט נאָר אַ באַגייסטערטער נביא, ער האָט טיילמאָל געוואוסט פון אַ ניכטערן חשבון. ער האָט געהאַט אין זינען, אַז פאַר דער באַוועגונג איז וויכטיקער ווי אַלץ איינצופעסטיקן זיך אין די ש ט אַ ר ק ס ט ע קהילות, דערנאָך וועלן שוין די קלענערע

נאָכגיין פון זיך אַליין. דעריבער האָט ער זיך אין עטלעכע אויפרופן בפירוש געווענדט צו די יידן פון אַמסטערדאַם און פון האַמבורג, און ער האָט געהאַט ערפאָלג.

אין אַמסטערדאַם האָט זיך אָנגעהויבן דער שבתי־צביזם מיט אַ גרויסן אַלגעמיינעם תענית, נאָכדעם איז אויסגערופן געוואָרן אַ יום־טוב. מען איז אומגעגאַנגען מחנותווייז איבער די גאַסן, געזונגען לידער לכבוד דעם משיח, געטאַנצט אין ווילדע טענץ מיט ספר־תורות. די דרוקן האָבן ניט געקענט אָפּפאַרטיקן זיך מיט אַלע באַשטעלונגען אויף שבתי־צביישע תפילות (תיקונים). עס זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אַזוינע „תיקונים“, וואו אויפן שער־בלאַט זיצט שבתי־צבי לעבן דוד המלכן — און גראָד די אויסגאַבן האָבן געהאַט דעם גרעסטן אָפּגאַנג; יעדער ייד פון אַ גאַנץ יאָר האָט געוואָלט האָבן ביי זיך אין שטוב אַזאַ הייליקן ספרל.

אָבער די משיחישע התלהבות האָט פאַרכאַפּט ניט נאָר די מאַסן; די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן, אי די געלטמענטשן, אי די גייסטיקע קעפּ פון דער קהילה. מיר געפינען צווישן די שבתי־צבי־לייט אַזעלכע נעמען, ווי דעם גרויסן קאַפּיטאַליסט אברהם פערייראַ, די רבנים יצחק אבוהב [1] און רפאל־משה די־אַגילאַר, דער ראש־ישיבה יצחק נהר [2] און דעם דאָקטאָר און נאַטורפאָרשער בנימין מוספיא [3]. די לעצטע צוויי זיינען נאָך, חוץ אַלעמען, געשטאַנען נאָענט צו שפינאָזאַן — אַלזאָ, די באַשעפטיקונג מיט דער ריינער פילאָסאָפיע האָט אויך ניט באַוואָרנט קעגן דער אָנשטעקנדיקער קראַפט פון דער משיחישער לערע.

וואָס מער ידיעות עס זיינען געקומען פון סמירנע — און דאָרטן האָט מען ניט געזשאַלעוועט קיין באַריכטן, אַחוץ וואָס עס פלעגן סתם פאָרן אַ סך מענטשן און דערציילן ווייערע איבערלעבונגען — אַלץ מער איז געוואַקסן די באַגייסטערונג אין אַמסטערדאַם. אויך די קריסטן האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אומ־

---

1 אַבאָהאַב.

2 נאַהאַר.

3 מוסאַפיאַ.

געוויינלעכער שטימונג צווישן יידן, און מען האָט זיי אויסגעזאָגט נאַנץ אָפן, ווענן וואָס דאָ האַנדלט זיך.

נאָך גרעסער איז געווען די פרייד און די אויפרעגונג ביי די יידן אין האַמבורג. דער קאָנטראַסט צווישן דעם ביזאיצטיקן לעבן און די האָפענונגען, וואָס שבתי־צבי האָט אַרויסגערופן, איז דאָ געווען אַ סך שאַרפער. אין אַמסטערדאַם האָט מען כאָטש יידן באַהאַנדלט קאָרעקט, אין דער צייט וואָס אין האַמבורג האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין קליינלעכע נגישות און באַגרענעצונגען אָן אַ שיעור; עס האָט געהאַלטן דערביי, מען זאָל נייטן יידן צו גיין הערן קריסטלעכע פרייזיקער. האָט מען איצט דערלעבט אַ נקמה אָן די גוים, און מען האָט זיך ניט געשעמט דאָס צו זאָגן זיי אָפן. די אָנגעזעענסטע מענער פון דער קהילה: מאַנועל טעקסייראַ, דער פאָרשטייער פון דער שוועדישער קיניגין, אָדער בענדיטאָ קאַסטראָ, אַן אַלטער וויכטיקער דאָקטאָר, זיינען אויך געווען צווישן די שבתיאַנער. קאַסטראָ איז יעמאָלט געווען ראש־הקהל אין האַמבורג, זיינען לויט זיין באַפעל אַריינגעפירט געוואָרן אין דאַוונען אַלע אויסבעסערונגען לויט שבתי־צבים נוסח.

די צוויי דערמאָנטע פערזענלעכקייטן זיינען געווען פון צווישן די פאָרטוגעזישע יידן אין האַמבורג. ביי די דייטשע יידן האָט זיך די פרייד ניט אַרויסגערופן מיט אַזאַ שטאַרקייט (ווייל זיי זיינען געווען מער דערשלאָגן), אָבער די התלהבות איז ביי זיי געווען די זעלביקע. גליקל פון האַמעל, אַ יידישע פרוי, וואָס האָט אין יענער צייט געשריבן אַ טאָגבוך אין יידיש, שרייבט אויך וועגן דער שבתי־צביִשער שטימונג אין שטאָט, און זי דערציילט אַזוי:

„עס איז גאָרניט צו באַשרייבן וואָס פאַר אַ שמחה עס פלעגט זיין אין שטאָט, ווען עס פלעגן קומען בריוו וועגן שבתי־צבי. דעם גרעסטן טייל בריוו פלעגן באַקומען די פאָרטוגעזן. זיי פלעגן אַוועקגיין מיט דעם אין זייער שול און דאָס פאָרלייענען דאָרטן. אַ סך דייטשע יידן, יונג און אַלט, פלעגן אויך מיטגיין אין דער פאָרטוגעזישער שול אַריין. די פאָרטוגעזישע יונגעלייט פלעגן דערביי אָנטון אַלעמאָל זייערע בעסטע מלבושים און אַרומבינדן זיך מיט פרייטע גרינע זיידענע בענדער — דאָס איז געווען דער סימן

פון אַ שבתי־צביניק. מיט פויקן און טענץ פלעגט מען גיין אין שול אַריין. אַ סך האָבן פאַרקויפט הייזער און האָב־און־גוטס, ווייל מען האָט זיך געריכט פון טאָג צו טאָג אויף דער גאולה. מיין שווער זכרונו לברכה, וואָס האָט געוואוינט אין האַמעלן, איז אַרויסגע־פאָרן פון דאָרטן; ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין שטוב מיטן גאַנצן שיינעם הויזראָט וואָס ער האָט דאָרטן געהאַט און האָט זיך אַרי־בערגעקליבן קיין הילדעסהיים (נעענטער צו האַמבורג). פון דאָרטן האָט ער אונז צוגעשיקט אַהער קיין האַמבורג צוויי גרויסע פעסער מיט לייוונט; חוץ דעם איז נאָך דאָרט געווען דאַר פלייש, אַרבעס, געטריקנטע פלוימען און אַנדערע זאַכן, וואָס קענען שטיין, ווייל דער אַלטער מאַן האָט גערעכנט, אַז פון האַמבורג וועט מען שוין פאָרן גלייך קיין ארץ־ישראל".

אָט אַזוינע באַשרייבונגען פון דער שטימונג צווישן יידן האָבן זיך אויפגעהיט נאָך פון אַ סך ערטער: פון פראַנקפורט־מאַין, פון אַוויניאָן אין דרום־פראַנקרייך און אַפילו פון דער ווייטער פערסיע. אין לאָנדאָן, וואו מען האָט אָקאָרשט געהאַט ערלויבט יידן זיך צו באַזעצן, האָט מען זיך געוואָטן אויף הונדערט קעגן צען, אַז אין פאַרלויף פון צוויי יאָר וועט שבתי־צבי געקריינט ווערן פאַר קיניג אין ירושלים. מאָדנע קלאַנגען זיינען אַוועקגעגאַנגען צווישן יידן און קריסטן, אַז אין צפון־שאָטלאַנד האָט מען געזען לעבן ברעג אַ שיף, וואָס די מאַטראָסן אירע האָבן גערעדט העברעיש און אויף דער פאָן איז געווען אויפגעשריבן: „די צוועלף שבטים פון ישראל".

די גאַנצע יידישע וועלט און אַ היפּשע טייל פון דער ניט־יידישער זיינען אַזוי ווי אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ שיכרות. עס איז געוואָרן אַ פאַרביטערטע קריג צווישן אָנהענגער און קעגנער, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן „מאַמינים" (אין שבתי־צבי) און „כופרים". דער ווייט־גרעסטער טייל פון פאָלק, צווישן זיי אויך די מערהייט רבנים אין אַזיע, אַפריקע, דייטשלאַנד, פוילן, איטאַ־ליע און האָלאַנד זיינען געווען מאַמינים. אַרויסזאָגן זיך קעגן שבתי־צבין איז געווען אַ געוויסע ריזיקע; יעקב סאַספּאָרטאַס, דער לאָנ־דאָנער רב, וואָס איז געווען אין האַמבורג אין דער צייט פון דער גרעסטער באַגייסטערונג און האָט באַקעמפט די משיחישע באַוועגונג,

האָט קוים אויסגעמיטן קלעפּ; און ווענן איינעם אַ רב יעקב אַשכּנזי אין בודין, מערן (היינט טשעכאָסלאָוואַקיע), גיט מען איבער, אַז ער האָט פאַרמשפּט צום טויט אַ יידן, ווייל יענער האָט ניט געוואָלט מאַכן שבתי-צבין אַ מי-שברך אין שול; דער רב האָט דאָס אויסגעטייטשט ווי אַ מלוכה-פאַרראַט.

כ

שבתי-צבי פאָרט צום סולטאַן

אַ האָלענדישער שרייבער, וואָס איז יעמאָלט געזעסן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, גיט איבער, אַז אויף די לאַנד- און וואַסער-וועגן קיין סמירנע זיינען קיינמאָל ניט געווען אַזוי פיל רייזנדערס, איז ניט געווען קיינמאָל אַזוי לעבעדיק ווי אין יענער צייט. יידן פון אַלע עקן וועלט זיינען געפאָרן צום משיח, און שבתי-צבי — אָדער זיינע מער פּראַקטישע חסידים — האָט גוט געוואוסט ווי שטאַרק די באַוועגונג האָט זיך צעגאָסן. אין סמירנע האָט מען אויך ניט גערוט; שמואל פּרימאָ דער גרויסער סופר האָט שוין געשריבן אין שבתי-צבים נאָמען מאַניפעסטן, וועלכע ער האָט אונטערגעחתמעט בפירוש: „אני ה׳ אלהיכם שבתי צבי" — „איך גאָט אייער גאָט שבתי-צבי". אָבער גלייכצייטיק האָט מען דערזען אין די קרייזן אַרום דעם משיח, אַז מען דאַרף שוין עפּעס טון ממשותדיקס. באַלד נאָך די גרויסע פייערלעכקייטן אין סמירנע האָט שבתי-צבי דערקלערט, אַז ער האָט בדעה צו לאָזן זיך קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, כּדי אַראָפּצונעמען בײַם סולטאַן די קרוין פון קאָפּ [1].

די שבתי-צבי-לייט האָבן צוגענומען די גוטע בשורה מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם. קיין שום ספק אין ערפאָלג איז ניט געווען. עס איז דאָך שוין געווען אָנגעקומען דאָס יאָר 1666, די צייט פון

1 אַנדערע מיינען, אַז דאָס האָט אים דער טערקישער גובערנאַטאָר פון סמירנע געשטעלט אַ תּנאַי, ער זאָל אין פאַרלויף פון דריי טעג אַוועקפאָרן צום סולטאַן. דאָס זאָל ער האָבן געטאָן, ווייל מען האָט אים אַליין פאַרסטרט אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, אַז צוליב געלט דערלאָזט ער אַזאַ געפערלעכע באַוועגונג צווישן יידן.

דער גאולה, און מען וואָלט זיך גאָר געוואונדערט, ווען דער משיח זאָל זיך געווען זאַמען לענגער.

איידער ער איז אַרויסגעפאָרן קיין סמירנע, האָט שבתי־צבי צעטיילט זיין קינפטיקע מלוכה, דאָס הייסט די גאַנצע וועלט, צווישן זעקס און צוואַנציק אָנהענגער און גוטע פריינט. דעם גרעסטן חלק האָבן באַקומען זיינע צוויי ברידער: דער עלטערער, אליהו, איז געוואָרן באַשטימט פאַרן מלך איבער אַלע מלכים פון דער וועלט; דער יינגערער, יוסף, האָט באַקומען דעם טיטל: „דער מלך איבער די ניינצן מלכים פון יהודה". די צוויי האָבן געהאַט אַ רעכט אויף זייערע קרוינען צוליב זייער קרובהשאַפט מיטן משיח; די אַנדערע, האָט שבתי־צבי געזאָגט, קומט די הערשאַפט לויט די סודות פון דער קבלה, דהיינו: זייערע נשמות זיינען גלגולים פון די אַמאָליקע קיניגן פון יהודה און ישראל, איז דעריבער ניט מער ווי נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן זיך איצטער, ווען משיח איז געקומען, אומקערן צוריק אויף זייערע קיניגלעכע שטולן. אַ שטיינער דער גביר הלל פון סאַלאָניק, אַ גלגול פונעם מלך אָחז, האָט זיך באַדאַרפט זעצן קיניגן איבער שפּאַניע און פּאָרטוגאַל; דער גביר רפאל־יוסף, אַ גלגול פון מלך חזקיה, האָט באַקומען עגיפּטן און אַראַביע; איינער אַ ר' יעקב פון מאַראָקאָ איז געוואָרן הערשער איבער ניי־שפּאַניע (מעקסיקאָ); דעם משיחס מוטער אסתר האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גלגול פון דער קיניגין עתליה, אויף איר חלק איז אויסגעפאַלן צו הערשן איבער דייטשלאַנד, פּוילן, ליטע און אוקראַינע.

צווישן די וועמען שבתי האָט באַטיילט מיט אַ קרוין איז אויך געווען איינער אברהם רוביאָ פון דער שטאָט אַלעפּאָ אין סיריע. ער איז געווען אַ בעטלער, הגם ביי שבתי־צבין האָט ער געהייסן „הגביר אברהם". אָט דער זעלביקער איז געווען, לויט שבתיס פעסטשטעלונגען, אַ גלגול פון יאשיהו דעם קיניג פון יהודה, און אים האָט שבתי־צבי אַוועקגעשאָנקען די ממשלה איבער אַלע לענדער, וואָס אַרום שוואַרצן ים. בכלל האָט שבתי־צבי געזען צו פאַרזאָרגן וואָס מער פון זיינע אָנהענגער מיט פּאָסטנס און כיבודים — אויף צוויי נביאים זיינע, ביידע לוויים, האָט ער געזאָגט, אַז זיי

וועלן די ערשטע וויִנגען אין דעם נייעם בית=המקדש — נאָר פֿונדעסטוועגן האָט פֿאַר אַלעמען ניט געקענט קלעקן. ריידן אַנטקעגן האָט זיך קיינער ניט דערוועגט, אָבער מקנא געווען האָט מען, איבערהויפּט דעם אברהם רוביאָ, וואָס אַלע האָבן אים געקענט פֿאַר אַ שלעפּער און דאָ האָט ער גאָר מיט אַמאָל געזאָלט דערהייבן ווערן צו אַ קיניג. אַ סך גבירים זיינען געקומען צו אים און אים פֿאַרגעלייגט די גרעסטע סומעס, אַבי ער זאָל פֿאַרקויפֿן זיין קיניגליכן טראָן; נאָר רוביאָ האָט דערפֿון ניט געוואָלט הערן.

אָנהייב יאַנואַר 1666 האָט שבתי=צבי זיך געזעצט אויף דער שיפֿ אויף אַוועקצופֿאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. מיט אים זיינען מיטגעפֿאָרן אַ פּאָר אָנהענגער, צווישן זיי אויך שמואל פּרימאָ, זיין סעקרעטאַר.

כא

די ערשטע שטרויכלונגען

ביז דעם מאָמענט איז שבתי=צבים שטערן געשטיגן וואָס וויטער אַלץ העכער; איצטער הייבן זיך אָן אַנטטוישונגען. עס טרעפֿט זיך, אַז די נבואות ווערן ניט מקוים, עס טרעפֿן אויך בפּירושע דורכפֿאַלן. אָבער דאָ ווייזט זיך אַרויס דער געזעץ פֿון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע, אַז יעדערער דרינגט אַרויס פֿון פֿאַקטן דאָס וואָס אים ווילט זיך זען. דעריבער ווערן די שבתי=צביניקעס ניט נתפּעל פֿון קיין שום שטרויכלונגען; אויף יעדער טריומפֿירנדיק=איראָנישער פֿראַגע פֿון די קעגנער געפֿינען זיי באַלדזעגן תירוצים, אַז אַזוי האָט געדאַרפֿט זיין, אַזוי האָט געמוזט זיין.

ווען שבתי=צבי האָט זיך אין סמירנע געזעצט אויף דער שיפֿ, האָט ער פֿאָרויסגעזאָגט, אַז דעם און דעם טאָג וועט ער אָנקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ער האָט אָבער ניט געקענט האַלטן וואָרט: אויפֿן ים האָט זיך געמאַכט אַ שרעקלעכער שטורעם, האָט זיך די שיפֿ געראַנגלט מיט די כוואַליעס אויף לעבן און אויף טויט און האָט זיך אויף וואָכן גאַנצע פֿאַרהאַלטן אויפֿן וואַסער, ווייל ס'איז ניט געווען קיין מיגלעכקייט צוצופֿאָרן צום ברעג. אָבער די שיפֿ איז

פּאָרט ניט צעשלאָגן געוואָרן, די פּאַרשוינען זיינען אַרויס בשלום; האָבן שבתי-צבים אָנהענגער גערעדט שפּעטער ניט וועגן דעם, וואָס זייער משיח האָט אַ טעות געהאַט אין חשבון, נאָר וועגן דעם, וואָסערע מופתים ער האָט באַוויזן אויפן ים, ווי דער שטורעם און די כוואַליעס האָבן געפאָלגט שבתי-צבים באַפעל.

ענרלעך איז די שיף, אַ האַלב-צעטרייסלטע, דערפאָרן ביז די דאַרדאַנעלן. ווייטער האָט מען זי ניט געקענט פירן, האָט מען געהייסן די פּאַרשוינען לאַנדן און מאַכן דעם רעשט וועג ביז קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויף דער יבשה.

אָבער דער משיח האָט אַפילו קיין צייט ניט געהאַט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין: טערקישע זעלנער האָבן אים אַרעסטירט; זיי זיינען, קענטיק, שוין געקומען מיט אַ פאַרטיקן באַפעל און האָבן שוין געוואַרט אויף אים. פון וואַנען האָט די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער רעגירונג געוואוסט וועגן זיין אָנקומען, איז ניט אויפגעקלערט. אַ טייל מיינען, אַז דער סמירנער גובערנאַטאָר האָט זיך סוף-כל-סוף איבערגעשראָקן און אַוועקגעשיקט אין דער הויפּטשטאָט אַ באַריכט; אַנדערע זאָגן אַרויס אַ סברא, אַז די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער יידישע „כופרים״ (שבתים קעגנער) האָבן געשיקט אַ מסירה צום גרויס-וויזיר און דערביי געבעטן, אַז מען זאָל ניט לאָזן כל-ישראל אָפּקומען פאַר שבתים זינד. יעדנפאַלס איז דער באַפעל וועגן דעם אַרעסט געגאַנגען פונעם גרויסוויזיר אַכמעט-קעפּרילי, און דערפאַר האָבן קיין חכמות ניט געהאָלפן: מען האָט שבתין אָנגעטאָן קייטן און זיך געלאָזט רייטנדיק אין וועג אַריין. זיי זיינען געקומען ביזן שטעטל קוטשוק-טשעקמעדזע, האַרט לעבן קאָנסטאַנטינאָפּאָל; נאָר דאָ האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, ווייל עס איז געווען פרייטאָג-צונאַכט, און שבתי-צבי האָט געפועלט, אַז מען זאָל אים ניט צווינגען מחלל-שבת צו זיין. דערווייל האָבן זיינע באַגלייטער אַוועקגעשיקט אַ שליח אין דער הויפּטשטאָט, און פון דאָרטן זיינען געקומען צו פליען זיינע אָנהענגער. זיי האָבן מיט זייער געלט יאָ עפּעס אויפגעטאָן; מען האָט פאַרלייכטערט אויף שבתין די קייטן. זונטאָג האָט מען אים געבראַכט אויף אַ שיפל פון קוטשוק-טששעקמעדזע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

די ידיעה װעגן זײַן אָנקומען האָט זיך שױן געהאַט פֿאַר־שפּרייט אין שטאָט, און טױזנטער מענטשן, יידן און טערקן, זײַנען געקומען זען דעם משיח. פּאָליציי האָט קוים מיט צרות אָפּגעשטופּט דעם עולם אָן אַ זייט. עס װערט איבערגעגעבן אין באַריכטן פֿון יענער צײַט, אַז דער אונטער־פּאַשאַ, װאָס איז געקומען אָפּנעמען שבתין, האָט אים בײַם אַראָפּגײן פֿון שיף דערלאַנגט אַ פֿײַערדיקן פּאַטש. שבתי האָט זיך אומגעקערט צו אים און אים אונטערגע־שטעלט די צװייטע באַק אויך. װי נאָר ער איז אַראָפּ אויפֿן ברעג, האָבן אים פֿון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט זעלנער און אַװעקגעפֿירט צום קאַימאַקאַם [1] מוסטאַפֿאַ־פּאַשאַ. ניט דער סולטאַן אַלײן און ניט דער גרױסװעזיר זײַנען דאַן געװען אין דער הױפּטשטאָט.

די ערשטע פֿראַגע אויפֿן פֿאַרהער איז געװען: צי איז אמת װאָס מען זאָגט אויף דיר, אַז דו ביסט דער יידישער משיח און דו װילסט אָנטון אויף דײַן קאָפּ דעם סולטאַנס קרױן?

אויף דעם זאָל שבתי־צבי האָבן געענטפֿערט:

— דער עולם זאָגט דאָס טאַקע אויף מיר; אָבער אין דער אמתן בין איך בלױז אַן אָרעמער כאַכאַם [2], װאָס איך בין געקומען פֿון ירושלים אין דער הױפּטשטאָט צו מאַכן דאָ אַ ביסל געלט צװישן די רײַכע יידן; װאָס בין איך שולדיק װאָס מען גיט מיר אָפּ אַזױפֿיל כבוד?

מוסטאַפֿאַ־פּאַשאַ האָט געהײסן אַרײַנװאַרפֿן שבתין אין אַ תּפֿיסה, װאו עס פֿלעגן זיצן אָנזעצער און הינטערשטעליקע בעלי־חובֿות.

כב

אַלץ איז אַ מופֿת

װאָלט מען זיך פֿריער באַצױגן מיט אומצוטרוי צו שבתי־צבין, װאָלט ער איצט געװען פֿאַרפֿאַלן אינגאַנצן. אַלע זײַנע רייד האָבן זיך דאָך אַרױסגעװיזן פֿאַר פּוסטע דיבורים. די שיף

1 גובערנאַטאָר.

2 אַזױ רופֿט מען אין טערקײַ די רבנים.

איז ניט געקומען צו דער צייט, דעם משיח האָט מען אָנגעטאָן קייטן, מען האָט אים אויסגעפּאַטשט פאַר אַלעמען אין די אויגן, ער האָט אַליין פאַרלייקנט זיין שליחות, און איצטער זיצט ער אין אַ שענדלעכער תּפיסה. צי דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַווייז, אַז אַלצדינג פון אָנהייב אָן איז געווען שווינדל?

אַזוי האָבן טאַקע גערעכנט די „כּופרים״, און די טערקי־שע גאַסן־יונגען האָבן געשריען צו די פאַרביייגייענדיקע יידן: „געל־די מי? געלדי מי״?, וואָס דאָס באַטייט: „נו, ער קומט? נו, ער קומט?״ אָבער די אָנהענגער זיינען געבליבן ביי זייערס, און טאָ־מער האָט ביי איינעם אָדער ביים אַנדערן די אמונה זיך גענומען וואַקלען, איז געווען ווער עס זאָל שטאַרקן דאָס האַרץ: שבתי איז געזעסן אין תּפיסה, אָבער שמואל פּרימאָ איז געווען אויף דער פריי, און נאָך צוויי נביאים, משה סוריאל און מרדכי חסיד, האָבן אים מיטגעהאָלפן. אַפילו אַ טערקישער דערוויש איז אומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט און אויסגערופן, אַז משיח איז געקומען.

אַלע געשעענישן האָט מען איבערגעטייטשט אַזוי, אַז שבתים געטלעכקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך באַשיימפּערלעכער. דאָס וואָס די טערקישע רעגירונג האָט זיך ניט דערוועגט צו טייטן שבתין, אין דער צייט וואָס אַלעמאָל פלעגן פליען קעפּ פאַר דער קלענ־סטער עבירהלע — האָט באַוויזן, אַז דעם סולטאַנס רעגירונג האָט אויך מורא פאַרן יידישן משיח. מען האָט נאָך צו דעם צוגעגעבן פאַרשיידענע דערציילונגען, ווי שטאַרק מוסטאַפאַ־פּאַשאַ האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר שבתין. אויף דעם פאַקט וואָס שבתי־צבי איז אַרעסטירט איז אויך געגעבן געוואָרן די נעהעריקע דערקלערונג: די גמרא און דער זוהר זאָגן דאָך בפירוש, אַז איידער משיח וועט קומען מוזן זיין חבלי־משיח [1]; נאָך די דאָזיקע ליידן און אָפּקומענישן וועט זיך דעם משיחס גדולה אַרויסווייזן אין איר גאַנצער פּראַכט. שמואל פּרימאָ האָט געשריבן בריוו אויף אַלע זייטן, געטרייסט די אָנהענגער און זיך ניט געקענט אָפּדערציילן וועגן דעם כּבוד, וואָס טערקישע שררות טוען אָן דעם משיח אין זיין תּפיסה [2].

1 אויסשפּראַך: כעווליי מאָשיאַך, די ווייען פון משיחן.

2 די שטימונג פון דעם ברייטן עולם אין יענע מאָמענטן שפּיגלט זיך אָפּ

דער גרויסוויזיר, וואָס האָט זיך אומגעקערט פאַר דער צייט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט טאַקע מורא געהאַט פאַר צו שאַרפע מיטלען. מיגלעך, אַז שמואל פרימאָס רייד ווענן דעם זיינען געווען ניט ריכטיק, אָבער אַכמעט־קעפּרילי איז יעדנפאַלס געווען אַ קלוגער מענטש מיט אָפענע אויגן. ער האָט געזען, ווי טויזנטער מענטשן קלייבן זיך אויף פאַר די טויערן פון שבתי־צבים תּפיסה; ער איז געוואויר געוואָרן, אַז לויט דער בקשה פון ענגלישע סוחרים האָט שבתי־צבי זיך געווענדט מיט אַן אויפרוף צו יידן, אַז זיי זאָלן באַצאָלן זייערע חובות, און דאָס האָט געווירקט בעסער, איידער אַלע שטרענגע מיטלען פון דער רעגירונג. צי האָט אַכמעט אַליין געגלייבט אין דער איבערנאַטירלעכער קראַפט פון שבתים פּערזענלעכקייט אָדער ניט, אָבער ער האָט געמוזט פאַרשטיין, אַז אַ טויטשטראָף איבער דעם יידישן משיח וועט אויפרודערן ניט נאָר אַלע יידן, נאָר אויך טויזנטער טערקן און קען ברענגען צו שווערע צוזאַמענשטויסן. אויף דעם האָט אָבער דער גרויסוויזיר ניט געוואָלט גיין: טערקייס איינפלוס אין אייראָפּע איז שוין געגאַנגען באַרג אַראָפּ, און אינעווייניקסטע מהומות וואָלטן זי אָפּגעשוואַכט נאָך מער. צו דעם איז נאָך צוגעקומען, וואָס טערקיי איז געשטאַנען אין אַ מלחמה צוליב דעם אינזל קרעטע, וועלכע האָט זיך געצויגן שוין אַ יאָר צוואַנציק; אַכמעט האָט איצטער געגרייט דעם אַנטשיידענעם אַרויסטריט אין דער מלחמה, און דעריבער האָט זיך אים נאָך ווייניקער געוואָלט שאַפן רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין לאַנד. האָט ער באַשלאָסן, אַז די בעסטע עצה וועט זיין: מאַכן וואָס ווייניקער טומל. איבערלאָזן שבתין אין דער הויפּטשטאָט איז געווען ריזיקאַליש. מען האָט אים דעריבער נאָך צוויי מאָנאַטן זיצן אין דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער תּפיסה אַריבערגעפירט אין דער פעסטונג אַבידאָס, אין די דאַרדאַנעלן, ניט ווייט פון דער הויפּטשטאָט, וואו מען פלעגט האַלטן פּאָליטישע פאַרברעכער. שמואל פרימאָ, זיין ווייב שרה און נאָך עטלעכע גוטע פריינט האָט מען געלאָזן מיטגיין מיט אים.

אויסגעצייכנט אין דעם „שיין ניי ליד פון משיח“, וואָס יעקב בר' בנימין טויסק האָט אָפּגעדרוקט 1666 אין אַמסטערדאַם. פגל' מיין אַרבעט: „אַ יידיש ליד וועגן שבתי־צבי פון יאָר 1666“ אין „צייטשריפט“, 1926, בוך 1, ז' 159—172.

די פּעסטונג אַבּידאָס, וואוהין שבּתי מיט זיינע געטרייע ווײ=
נען אָנגעקומען דעם 17טן אַפּריל 1666, האָט בּיי די גלייבּיקע בּאַ=
קומען דעם צונאָמען: „מגדל עוז"[1]. אויבּ מען האָט די פריערדי=
קע דערנידערונגען נעקענט אויסטייטשן ווי אַ טריט נעענטער צו
דער גאולה, איז דאָס שוין איצטער געווען גאָר לייכט. מען האָט
אין דער פּעסטונג געהאַלטן שבּתין ניט ווי אַן אַרעסטאַנט, נאָר ווי
אַ געפאַנגענעם קיניג. ער האָט דאָ איינגעאָרדנט אויף אַן אמת אַ קי=
ניגלעכן הויף; געלט האָט ניט געפעלט. פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין
אַבּידאָס האָבּן גענומען רעגלמעסיק גיין שיפן, און די צאָל בּעלנים
איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער פּרייז פאַרן פאָרן איז געשטיגן פון
טאָג צו טאָג. פון אַלע לענדער איז מען געפאָרן געוואויר ווערן
וואָס עס הערט זיך מיטן משיח. דער טערקישער בּאַאַמטער, וואָס
איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער פּעסטונג, האָט צום עסק ניט
דערלייגט: ער האָט פון יעדן בּאַזוכער גענומען איינטריטגעלט, פון
פינף בּיז צען טאָלער. אָבּער מען האָט געצאָלט גערן; מען וואָלט
געצאָלט נאָך אַ מאָל אַזוי פיל, אַבּי זוכה צו זיין צו זען דעם
משיחס ליכטיקן פּנים. די איינוואוינער פון דעם שטעטל בּיי דער
פּעסטונג זיינען אויך געבּליבּן העכסט צופרידן. די אורחים האָבּן
בּאַצאָלט פאַר סטאַנציע און פאַר עסנוואַרג יעדן פּרייז וואָס מען
האָט געבּעטן; זיי האָבּן זיך געוואונטשן, אַז שבּתי=צבי זאָל בּלייבּן
בּיי זיי וואָס לענגער.

די ידיעות וועגן שבּתים גלאַנץ און הערלעכקייט האָבּן זיך
בּאַלד פאַרשפּרייט איבּער דער גאַנצער וועלט, און וואָס ווייטער
פון דאָרטן, אַלץ פאַנטאַסטישער זיינען געווען די פּאָטשטן, וואָס
מען האָט דערציילט וועגן „מגדל עוז". דאָס נבואות=זאָגן פון דעם
משיחס נביאים און נביאעטעם האָט זיך בּאַנייט. מען האָט זיך אי=
בּערגעגעבּן איינער דעם אַנדערן מיט גרויס פאַרכט, אַז מרדכי
חסיד, אַ גרויסער רב פון דייטשלאַנד וואָס האָט זיך דאַן געפונען
אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז נעגאַנגען קיין מגדל=עוז געוואויר ווערן
דעם משיח, נאָר ער האָט תיכף געמוזט אָפּטרעטן פון אים, ווייל

1 אויסשפּראַך: „מיגדאַל אויז" — דער טורעם פון מאַכט; דער נאָמען
שטאַמט פון תהילים, קאַפּיטל סא.

ער איז ניט געווען אימשטאַנד איבערצוטראָגן די שיין פון זײַן שטראַלנדיקן פּנים; אָבער ער האָט באַוויזן צו זען איבער דעם משיחס קאָפּ אַ פייערדיקע קרוין, וואָס האָט זיך געהויבן ביזן הימל. אַנדערע האָבן זיך דערמאָנט, אַז איידער שבתי־צבי איז אָפּגעפאָרן פון סמירנע האָט ער געזאָגט צו זיינע אָנהענגער: באַלד ווי איך קום קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועט מען מיך איינזעצן; הייסט עס, זיינע אייגענע רייד זיינען מקוים געוואָרן, ער האָט אַלצדינג געוואוסט פון פריער. מיט פאַרוואונדערונג האָט מען אויסגעהערט די ידיעה, אַז די טערקישע רעגירונג גופא האָט באַשטימט שבתין אַ געוויסע פּענסיע — צי דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַווייז, אַז מען האָט מורא פאַר אים? ער איז געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט קלאָרע רייד, אַז ער וועט מאַכן דעם סולטאַן פאַר אויס מלך, און דעם סולטאַנס רעגירונג צאָלט אים גאָר אַ פּענסיע! מען האָט ווייטער איבערגעגעבן, אַז ווי נאָר אַ טערק גייט אַריין אין שבתיס חדרים און דערזעט דעם משיח, פאַלט ער אויף דער ערד און קושט דעם שטויב פון זיינע פיס.

שבתי־צבי אַליין האָט אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן אויך זיך געפירט ווי משיח בן דוד, גלייך עס וואָלט גאָר ניט געשען. ער איז געקומען קיין אַבידאָס ערב־פּסח, האָט ער באַלד געשאָכטן אַ לעמעלע פאַר אַ קרבן־פּסח, געבראָטן עס צוזאַמען מיטן פעטס, וואָס דאָס איז פאַרווערט לויט די דינים, און געגעבן דאָס צו עסן זיין גאַנצער געזעלשאַפט. דערביי זאָל ער האָבן געמאַכט אַ ברכה, וואָס האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז די פאַרבאָטן פון גמרא און פון די פּוסקים גילטן שוין ניט: „געלויבט ביסטו גאָט, וואָס דו ביסט מתּיר דאָס פאַרבאָטענע". די אָנהענגער האָבן מיט זיכערקייט דערמאָנט איינער דעם אַנדערן די באַשרייבונג פון תּנ"ך, ווי אַזוי זרובבל האָט געבויט אין דער צייט פון די פּערסער דעם צווייטן בית־המקדש, און זיי האָבן דערפון אָפּגעלערנט, אַז אַזוי ווי זרובבל האָט סוף־כּל־סוף אָפּגעראַמט פון וועג אַלע שוועריקייטן, אַזוי וועט שבתי־צבי אויך בייקומען אַלע שונאים און אויפבויען דעם דריטן, דעם ענדגילטיקן בית־המקדש.

פון מגדל־עוז זיינען דערוויילע געגאַנגען אַלע נייע און נייע

באַפעלן: שמואל פרימאָ האָט פונאַנדערגעשיקט אויפרופן, אַז דער תענית פון שבעה-עשר-בתמוז איז אָפגעשאַפט: מען דאַרף שוין ניט טרויערן איצטער אויפן חורבן, ווייל גראָד אין דעם טאָג האָט שבתי-צבי דערשפירט, אַז ער איז משיח. אויף צוויי און צוואַנציק טעג אין תמוז, גיט מען איבער, האָט ער באַשטימט אַ גרויסן יום-טוב, וועלכן מען זאָל האַלטן אַזוי הייליק ווי שבת: דאָס איז געווען דער טאָג פון זיין חתונה מיט שרהן. אויף כ״ג תמוז איז באַשטימט געוואָרן אַ „שבת הגדול“. מער ווי פיר טויזנט יידן, מענער און פרויען, וואָס זיינען דאַן געווען אין אַבידאָס, האָבן גע-פּראַוועט דעם נייעם שבת — אויסגעפאַלן איז ער אויף אַ מאָנטאָג — מיט גרויס התלהבות. מען האָט אויך געגעבן צו וויסן אין אַלע קהילות, אַז תשעה-באָב איז אויס טרויערטאָג און תענית; דעם טאָג האָט מען אַ נאָמען געגעבן יום-הנחמה (דער טאָג פון טרייסטונג), ווייל דאָס איז דער געבוירנסטאָג פונעם משיח, און מען האָט גע-הייסן פּראַוועט דאַן אַ יום-טוב מיט ספּעציעלע תפילות, מיט האַרפּנ-שפּיל און מיט געזאַנג.

נתן העזתי איז ניט געווען אין אַבידאָס; ער איז אָבער גע-שטאַנען אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג מיט זיין משיח און האָט קיין איין מינוט ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן פאַר אים. דאָ איז ער געווען אין עזה, דאָ האָט ער געמאַכט נסיעות אין די לענדער אַרום ארץ-ישראל; ער האָט כסדר נביאות געזאָגט און געשריבן פאַר שבתין. באַוואוסט אין זיין כרוז צו אַלע קהילות, וואו ער האָט געהייסן אין יום-טובדיקן דאַוונען אַריינשטעלן אַ פאָר ווער-טער, אַז אויף שבתי-צבין האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נאָטס גייסט.

כג

געסט פון פוילן

טויזנטער יידן האָבן עולה-רגל געווען צו שבתין קיין מגדל-עוז, הונדערטער טויזנטער האָבן געוואַרט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם אויף דער מינדסטער ידיעהלע פון דאָרטן. אין אַמסטערדאַם

זיינען די גרעסטע יום־טובים געווען די טעג ווען עס פלעגט צָנקו־מען די פּאָסט. אין אַלע קהילות האָט מען שטרענג געפּאָלגט די באַפעלן פון שמואל פּרימאָ און נתנען, און די פרומסטע יידן האָבן געפּראַוועט אַ שמחה אום תשעה־באָב, ווייל אַזוי האָט געהייסן דער משיח. אין האַמבורג האָט מען איינגעפירט דעם „הנותן תשועה״ פאַר שבתי־צבין אויך מאָנטאָג און דאָנערשטאָג; שבת אַליין איז געווען ווייניק. און דערביי האָט מען געצוואונגען דאָס הייפל „כופרים״ דווקא צו זיין דערביי און הויך צו ענטפערן „אמן״. די כופרים האָבן נעבעך געפּאָלגט, ווייל דאָס לעבן איז זיי געווען ליב. אין ווענעציע איז אין אַ שבת געקומען צו אַ געשלעג צווישן די צוויי צדדים, וואָס האָט שיר ניט געקאָסט מענטשלעבע קרבנות. אין ניקאָלסבורג (מערן) איז די אויפרעגונג צווישן יידן געווען אַזוי גרויס, אַז דער הויפּט פון דער רעגירונג, גראַף דיטריכשטיין, האָט געלאָזט אויסהענגען ספּעציעלע אויפרופן, כדי צו באַרויִקן די צע־היצטע געבלִיטן.

צווישן די פיל סוחרים, וואָס זיינען געקומען קיין מגדל־עוז פון נאָענט און ווייט, זיינען אויך געווען שלוחים פון לעמבערג. איינער איז געווען ר׳ ישעיה, דער זון פונעם גרויסן לעמבערגער רב דוד־לוי, וועלכן מען האָט גערופן דער ט״ז 1. דער אַנדערער איז געווען זיין שטיפבּרודער ר׳ לייב־הערץ. זיי זיינען געקומען קיין אַבידאָס מיט עטלעכע טעג פריער פאַרן נייעם שבת־הגדול, און עס איז אַ סברא, אַז זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ כתב פונעם „וועד אַרבע הארצות״, דער העכסטער פאַרטרעטונג פונעם פּוילישן יידנ־טום. שבתי־צבי האָט זיי אָבער ניט צוגענומען באַלד און געהייסן זיי אַוועקגיין פריער קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל צו אברהם יכיני. זיי האָבן געפּאָלגט און האָבן געשמועסט מיט אברהמען אין קבלה, און ער האָט זיי אַ ביסל צוגעגרייט. קיין מגדל־עוז האָבן זיי זיך אומגעקערט פּונקט אין דעם שבת־הגדול, און אַזוי ווי זיי האָבן ניט געוואוסט פון דער נייער תקנה, האָבן זיי געקויפט ביי אַ טערק עסן. דערפאַר איז שמואל פּרימאָ שטאַרק אָנגעפאַלן אויף זיי, און אויך

1 „טאַז״, לויט די ערשטע אותיות פון זיין בארימטן ספר „טורי זהב״.

שבתי־צבי האָט זיי צוגענומען מיט אַ פינסטער פּנים. זיי האָבן אָבער חרטה געהאַט, פאַרענטפערט זיך, און דעריבער האָט שבתי אַראָפּגענומען פון זיי זיין צאָרן. ער האָט זיך פונאַנדערגערעדט מיט זיי אין לערנען, און זיי זיינען נתפעל געוואָרן פון אַזוי פיל לומדות. דערנאָך האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף זייער פאָטער, דעם אַלטן רב דוד־לוי, און ווען ער האָט געהערט, אַז דער אַלטער ט״ז איז שוין שלאַף, האָט ער זיי געגעבן אַ ויידן העמדל פאַרן פאָטער און געהייסן זיי זאָגן, ווען ער וועט דאָס אָנטון, דעם פסוק פון תהילים: „תתחדש כנשר נעוריך" (עס וועט זיך באַנייען ווי אַן אָדלער דיין יוגנט), וועט ער ווערן יינגער און געזינטער. פאַר די צוויי שלוחים גופא האָט שבתי־צבי אויך געהייסן אָנגרייטן טייערע מתנות, און ער האָט זיי איינגאַנצן איבערגעצייגט אין זיין געטלעכקייט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די פוילישע געסט האָבן אויך ניט וויייניק דערציילט וועגן דער שרעקלעכער פיין, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די ניט־לאַנג פאַרענדיקטע קאָזאַקישע מלחמות. שבתי־צבי האָט זיי געענטפערט, צופירנדיק זיי צום טיש: „איר זעט וואָס פאַר אַ ספר דאָ ליגט? דאָס איז דער „צוק העתים" (אַ באַשרייבונג פון כמעלניצקים שחיטות). דער ספר גייט ניט אַראָפּ פון מיין טיש. איך בין אָנגעטאָן אין רויטן און די ספרי־תורות זיינען אָנגעטאָן אין רויטן, ווייל דער טאָג פון נקמה איז נאָענט און דאָס יאָר פון אויסלייזונג איז אָנגעקומען. גיט איבער די דאָזיקע גוטע בשורה צו אונזערע ברידער". אויך אין בריוועלע צום אַלטן ט״ז האָט ער געשריבן: „באַלד וועל איך נקמה נעמען פאַר אייך און טרייסטן אייך ווי אַ מוטער טרייסט איר קינד".

דער בריוו איז געווען פאַרזיגלט מיט שבתים חותם, אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעמאָלט אַ צונויפגעדרייטער שלאַנג. אַ שלאַנג איז דער סימבאָל פון משיחן, ווייל דאָס העברעיש וואָרט פאַר שלאַנג, נחש, באַטרעפט לויט דעם צאָלווערט פון די אותיות דריי הונדערט אַכט און פופציק, און דאָס אייגענע אויך „משיח".

די שלוחים זיינען אַוועק פון שבתין צופרידן און דערפרייט. אין אַלע שטעט, וואו זיי זיינען דורכגעפאָרן, האָבן זיי דערציילט

וועגן זיין גדולה און זיינע מופתים, און ווען זיי זיינען געקומען אהיים, האָבן זיי פֿונאַנדערגעשיקט איבער די קהילות אַ באַריכט וועגן דעם וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן.

דער ט״ז אַליין, ניט מען איבער, האָט ניט געוואָלט גלייבן אין שבתי־צבים משיחות און ניט אָנגעטאָן די העמדל וואָס ער האָט צוגעשיקט. אָבער דער ווייט־גרעסטער טייל יידן האָט יאָ געגלייבט, און אַדאַנק די צוויי שלוחים זיינען דעם משיח צוגעקומען נייע אָנהענגער.

אָבער גאַנץ אומגערן, קעגן זייער אייגענעם ווילן, האָבן ר׳ ישעיה און ר׳ לייב־הערץ געטאָן שבתין אַ שרעקלעכע רעה און פֿאַרגיכערט זיין מפּלה.

כד

די קאַטאַסטראָפע

פון די צוויי פּוילישע געסט האָט שבתי־צבי געהערט, אַז אין פּוילן איז פֿאַראַן אַ גרויסער מקובל, ר׳ נחמיה כהן, וואָס איז מי יודע ווי אָנגעזען אין זייער לאַנד. שבתי־צבי און זיינע מקורבים האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז אויב נחמיה וועט אָנערקענען שבתי־צבין, איז גאַנץ פּוילן געוואונען פֿאַר דער באַוועגונג. שבתי האָט דעריבער געהייסן די שלוחים זאָגן אינדערהיים, אַז ר׳ נחמיה זאָל תּיכּף קומען צו אים, און אויך דעם בריוו צום אַלטן ט״ז האָט ער פֿאַרענדיקט מיט די ווערטער: „דער נביא ר׳ נחמיה זאָל זיך איילן צו מיר מיט פֿרייד און געזאַנג״.

דער פֿאַרבעטענער האָט ניט לאַנג געלאָזן אויף זיך וואַרטן. ווער דער ר׳ נחמיה איז געווען, פֿון וואַנען ער האָט געשטאַמט, איז ניט באַוואוסט; ביי די קענער פֿון קבלה האָט ער געהאַט אַ שם פֿאַר אַ מענטשן אַ צעדרייטן. אָנהייב סעפּטעמבער 1666 איז שוין נחמיה געווען אין אַבידאָס, און אים איז ניט אויסגעקומען צו וואַרטן, ביז וואַנען מען וועט אים דערלאָזן צום משיח: שבתי האָט אָפּגערוקט אַלע אַנדערע געסט און תּיכּף אויפגענומען דעם נביא פֿון פּוילן.

דריי מעת=לעת זיינען זיי געזעסן פאַרמאַכט און געפירט אַ וויכוח. לויט ווי מען גיט איבער, האָבן זיי גערעדט וועגן משיח בן יוספן, צי ער איז שוין געווען אָדער ניט; וואָרים אויב עס איז נאָך ניט געקומען משיח בן יוסף, וואָס דאַרף פאַלן אַ קרבן, קען דאָך ניט געמאָלט זיין, אַז שבתי=צבי זאָל זיין משיח בן דוד. יע=דערער פון זיי, דער משיח און דער נביא, האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע גייסטיקע קרעפטן, און דער סוף איז געווען, אַז נחמיה איז געבליבן ביי זיין מיינונג: משיח בן יוסף דאַרף נאָך ערשט קומען, און ממילא איז שבתי=צבי אַן איינריידער און אַ ליגנער. נחמיה האָט דאָס אפשר ניט אַרויסגעזאָגט מיט אַזעלכע שאַרפע ווערטער, אָבער סיי שבתי אַליין, סיי זיינע נאָענטע האָבן פאַרשטאַנען, אַז ווי נאָר נחמיה וועט אַרויס פון אַבידאָס, וועט ער דערציילן אויף זיי וואָס אין דער קאָרט שטייט; און אַ מער געפערלעכן קעגנער ווי נחמיה איז גאָר שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, בפרט נאָך, אַז שבתי אַליין האָט אים פריער אַזוי שטאַרק פאַרלויבט און גערימט.

עס איז דעריבער געבליבן איין אויסוועג: אָפּראַמען נחמיהן פון וועג. געווים וואָלטן זיך די שבתי=צביניקעס אין זייער פאַנאַ=טיזם ניט אָפּגעשטעלט פאַר די ערגסטע מיטלען; האָט זיך אָבער נחמיה אַרויסגעריסן פונעם משיחס שלאָס און אַנטלאָפן קיין אַדריאַנאָפּאָל, וואו עס איז געזעסן דער סולטאַן. צי פון נקמה וועגן, צי דערפאַר, ווייל ער האָט אויך דאָרט מורא געהאַט פאַר אַן אונ=טערגעשיקטן מערדער, נאָר נחמיה האָט זיך באַשלאָסן אויף אַ פאַר=צווייפלטן טריט: ער האָט אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן (אָדער ווי יידן האָבן דאָס גערופן: „ער האָט אָנגעטאָן דעם טורבאַן"), האָט זיך דערשלאָגן צום קאַימאַקאַם און אים אויסדערציילט גענוי וועגן שבתי=צבי, וועגן זיינע פלענער, וועגן די טויזנטער געסט וואָס קומען צו אים. דער קאַימאַקאַם איז געווען פאַרוואונדערט, וואָס די רעגירונגס=באַאַמטע פון אַבידאָס האָבן וועגן דעם אַלעמען קיין באַ=ריכטן ניט צוגעשיקט. האָט נחמיה געגעבן אָנצוהערעניש, אַז מסתמא האָבן די דאָרטיקע באַאַמטע ביי דער גאַנצער זאַך אָפּגעלעקט אַ ביינדל.

דער קאַימאַקאַם האָט אַליין ניט געוואָלט באַשליסן אין אַזאַ וויכטיקן ענין און פאָרגעשטעלט נחמיהן פאַרן סולטאַן מאַכמעד דעם

פערטן. די עצה־געבער פון סולטאַן האָבן נאָך איצטער אויך מורא געהאַט פאַר צו שאַרפע מיטלען: ניט נאָר יידן, נאָר אַפילו טערקן האָבן געגלייבט אין שבתים משיחות, און צו שטאַרקע פאַרפאָלגונ־גען וואָלטן געקענט אַרויסרופן אַ רעוואָלוציאָנערע מהומה. איינער פון די גייסטלעכע, דער מופטי וואַני, האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל פּרוּוון אַריבערציען שבתין צום מאַכמעדאַנישן גלויבן, און די עצה איז געפעלן געוואָרן, ווייל אַלע האָבן איינגעזען, אַז דאָס וועט געבן אַ מיגלעכקייט צו מאַכן אַ סוף צו דער גאַנצער באַוועגונג אָן גרויס טומל.

עס איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אַן עקסטרע שליח קיין אַבי־דאָס, וואָס זאָל ברענגען שבתין קיין אַדריאַנאָפּאָל. ס׳איז אַ־ראָפּ־גלאַטער, איידער די טערקן גופא האָבן זיך געריכט; די יידן וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט פאַר שבתים שלאָס און אין די פּאָדערצי־מערן האָט מען צוטריבן, און שבתי אַליין האָט אָן שום ווידער־שטאַנד איינגעשטימט מיטצופאָרן. אפשר האָט ער נאָר געמיינט אַז דער סולטאַן רופט אים, כדי אים אָפּצוגעבן כבוד; אָבער ס׳קען זיין, אַז ער האָט זיך אַזוי ווי אַלעמאָל פאַרלאָזן אויף ניסים.

ביים הויף פון סולטאַן איז געווען אַ לייב־דאָקטאָר, גווידאָן, אַ געוועזענער ייד. צו אים האָט מען אָפּגעפירט שבתין, ווען מען האָט אים געבראַכט קיין אַדריאַנאָפּאָל. גווידאָן האָט אים אויסגע־מאָלט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע שטראָף עס וואַרט אויף אים; מען וועט אים אויסטון נאַקעט, בינדן די הענט אויפן רוקן, און מיט ברענענדיקע שטורקאַצן וועט מען אים טרייבן דורך די גאַסן, ביז וואַנען ער וועט פאַלן אָן כוחות. נאָר איין עצה איז דאָ צו דעם: ער זאָל אָננעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן; יעמאָלט וועט איינ־געשטילט ווערן דעם סולטאַנס כעס.

ווער קען זאָגן, וואָס עס איז יעמאָלט פאָרגעקומען אין שבתים נשמה? צי האָט ער זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה? צי איז די מורא פאַרן טויט געווען אין אים שטאַרקער, איידער דער גלויבן אין זיין געטלעכער שליחות? אָדער אפשר האָט ער אָנגע־נומען, אַז די כפירה, וואָס מען לייגט אים פאָר, איז אויך ניט מער ווי איינער פון די נסיונות וואָס גאָט האָט אָנגעגרייט פאַר

משיחן? אַן ענטפער אויף די פראַגן אויפן גרונד פון פאַקטן איז ניט מעגלעך; דער סוד פון יענער אַנטשיידנדיקער שעה וועט שוין בלייבן פאַרהוילן אויף אייביק: מען קען זיך בלויז משער זיין אַהער אָדער אַהין.

שבתי־צבי האָט אָנגענומען גווידאָנס עצה.

אויף מאָרגן האָט מען אים געבראַכט פאַרן סולטאַן. דאָס איז געווען דעם 14טן סעפּטעמבער (13 טעג אין אלול) 1666.

געווים איז דעם הערשערס האַרץ אויך ניט געווען רויִק. ער האָט געזען, אַז אַ זון פון אַ יידישן מעקלער האָט אָן ביקסן און האַרמאַטן, אָן וועלנער און באַאַמטע, צוגעצויגן צו זיך די הערצער פון אַ גאַנצן פאָלק, און יעדער איינער פון זיינע אָנהענגער וועט אַוועקגעבן זיין לעבן פאַרן משיח, ניט איבערפרעגנדיק דאָס אַנ־דערע וואָרט. ער האָט געזען, אַז אויך אַ סך טערקן האַלטן פון שבתים געטלעכער שליחות. יעדער מוסולמענער גלייבט, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען גאָט וועט לעבעדיק מאַכן די טויטע און זעצן זיך משפּטן די אומגלייביקע; עס איז דעריבער פאַרן סולטאַן גופא ניט געווען אויסגעשלאָסן, אַז עס איז אָנגעקומען דער „אחרית הימים", די לעצטע טעג פון דער ערדישער וועלט.

ווען שבתי־צבי איז אַריין אין דעם זאַל, וואו דער סולטאַן האָט אויף אים געוואַרט, זיינען אַלע דערבייִיקע אויפגעציטערט געוואָרן; אַפילו אין אומגליק איז נאָך דעם משיחס געשטאַלט גע־ווען געגנוג איינדריקלעך. אָבער שבתי־צבי האָט שוין ניט געקלערט וועגן עקשנות. ער האָט אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד זיין יידישע הוט, אַ באַדינער האָט אים דערלאַנגט אַ טורבאַן, און ער האָט אים אָנגעטון אויפן קאָפּ; דערנאָך האָט ער אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ גרינעם טערקישן מלבוש, אָנשטאָט דעם שוואַרצן, וועלכן ער האָט געטראָגן [1]. דערביי האָט ער אויסגעשריען צום סולטאַן: „היינט איז דער ערשטער טאָג פון מיין לעבן. דיין פאָלק איז מיין פאָלק, דיין גאָט איז מיין גאָט, דיין תורה איז מיין תורה, דיין אמונה איז מיין אמונה!"

---

1 שבתים קעגנער האָבן איבערגעגעבן, אַז ווען ער האָט אויסגעטאָן זיינע ברייטע יידישע פלודערן, האָט מען געפונען אין זיי עטלעכע פונט געבעקס.

אָט אַזוי איז שבתי־צבי געוואָרן אַ מאַכעמדאַנער. דער סול־טאַן האָט אים געגעבן אַ נאָמען מאַכמעד עפענדי[1] און אים באַשטימט פאַר אַ „טיר־היטער" אין זיין פּאַלאַץ. דאָס איז געווען אַ גרויסער כבוד און האָט געטראָגן ניט קיין קליינעם געהאַלט. אַגב איז דערמיט באַוואָרנט געוואָרן, אַז שבתי וועט שוין ניט פאַר־לאָזן דעם קיניגלעכן פּאַלאַץ.

שרה, דעם משיחס ווייב, האָט נאָכנעטאָן דעם מאַנס ביי־שפּיל און אויך אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. זי האָט באַ־קומען דעם נאָמען פאַטמאַ קאַדין, און די סולטאַנין האָט איר געגעבן רייכע מתנות. פאַראַן אַ ידיעה, אַז מען האָט גענייט שבתין צו נעמען נאָך אַ פרוי פון צווישן דעם סולטאַנס שקלאַפינס, כדי מקיים צו זיין די מאַכמעדאַנישע מצווה פון פילווייבעריי.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט שבתי געשריבן צו זיינע ברי־דער קיין סמירנע:

„... גאָט, געלויבט איז זיין נאָמען, האָט מיך געמאַכט פאַר אַ טערק. פון מיר אייער ברודער מאַכמעד קאַפּיגי באַשי אָטאָ־ראָק[2]. ער (גאָט) האָט געזאָגט, און ס׳ איז געשען; ער האָט גע־הייסן און ס׳איז געוואָרן. 24 טעג אין אלול, אין דעם ניינטן טאָג זינט איך בין באַנייט געוואָרן לויט זיין ווילן".

עטלעכע פון שבתים וויכטיקסטע חסידים זיינען אויך גע־וואָרן מאַכמעדאַנער.

כה

נאָך שבתים אַוועקגיין

דער סולטאַן האָט נאָך געהאַט ברעה צו באַשטראָפן די יידן פאַר זייער צוגעבונדנקייט צום פאַלשן משיח און געשיקט אַ באַפעל צום פּאַשאַ אין סמירנע, אַז ער זאָל אין אַ באַשטימטן טאָג אויסקוי־לענען אַלע יידן; דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ ספּעציעלע נקמה אין דער שטאָט, וואו שבתי איז געבוירן געוואָרן און גרויס געוואָרן.

1 עפענדי איז דער טייטש האַר, שררה.

2 דאָס הייסט: טיר־היטער.

דער פּאַשאַ האָט שטילערהייט אָנגעזאָגט וועגן דער גזרה די פּאָר־שטייער פון דער יידישער קהילה, און זיי האָבן אַוועקגעשיקט אַ דעפּוטאַציע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. די שלוחים האָבן געפּועלט, אַז די שווערע שטראָף זאָל אָפּגערופן ווערן; מען האָט דעם סול־טאַן געמאַכט גלייבן, אַז יידן זיינען נאָר געווען די פאַרפירטע. האָט זיך אָבער דער סולטאַן איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז לאָזן טייטן די פופ־ציק גרעסטע רבנים — צוויי פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צוועלף פון סמירנע און צוויי און צוואַנציק פון די אַנדערע טערקישע קהילות — דערפאַר, וואָס זיי האָבן ניט געוואָרנט באַצייטנס דעם עולם. נאָר ס'האָט זיך אַריינגעמישט דעם סולטאַנס מוטער, און מען האָט די גזרה אויך אָפּגעשריען. אַפילו קיין געלט־קנס האָט מען ניט גענו־מען. יידן פלעגן דערנאָך כסדר זאָגן, אַז זיי זיינען געראַטעוועט געוואָרן דורך אַ נס מן השמים.

נחמיה כהן, דער וואָס האָט געבראַכט צום אומגליק, איז גאָר אינגיכן נעלם געוואָרן פון טערקיי, און מען ווייס נאָך ביז היינט ניט אויף קלאָר, וואו ער איז אַהינגעקומען. מ'שמועסט, אַז ער איז אַנטלאָפן קיין פוילן און דאָרט געמאַכט זיך ניט ווויסנדיק פון דער גאַנצער מעשה: ער זאָל האָבן דאָרט געלעבט און געשטאָרבן ערגעץ ווי אַ פרומער ייד. אַנדערע מיינען, אַז ער האָט זיך אַליין אויסגעגעבן פאַר משיח בן יוסף. יעדנפאַלס האָט ער זיך אויף אַ האָר ניט באַרימט מיט זיין ראָלע אין שבתי־צבים דורכפאַל און בכלל ניט פאַרשפּרייט קיין ידיעות וועגן שבתים אַוועקגיין פון יידישקייט.

ניט אַזוי גיך איז דער ברייטער עולם אָנהענגער געוואויר געוואָרן וואָס דאָ איז געשען. אין אַבידאָס גופא האָט מען געשמו־עסט, בשעת דער סולטאַנס שליח איז געקומען נאָך שבתין, אַז איצט ווערט מקוים די נבואה: דער משיח גייט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַראָפּנעמען ביים סולטאַן די קרוין. פון טאָג צו טאָג האָט מען פיבערדיק געוואַרט אויף גוטע בשורות פון דער הויפּטשטאָט. אין אַנדערע ערטער האָט מען ניט געוואוסט, אַז שבתי־צבי איז שוין ניט אין „מגדל עוז“. צוויי וואָכן נאָך דעם משיחס אַריבערגיין צום איסלאַם האָבן די ישיבה־בחורים פון דער גרעסטער ישיבה אין

אַמסטערדאַם געשיקט צו שבתין אַ בריוו, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן מיט די ווערטער: „צו אונזער האַר און קיניג, דעם אמתן משיח". אַגב, דער ישיבה גופא האָט מען געהאַט אַ נאָמען געגעבן לכבוד משיחן, „ישועות משיחא" (די ישועות פונעם משיח). די פאָרשטייער פון דער פּאָרטוגעזישער קהילה אין אַמסטערדאַם, מיטן רב מוסאַפיאַ אין דער שפּיץ, האָבן באַשלאָסן צו שיקן צום משיח אַ ספּעציעלן בריוו און האָבן אים טאַקע אַוועקגעשיקט. דער אָנהייב האָט זיך געלייענט אַזוי: „צום קיניג פון די קיניגן, צום משיח פון גאָט פון יעקב, צום מלך און אויסלייזער. מיר בעטן געבן אונז צו וויסן, צי זאָלן מיר זיך תּיכּף אַ לאָז טון צום הויז פון אונזער גאָט [1] אָדער מיר זאָלן וואַרטן ביז וואַנען דו וועסט אונז הייסן".
אין האַמבורג האָט מען אַ מאָנאַט נאָך דער כּפּירה גאָרניט געוואוסט, און יום־כּפּור האָט מען ניט ווייניקער ווי פינף מאָל שבתין מי־שבּרך געמאַכט. פון איטאַליע איז נאָך געקומען אַ דעלע־גאַציע קיין אַבידאָס אין חשוון מאָנאַט, דאָס הייסט צוויי חדשים נאָך שבתים אַריבערגייז צום איסלאַם.

כו

די תּירוצים

ווען די ידיעה וועגן שבתים אָפּטרעטן פון יידישקייט איז אָבער פאָרט פאַרשפּרייט געוואָרן, האָט צווישן זיינע אָנהענגער אויסגע־בראָכן אַ צעמישונג. סטייטש, דער משיח אַליין זאָל פעלשן אין דער אמונה פון זיין גאָט! די קענער פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג, די „כּופרים", וואָס פריער האָבן זיי זיך ניט דערוועגט דעם קאָפּ אויפ־צוהייבן, זיינען איצטער שטאַרק געוואָרן. אין עטלעכע קהילות האָבן די רבנים זיך גאָר געמוזט אָננעמען פאַר שבתים אָנהענגער: זיי האָבן געסטראַשעט מיט חרם יעדערן, ווער עס וועט אָנרירן אַ געוועזענעם שבתי־צביניק מיט ווערטער אָדער מעשים.

1 קיין ירושלים.

אָבער ווי נאָר עס איז אַריבער דער איינדרוק פונעם ערשטן דונערקלאַפּ, זיינען די אָנהענגער געקומען צו זיך. ניין, האָבן זיי זיך געזאָגט, עס קען ניט געמאָלט זיין, אַז אַלצדינג זאָל זיין געווען פּשוט אַ פאַרבלענדעניש. אַלע סימנים האָבן דאָך עדות געזאָגט, אַז משיח מוז מאַקע קומען, און שבתי־צבי האָט דאָך באַוויזן אַזוי פיל מופתים, אַז ער איז דער אמתער משיח! אפשר איז זיין אָנ־נעמען די טערקישע אמונה אויך מערניט אַ נייער נסיון? מענטשן האָבן פיינט מודה צו זיין, אַז זייער אידעאַל האָט זיי אָפּגע־נאַרט; איידער זיי וועלן אָנערקענען זייער טעות, וועלן זיי פריער אויסזוכן הונדערטער תירוצים, אַז זיי זיינען פאָרט געווען גערעכט.

אין דעם פאַל איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס שבתי־צבי האָט געהאַט אַרום זיך אַ גרויסע צאָל נאָענטע מענטשן און נביאים, און דער עולם האָט ביי זיי געמאָנט אַן ענטפער. סתם פאַרלייקע־נען זייערע פריערדיקע רייד האָבן זיי ניט געקענט, ווייל זיי וואָלטן דערמיט געשטעמפּלט פאַר ליגנער ניט נאָר זייער משיח, נאָר אויך זיך אַליין. האָבן זיי געזוכט פאַרענטפערס ווי וועמען עס איז אַריינ־געפאַלן אין זינען.

אברהם יכיני האָט געזאָגט:

„הס ושלום אַז דער משיח זאָל טון אַזאַ זאַך, ער זאָל אָפּ־טרעטן פון אונזער אמונה צום טערקס אמונה! מיר ווייסן דאָך וואויל, אַז ער האָט אויסגעלייזט פון גיהנום פיל טויזנטער נשמות און זיי געבראַכט אין גן־עדן אַריין. נאָכדעם איז ער געווען אין הימל און איז דאָרט געוואָרן אַ הערשער; נאָר ער האָט אַראָפּגע־שיקט אַ מלאך, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי ווי ער. אָט דער מלאך אין געשטאַלט פון שבתי־צבין האָט געטאָן גרויסע וואונדער אין דער פעסטונג „מגדל־עוז”. דערנאָך איז דער מלאך אַוועק צו־ריק אין הימל און האָט אַראָפּגעשיקט אַ שד מיט זיין ווייב, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שבתי־צבי מיט שרהן. אָט דער שד מיט זיין ווייב זיינען געוואָרן טערקן. שבתי־צבי אָבער איז אַצונד אין הימל און וועט זיך באַלד צו אונז באַווייזן, ער זאָל אונז אויסלייזן פונעם גלות”.

אַנדערע האָבן פאַרריכט, אַז שבתי געפינט זיך ניט אין הימל, נאָר ביי די צען שבטים הינטערן טייך סמבטיון, און באַלד וועט ער זיך אומקערן מיט מאַכט און פראַכט. ווידער אַנדערע האָבן געמיינט, אַז שבתי האָט נאָר אָנגעטאָן טערקישע מלבושים, און פון דאַנען נעמט זיך דער גאַנצער פאַלשער קלאַנג: אָבער אויב ער האָט שוין יאָ אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן, איז דאָס כדי צו ווערן חשוב ביים סולטאַן און אַרויסרייסן ביי אים די הערשאַפט...

עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין באַווייזן צו דערקלערן שבתים אַוועקגיין פון יידישקייט לויט קבלה. נתן העזתי, וועלכער איז די גאַנצע צייט וואָס שבתי איז געזעסן אין אַבידאָס געווען אין ארץ־ישראל און דאָרטן געהאַט גרויס כבוד פון יידן, איז איצטער אַוועק קיין סמירנע, און פון אונטערוועגנס האָט ער פונאַנדערגעשיקט בריוו צו פאַרשיידענע יידישע קהילות, זיי זאָלן ניט פאַרלירן דעם מוט און דעם גלויבן, ווייל אין דעם משיחס אויפפירן זיך שטעקן טיפע סודות און כוונות. וואָס און ווען האָט ער ניט געזאָגט; דערפאַר האָט זיך געלאָזט הערן „דער גרויסער סופר", שמואל פרימאָ, מיט אַזעלכע רייד:

אַלץ איז געשען אַזוי ווי עס האָט געמוזט געשען. גראָד דאָס אַריבערגיין צו דער טערקישער אמונה באַווייזט, אַז שבתי איז דער אמתער משיח. ס׳איז דאָס אייגענע ווי מיט משה רבינו. בשעת משה איז געווען ביי פרעהם הויף, האָט ער זיך אויך פאַרשטעלט פאַר אַ מצרי; אַזוי זיצט איצט שבתי־צבי צווישן די טערקן, לפנים וועגן זינדיק, נאָר אין דער אמתן ריין און פרום. די גאולה וועט קומען דעמאָלט, ווען אַלע פונקען (ניצוצות) פון גוטס וועלן זיין אויסגעלייזט און צונויפגענומען. אָבער אַזוינע פונקען פון גוטס זיינען פאַראַן אַפילו צווישן די ניט־יידן; און זיצנדיק צווישן די טערקן וועט שבתי־צבי צונויפנעמען דאָס גוטס וואָס איז באַהאַלטן אין זייערע נשמות. הייסט עס מיט זיין אַוועקגיין אויף אַ ווײלע פון יידישקייט דערנענטערט שבתי־צבי די ענדגילטיקע אויסלייזונג.

נתן העזתי האָט אויך אָנגענומען די דערקלערונג. אין סמירנע איז ער געבליבן ניט לאַנג און אַוועק קיין טערקיי; ער האָט גע־

האַט בדעה צו לאָזן זיך קיין אַדריאַנאָפּאָל און צו זען זיך מיטן משיח. אויף אַלע טענות און ספקות פון די אַרומיקע האָט ער גע־האַט איין ענטפער: נאָך איז דאָס יאָר ניט געענדיקט, ביז ראש־השנה קענען נאָך מקוים ווערן אַלע האָפענונגען. פריער האָט ער צוגעזאָגט, אַז דער גרויסער נס וועט געשען אום שבועות (1667), דערנאָך האָט ער ווייטער אָפּגעלייגט אויף אַ ווײַלע.

כז

די באַוועגונג גייט ווייטער

די צווייפלער האָבן געטייטלט מיט די פינגער: איר זעט, איין טערמין נאָכן צווייטן גייט פאַרביי, און משיח איז נאָך אַלץ ניטאָ; צי זעט איר ניט, אַז שבתי־צבי האָט אייך גענאַרט? אָבער די גלייביקע האָבן דאָס ניט געוואָלט הערן. אמונה קערט איבער בערג, זאָגט די וועלט, און ווער עס גלייבט, דער וועט שוין אַלע־מאָל געפינען אויף יעדער טענה צען ענטפערס; אַ מענטשלעכע נשמה קען מען גאָר ניט שאַצן. פאַרפאָלגונגען, חרמות האָבן אויך ניט געווירקט. פאַרקערט, אַ באַוועגונג וואָס ווערט גערודפט גיט אַרויס פון זיך מאַרטירער, און די מאַרטירער באַגייסטערן נאָך מער די אַנדערע אָנהענגער.

נתן העזתי איז אַוועק קיין איטאַליע, און דאָ האָט ער גע־פונען די באַוועגונג אין אַזאַ צושטאַנד, אַז זיין האַרץ האָט זיך גע־פרייט. צווישן ווענעציע און טערקיי איז דעמאָלט געגאַנגען אַ מלחמה, האָבן די טערקן ניט דורכגעלאָזן קיין שום קריסטלעכע שיפן. אויף אַזאַ אופן זיינען קיין איטאַליע אַ לאַנגע צייט ניט אָנגעקומען קיין ידיעות וועגן דעם משיח, און שבתי־צבים אָנהענגער האָבן דעריבער געקענט דערציילן וועגן זייער האַר אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט. פון מצרים האָט דער גביר רפאל־יוסף געשריבן זיי גוטע בריוו, און עס האָבן זיך פאַרשפּרייט מערקווערדיקע קלאַנגען וועגן שבתי־צבים גרויסקייט און אָנגעזעענקייט ביים סולטאַן. אַחוץ די פריערדיקע שבתי־צביניקעס האָבן זיך נאָך איצט אַראָפּגעלאָזן קיין איטאַליע

פיל אָנהענגער זיינע פון אַנדערע לענדער. דאָ האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אַ שטיינער צוויי פירער פון די אַמסטערדאַמער פּאָרטוגעזן, יצחק נהר און אברהם פּערייראַ, וואָס זיינען געפאָרן צום משיח און זיי האָבן זיך צוליב דער מלחמה געמוזט פאַרהאַלטן אינ־מיטן וועג; פון גריכנלאַנד איז אַראָפּגעקומען דער מגיד שבתי־רפאל, איינער פון שבתי־צבים וויכטיקסטע נביאים; ענדלעך איז געקומען צו פאָרן נתן העזתי אַליין. די רבנים פון ווענעציע האָבן געצוואונ־גען נתנען אונטערצושרייבן אַ פּאַפּיר, אַז אַלע זיינע נביאות וועגן דעם משיח זיינען שווינדל, און מען האָט דאָס אָפּגעדרוקט; אָבער אַפילו דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן. גלויבן און לאָגישע באַווייזן זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן.

אין דער צייט — פרילינג 1668 — איז שבתי־צבי (אָדער מאַכמעד־עפענדי, ווי מען דאַרף אים שוין איצטער רופן) ווידער געוואָרן רירעוודיקער. די ערשטע מאָנאַטן נאָך זיין אָפּטרעטן פון יידישקייט איז ער געווען אָפּגעהיט: געלערנט ביים מופטי די מאַכ־מעדאַנישע רעליגיע און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז וואָס געווען איז פאַרגעסן אויף אייביק. אָבער ביסלעכווייז איז דער חשד אַנטקעגן אים געוואָרן שוואַכער. זיין מוח, וואָס איז געווען געשליפן אויף די סודות פון קבלה און דעם פּלפּול פון דער גמרא, האָט גרינג באַנומען דעם גערעאַנקען־גאַנג פון דער נייער אמונה, און מען גיט איבער, אַז ווען שבתי פלעגט נעמען טייטשן דעם מופטים רייד לויט קבלה, פלעגט אַפילו דער סולטאַן אַליין צוהערן מיטן גרעסטן חשק. פּסח 1668 האָבן זיינע תלמידים פאַרשפּרייט די בשורה, אַז אויף שבתין האָט איבעראַניים גערוט דער רוח־הקודש. דעמאָלט איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ געהיימנישפולער ספר (אַנדערע מיינען, אַז שבתי אַליין איז דער מחבר) וואָס הייבט זיך אָן אַזוי: „הערט אויס, איר הייליקע מענער, מענער פון אמת, וואָס זיינען פול מיט רחמים אויף יידן! זייט וויסן, אַז אין דער נאַכט פון פּסח 5428 (1668) האָט גאָט ברוך־הוא באַוויליקט צו לאָזן רוען די שכינה אויפן אמתן גואל אונזער האַר און קיניג דעם משיח". שבתי־צבי, איז גע־שטאַנען אין דעם ספר, איז געווען און בלייבט דער אמתער אויס־לייזער. ער וואָלט גאַנץ גרינג געקענט תיכף באַווייזן זיין גאַנצע

גבורה; אָבער יידן זיינען זינדיק, און דעריבער וואָלטן זיי געמוזט אויסשטיין שרעקלעכע משיח=ווייען; ליידט ער בעסער אַליין, און דערמיט קומט ער אָפּ פאַר כלל־ישראל.

נאָך אַנדערע רייד האָט שבתי=צבי גערעדט פאַרן סולטאַן. דאָ פלעגט ער זאָגן, אַז ער וויל זיך צוריק דערנעענטערן צו די יידן, כדי זיי אַלעמען אַריבערצוציען צום איסלאַם. האָט מען אים ערלויבט זיך צו זען מיט יידן, און מען האָט אים אַפילו געלאָזן זאָגן דרשות אין בתי=מדרשים אין אַדריאַנאָפּאָל.

אָט אַזוי איז שבתי=צבי געווען אַ האַלבער ייד און אַ האַלבער מאַכמעדאַנער, און צוזאַמען מיט אים אַ סך אָנהענגער זיינע. דער שאַרפער גרענעץ צווישן די צוויי רעליגיעס איז אָפּגעמעקט געוואָרן, און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע יידיש=מאַכמעדאַנישע סעקטע.

כח

אַברהם קאַרדאָזאָ

ווי לעבנספעיִק די באַוועגונג איז נאָך געווען אין יענער צייט, נאָך אַזוי פיל דורכפאַלן, זעט מען אַרויס דערפון, וואָס איר איז צוגעקומען אַ שטאַרקער פריידיקער און פּראָפּאַגאַטאָר, דער דאָקטאָר אברהם קאַרדאָזאָ.

געשטאַמט האָט קאַרדאָזאָ פון פּאָרטוגאַל. זיינע עלטערן זיינען געוואָרן קריסטן, בשעת מען האָט יידן אַרויסגעטריבן פון לאַנד, און זיי זיינען געבליבן דאָרטן וואוינען. נאָר אין צוויי אור=אייניקלעך האָט זיך דערוועקט דאָס פּינטעלע ייד. פערנאַנדאָ און מיגעל (מיכאל) האָבן ביידע שטודירט מעדיצין אין מאַדריד, און דער יינגערער האָט נאָך מיט מער חשק שטודירט די קונסט פון ליבע. נאָר ווען זיי זיינען עלטער געוואָרן, האָבן זיי ביידע אויסגעוואַנדערט קיין איטאַליע — אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל איז פאַר יידן קיין אָרט ניט געווען — און האָבן זיך אין ווענעציע מגייר געווען. פערנאַנדאָ האָט זיך אָנגעהויבן רופן יצחק, און פון מיגעל קאַרדאָזאָ איז געוואָרן אברהם=מיכאל. אָט ער איז דאָס געוואָרן אַ מעכטיקע זייל פון שבתי=צבים באַוועגונג.

מיט קבלה האָט ער זיך קענטיק פאַראינטערעסירט נאָך אין ליוואָרנאָ, וואו ער איז אַריינגעפאַלן אין דעם קרייז פון די שבתי-צביניקעס. פון דאָרטן איז ער אַוועק קיין טריפּאָלים, צפון-אַפריקע, וואו ער איז געווען לייב-דאָקטאָר ביים דאָרטיקן מאַכמעדאַנישן הערשער. ער האָט כסדר געהאַט זעאונגען וועגן משיחן און שבתי-צבין, און זיין באַגייסטערונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו זיינע בני-בית האָבן זיך אָנגענומען דערמיט און אָנגעהויבן זען חלומות אויף דער וואָר. קאַרדאָזאָס ראָלע איז גרויס געוואָרן דווקא נאָך שבתיס אַוועקגיין פון יידנטום: ער האָט אויפגעוויזן אין זיינע שריפטן און דרשות, אַז שבתי איז געווען גערעכט, ווייל ער האָט גענומען אויף זיך אָפּצוקומען צווישן די פרעמדע פאַר די זינד פון גאַנצן פאָלק. קאַרדאָזאָ איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער, און חוץ דעם האָט ער געהאַט נאָך אַ מעלה אַנטקעגן אַלע אַנדערע „נביאים": ער האָט געהאַט אַן אייראָפּעישע בילדונג. דעריבער האָט ער געווירקט אויך אויף אַזעלכע מענטשן, וואָס זיינען פריער געווען סקעפּטיש, און האָט צוגעצויגן צום משיח אַ סך נייע אָנהענגער. ווען די קעגנער פון דער באַוועגונג האָבן געפּועלט ביי דער רעגירונג, מען זאָל קאַרדאָזאָן פאַרטרייבן פון טריפּאָלים, האָט ער אָנגעהויבן פירן אַ נע-ונד-לעבן. מען האָט אים געטראָפן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אויף די גריכישע אינזלען, אין קאַיראָ, און אומעטום האָט ער געהאַלטן דרשות וועגן שבתי-צבים משיחות.

פונקט ווי אין מזרח האָט זיך אויך אין דער מערבדיקער וועלט די באַוועגונג ניט איבערגעריסן. שבתי-רפאל איז אַוועק פון איטאַליע, האָט ער איבערגעטראָגן זיין טעטיקייט קיין דרום-דייטשלאַנד, וואו ער האָט געשטאַרקט די שבתי-צביניקעס אין זייער אמונה. דערנאָך איז ער אַוועק קיין האָלאַנד, פון דאָרטן קיין האַמבורג, און אַפילו דאָ האָט ער געהאַט ערפאָלג, כאָטש דאָ איז געזעסן דער הויפּט פון דער גאַנצער אַנטי-שבתישער ריכטונג, דער רב יעקב סאַספּאָרטאַס. ענדלעך האָט סאַספּאָרטאַס זיך דערשלאָגן, מען זאָל דעם נביא פאַרטרייבן פון דער שטאָט — איז ער אַוועק קיין פּוילן. דאָרטן איז ער געווען ווייט ניט דער איינציקער מעלדער פון שבתים געטלעכקייט.

כט

שבתי-צבים לעצטע טעג

שבתי-צבי אַליין האָט אַ פּנים ניט געוואוסט וועגן דעם, וואָס זיינע אָנהענגער און נביאים טוען אין דער ברייטער וועלט. ער איז דעריבער ווידער געוואָרן גרעסער ביי זיך און אַלץ מער זיך אומגעפירט מיט יידן, אָבער עס איז אַ ספק, צי האָט ער נאָך גע-האַט אַ קלאָרן ציל פאַר די אויגן. מען גיט איבער, אַז צייטנווייז פלעגט ער לעסטערן די יידישע אמונה מיט די שאַרפסטע ווערטער, דערנאָך ווידער פלעגט ער מיט זיינע חסידים אָפּריכטן תפילות לויט אַלטע מנהגים, זינגען קאַפּיטלעך תהלים און לערנען זוהר.

קיין זיכערע ידיעות וועגן דעם אויסלאָז פון זיין לעבן ווי-נען ניטאָ. ס'ווערט איבערגעגעבן, אַז ווען זיין ווייב שרה איז אים אָפּ-געשטאָרבן, האָט ער גענומען די טאָכטער פון אַ גרויסן למדן, ר' יוסף פילוסוף פון סאַלאָניק. די רבנים האָבן דעם ר' יוסף אַריינ-געלייגט אין חרם, אָבער אים האָט דאָס ניט געאַרט: ער איז גע-ווען שבתי-צבים אָנהענגער, איז ער אַריבער צום איסלאַם פונקט ווי זיין משיח.

ס'איז ניט אויפגעקלערט ביז היינטיקן טאָג, פאַרוואָס דער סולטאַן האָט געוואָרפן אַן אומחן אויף שבתין. טייל זאָגן, אַז ווען די רבנים האָבן געזען, אַז צו אים איז גאָר קיין מיטל ניטאָ, האָבן זיי אים פאַרמסרט ביים סולטאַן. אַנדערע גיבן איבער, אַז די טערקישע רעגירונג האָט זיך מיאש אין געווען אים, ווייל ער האָט אַריבערגעצויגן צום איסלאַם ניט מער ווי אַ קליינע צאָל יידן. איינ-מאָל האָבן אים טערקישע וואַכלייט געפּאַקט אין אַ דאָרף לעבן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, בשעת ער האָט געזונגען קאַפּיטלעך תהלים מיט זיינע אָנהענגער. ווען דער הויפּט פון די וואַכלייט האָט וועגן דעם געמאָלדן, האָט דער גרויסוויזיר אַרויסגעגעבן אַ שטרענגען באַפעל: מען זאָל שבתין אַרעסטירן און אַוועקפירן אין אַ קליינשטעטל דולטשיניאָ, ביים אַדריאַטישן ים (היינט איז דאָס יוגאָסלאַוויע), ווייט פון אַ יידישן ישוב. דאָרטן צווישן קריסטן האָט שבתי-צבי אָפּגעלעבט אונטער אַ שטרענגער וואַך איינזאַם און פאַרלאָזן די

לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. בלויז זיין פרוי האָט באַקומען אַן ער־לויבעניש צו קומען צו אים צו גאַסט.

שבתי־צבי איז אַוועקגעשטאָרבן אום יום־כיפור 1676, אין על־טער פון פופציק יאָר. דאָרטן גופא, אין דולטשיניאָ, האָבן אים די קריסטן געבראַכט צו קבורה.

ל

דער אויסלאָז

די ליבשאַפט צום משיח און דער פאַרלאַנג פון גאולה זיי־נען געווען שטאַרקער אַפילו ווי דער טויט. אויב מען האָט פריער געפונען דערקלערונגען אויף שבתי־צבים שטרויכלעניש, איז איצטער ניט שווער געווען אויסצוטייטשן אויך זיין טויט: פאַר דעם מקובל איז דער טויט ניט קיין סוף פון אַ מענטשנס עקסיסטענץ, ס׳איז בלויז דער איבערגאַנג צו אַן אַנדער צושטאַנד. און עס איז שוין קיין ספק ניט געווען, אַז שבתי־צבי איז נאָר אויף אַ ווײַלע אַוועקגעגאַנ־גען פון דער וועלט, אינגיכן וועט ער זיך אומקערן; אַזוי ווי משה רבינו איז געווען פערציק טעג אויפן הימל, אַזוי איז איצטער שבתי־צבי אַרויף אויפן הימל און וועט דאָרטן אָפּזיין פערציק יאָר. נאָך די פערציק יאָר וועט שוין געווים קומען די גאולה.

מיר וועלן זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין אַן אויספירלעכער שילדערונג פון דער שבתי־צביִישער באַוועגונג נאָך שבתים טויט; דאָס וואָלט אונז אַוועקגעפירט צו ווייט. אָבער אַ פּאָר ווערטער מוזן וועגן דעם געזאָגט ווערן.

אויפן באַלקאַנישן האַלב־אינזל לעבט נאָך ביז היינט אַ סעקטע „דענמע“, וואָס פאַר דער וועלט גיבן זיי זיך אויס פאַר עכטע מאַכמעדאַנער, נאָר אין דער אמתן האַלטן זיי זיך שטרענג אָפּגע־שלאָסן און טוען שידוכים נאָר צווישן זיך. דער עיקר פון זייער אמונה איז: „ניטאָ קיין גאָט אויסער גאָט, און שבתי־צבי איז זיין נביא“ 1. זייערע הייליקסטע ספרים זיינען שיר־השירים און תהלים,

1 להיפוך צו דער מאַכמעדאַנישער דאָגמע: „ניטאָ קיין גאָט אויסער גאָט, און מאַכמעד איז זיין נביא“.

זייער גרעסטער יום=טוב איז תשעה=באָב, שבתי=צבים געבוירנסטאָג. מען זאָגט, אַז אין סאַלאָניק אַליין זיינען פאַראַן ביז פיר טויזנט מיטגלידער פון דער סעקטע (זיי אַליין רופן זיך „חברים"). גענוי קען מען דאָס ניט געוואויר ווערן, ווייל כאָטש מען לאָזט זיי איצ= טער פריי מקיים זיין זייער גלויבן, זיינען די שבתי=צביניקעם זיי= ער אומצוטרוילעך צו פרעמדע מענטשן.

אין מיטלאייראָפּע האָבן זיך די הערצער און מוחות אויך ניט באַרויִקט אַזוי גיך. נאָך אַ יאָר זעכציק נאָך שבתים טויט זיי= נען איבער אונגאַרן, מערן און פוילן אַרומגעפאָרן משולחים, מגידים און שטראָפּער, וואָס פלעגן אומעטום צוציען גוואַלדיקע מאַסן צו= הערער. מען האָט געזאָגט דעם עולם, אַז פּונקט ווי משה רבינו איז אַוועק אין הימל אויף פערציק טעג, אַזוי איז שבתי=צבי אַוועק אַהין אויף פערציק יאָר; עס וועט איבערגיין די צייט, וועלן יידן אויפהערן בלאָנדזשען אין אַ גייסטיקער מדבר: שבתי=צבי דער משיח וועט זיך אומקערן צו זיין פאָלק און אויסלייזן עס פון גלות.

דער גלויבן אין שבתין איז פריער געווען אַזוי פעסט, אַז אַפילו די וואָס האָבן זיך שוין ניט געריכט אויף דער גאולה האָבן אים אויך ניט באַשולדיקט אין שווינדל. שבתי, האָט מען געהאַלטן, האָט טאַקע געהאַט אין זיך דעם כוח. נאָר יידן זיינען געווען זינדיק, און איבער זייערע זינד האָבן זיי ניט זוכה געווען צו דער= זען משיחן אין זייער דור.

שפּעטער, ווען דאָס פייער פון דער שבתי=צבי=באַוועגונג איז אויסגעגאַנגען, איז די ריכטונג אויך ניט פאַרפאַלן געוואָרן אָן אַ שפור. עס האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון איר נייע צוויי באַוועגונגען, וואָס איינע פון זיי האָט אויפגעטרייסלט דאָס יידישע לעבן אין 18טן יאָרהונדערט און די צווייטע ווירקט נאָך אַפילו ביז היינט. די ערשטע איז דער פראַנקיזם, וואָס האָט זיך אין זיין טעאָריע בפירוש אָנגעשפּאַרט אויף שבתין; די צווייטע איז — די חסידות. צי מען וויל צי מען וויל ניט: די חסידות איז אויך אַ שפּראָץ פון דער שבתי=צבייִשער באַוועגונג, כאָטש דער בעש"ט (בעל שם טוב), דער באַגרינדער פון חסידות, איז געוויס ניט געווען געראָטן אין שבתי=צבין.

מיר פאַרשפּאָרן צו מאַכן ברייטע אויספירן פון דער געשיכטע פון דעם מערקווערדיקן סמירנער יידן. זאָל זיין, אַז ווענן איינציקע פּרטים פון זיין לעבן און ווירקן גייען זיך די געלערנטע פונאַנדער, אָבער דער אַלגעמיינער גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג און טעטיקייט איז אַזוי קלאָר, אַז יעדער לייענער וועט גלייך אָפּשאַצן אָט די אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקייט. בלויז אַ פּאָר ווערטער וועלן קלעקן.

יאָ, שבתי־צבי איז געווים געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע פּערזענלעכקייט. קיינער וועט היינט ניט מסכּים זיין מיטן גרויסן גרעץ (וואָס ער האָט אַגב דער ערשטער אויף אַ וויסנשאַפטלעכן שטייגער אויסגעפאָרשט אַלע מאַטעריאַלן וועגן שבתי־צבי און זיין באַוועגונג), אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ שווינדלער. קיינמאָל וואָלט אַ באַוואוסטזיניקער שווינדלער ניט געקענט אַוועקשטעלן אויף די פיס אַ וועלט מיט מענטשן און מאַכן ציטערן פאַר זיך די מאַכטהאָבער. עס איז אויך אוממיגלעך זיך פאָרצושטעלן, ווי אַנדערע טוען דאָס, אַז שבתי אַליין איז געווען אַ קליין מענטשל, מערניט די אַרומיקע האָבן אים גרויס געמאַכט. געווים איז ריכטיק, אַז די צייט איז געווען אַן אויפגערעגטע און עס האָט זיך ממש געבעטן אַ משיח; אָבער ווען שבתי־צבי זאָל ניט געווען האָבן אין זיך עפּעס באַזונדערע איבערמעסיקע מעלות, טאָ פאַרוואָס האָבן אַלע יידן גענומען גלייבן מיט נתן העזתי, אַז נאָר „הוא ולא אחר" (ער און ניט קיין אַנדערער)? פאַרוואָס האָט מען ניט געקריינט פאַר משיח דעם זעלביקן נתנען אָדער שמואל פּרימאָ אָדער רפאל־יוספן אָדער וועמען עס איז אַן אַנדערן?

ניין, ניטאָ וואָס צו ריידן: די צייט איז טאַקע געווען אַ גינציקע, אַניט וואָלט דער גרעסטער גאון געבליבן אָפּהענטיק; אָבער די צייט אַליין דערקלערט נאָך ניט אַלץ. דער ענין פון שבתי־צבי איז ניט נאָר אַ היסטאָרישער, נאָר אויך אַ פּסיכאָלאָגישער: עס איז די אַלטע פראַגע וועגן העלד און עולם, וועגן דער כּשופדיקער ווירקונג פון דער גרויסער פּערזענלעכקייט אויף דער ברייטער מאַסע.

צי איז שבתי־צבי געווען אַ *פאַלשער* משיח? אייב מען זאָל אים משפּטן לויט זיין סוף, דאַן געווים: ער האָט דאָך יידן

ניט אויסגעלייזט אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט. אָבער וואָס הייסט אַן אמתער משיח? צי קען אַן אמתער משיח בכלל געמאָלט זיין? יעדנפאַלס האָבן מיר נאָך אַזאַ ניט געזען. אין אַזאַ משיח קען מען נאָר גלייבן.

אָט אַזוי בלייבט שבתי=צבים פיגור אַרומגערינגלט מיט סודות און ספקות. אָבער דערפאַר איז קלאָר דאָס בילד פון יידישן פאָלק אין יענער צייט. פאַרוואָס האָבן מענטשן פאַרגעטערט שבתין? דערויף זאָל מען קיין קשיות ניט פרעגן און געווים ניט לאַכן פון די נאַיווע אָנהענגער זיינע. עס איז נעבעך געווען אַזוי שלעכט אויפן האַרצן, אַז עס האָט זיך געוואָלט געפינען אַן אָנשפאַר. אָבער וואונדערן דאַרף מען זיך אויף אַן אַנדער זאַך: אויף דער מערקווערדיקער לעבנספעיקייט פון יידישן פאָלק. אַזאַ מין צעשטערנדיקן שטורעמווינט האָבן יידן איבערגעטראָגן, און פונדעסטוועגן זיינען מיר ניט צעריבן געוואָרן, נאָר פאַרקערט: מיר האָבן זיך באַלד אין די נאָענטסטע יאָרהונדערטער אויפגעהויבן אַ היפש שטיקל וועגס באַרג אַרויף.

קדושים אין אַמאָליקן פּוילן

א

די נעמען

ווען אַ ייד רעדט וועגן אינקוויזיציע, קלערט ער וועגן שפּאַניע. דאָרטן האָט מען אונז געבּרענט און געבּראָטן לויטן בּאַפעל פון די רשעיא, וואָס האָבּן קאַלטבּלוטיק געהרגעט מענטשן ווי די פליגן, דאָרטן האָט דאָס דער גרויזאַמער טאָרקוועמאַדאַ אויף אייבּיק אַריינגעשריבּן זיין נאָמען אין דער געשיכטע פון האַרצלאָזיקייט און פּייניקעריי. ווען מיר גיבּן אָבּער אַ קוק אויף דער געשיכטע פון יידן אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע, זעען מיר, אַז די פרומע שפּאַניער, וואָס האָבּן געבּרענט די לייבּער פון די אַפּיקורסים אויף צו ערן דעם גאָט פון ליבּע און רחמנות, זיינען גאָרניט געווען קיין אויסנאַם. די יידן זיינען אַרויסגעטריבּן געוואָרן פון שפּאַניע אין 1492, אין דעם זעלבּיקן יאָר ווען אַמעריקע איז אויפגעדעקט געוואָרן, און פון דעמאָלט אָן האָבּן די פאַרפאָלגונגען אויף אונז אויפגעהערט דאָרט, ווייל עס איז שוין ניט געווען וועמען צו פאַרפאָלגן. אין אַנדערע לענדער האָבּן נאָך די שייטערהויפנס געבּרענט אַ צוויי הונדערט יאָר שפּעטער, און ווען מיר לייענען וועגן די יסורים, וואָס מען האָט אָנגעטאָן די אומגליקלעכע פאַרמשפּטע, גלייבּט זיך אונז ניט, אַז די שפּאַנישע אינקוויזיציע האָט געקענט זיין נאָך גרויזאַמער, נאָך אוממענטשלעכער.

מאָ פאַרוואָס דען האָט דווקא שפּאַניע זוכה געווען צו בּלייבּן אין זכרון בּיי יידן און בּיי אַלע קעמפער קעגן בּאַרבּאַריזם? מסתמא ניט צוליבּ די פאַרפאָלגונגען, נאָר צוליבּ דער גראַנדיעזער קאַטאַסטראָפע, מיט וועלכע די אינקוויזיציע האָט פאַרענדיקט איר מערדערישע שפּיל. אַז מען זאָל עטלעכע הונדערט טויזנט יידן מיט איינמאָל אַרויסטרייבּן פון אַ לאַנד, דאָס איז טאַקע ניט געשען ניט

פריער און ניט שפעטער. מיט דעם האָט זיך שפאַניע איינגעקויפט איר מיאוסן נאָמען אין דער וועלט; אָבער אין דעם פרט פון אכזריות קען זי אָנווייזן אויף גאַנץ גענוג קאָנקורענטן. נאָך אין יאָר 1670, ווייסן מיר, איז אַ ייד רפאל-לוי פאַרמשפט געוואָרן צום טויט און פאַרברענט געוואָרן אין דער שטאָט מעץ אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט גערויבט און געטייט אַ קריסטלעך קינד פון דריי יאָר. דאָס איז געווען אין פראַנקרייך. אַ באַזונ-דערס גרויסע צאָל אַזעלכע בלוטיקע קרבנות האָבן מיר אין זי-בעצנטן יאָרהונדערט צו פאַרצייכענען אין פוילן.

איך רייד דאָ ניט וועגן די מאַסן-שחיטות אויף יידן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער צייט פון כמעלניצקים קאַמפן און פון דער רוסיש-פוילישער מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן צו-ליב דעם קאָזאַקישן אויפשטאַנד. איך האָב אין זינען די איינצל-נע פאַלן פון באַשולדיקונגען און בלבולים, וועלכע זיינען אפשר נאָך שרעקלעכער (כאָטש די צאָל געליטענע איז קלענער), ווייל דאָ ווילדעוועט שוין ניט די צעבושעוועטע מאַסע, נאָר די אינטע-ליגענטע פירער, די אַדמיניסטראַציע און דער געריכט.

די פאָרשער פון דער יידישער געשיכטע האָבן זיך שוין אָפּ-געשטעלט אויף דער גרויסער קייט פון די אינדיווידועלע פאַרפאָל-גונגען, וואָס האָבן זיך אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט אַ שאָט גע-טאָן אויף די פוילישע יידן. עס האָבן אַ שטייגער געשריבן וועגן דעם יוסף פערלעס (וועגן דעם פויזנער בלבול פון 1696, לויט אַ קונטרס פון דער אַלטער פויזנער שול)[1], ס. בערשאַדסקי (לויט פוילישע אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן)[2], ש. דובנאָוו (לויט אַ קונטרס פון דער שול אין פינטשעוו)[3]. אויף אַזאַ אופן איז אויפגעקליבן געוואָרן מאַטעריאַל וועגן דעם פראָצעס פון אַ יידן נ ח ו ם (1576), וועגן די גרויסע לובלינער פראָצעסן פון 1598 און 1636 (דעם ערשטן מאָל ד ר י י קרבנות, דעם צווייטן מאָל א י י נ ע ר), וועגן

1 „מאָנאַטסשריפט פיר געשיכטע אונד וויסענשאַפט דעם יודענטומס", 1864, ז' 458 א״וו.

2 „ספּאָריננאַיע סרעדסטוואָ" אין „וואָסכאָד", 1894, נומ' 1, 9, 11 און 12.

3 „איסטאָרישעסקיאַ סאָאָבשטשעניאַ", „וואָסכאָד", 1895, נומ' 1 און 2.

די פּראָצעסן אין צוויזמער[4] (1605 און 1698), לענטשיץ (1639, צווי קרבנות), און אַזוי ווייטער. אויך פון 18טן יאָרהונדערט זײַ=נען באַוואוסט גאַנצע פינף פּראָצעסן, וואו מען האָט געמשפּט יידן אונטער דער באַשולדיקונג, אַז זיי ניצן קריסטלעך בלוט.

פאַראַן אָבער רייכע מקורים פאַר דער תקופה, וואָס זיינען נאָך פון אונזערע היסטאָריקער אינגאַנצן ניט אויסגענוצט געוואָרן. דאָס זיינען די היסטאָרישע לידער אין יידיש. בלויז פון יענע לידער, וואָס זיינען אויפגעהיט אין דער באָדלעיאַנאַ=ביבליאָ=טעק אין אָקספאָרד, קען מען אויפשטעלן אַ צעטל פון ניט ווייני=קער ווי פופצן יידן, וואָס זיינען אין פאַרשיידענע ערטער פון פּוילן אומקומען אויף קידוש=השם פון מיטן ביזן סוף 17טן יאָר=הונדערט. וועגן די אַלע פּראָצעסן איז גאָרניט (אָדער גלייך ווי גאָרניט) געשריבן געוואָרן, אַחוץ וועגן דעם פּויזנער בלבול, ביי וועלכן יידן זיינען אָפּגעקומען מיט שרעק.

אָט זיינען די נעמען וואָס איך האָב צונויפגענומען:

1 אברהם פון ווילנע.
2 אברהם בר' יהודה פון לובלין.
3 אברהם פון מאָשציסק.
4 בנימין=וואָלף בר' נפתלי פון לוקאָוו.
5 יהודה בר' אהרן פון פּערעמיסלע.
6 יחזקאל פון ווילנע.
7 משה פון ווילנע.
8 מתית פון קראָקע.
9 נחמן בר' נתן פון מאַקאָוו.
10 פּנחס בר' משה פון טאָמאַשאָוו.
11 פּנחס=זעליק בר' יעקב פון לוקאָוו.
12 שכנא פון קראָקע.
13 שלמה פון קשעשוו.
14 שמואל=זאַנוויל בר' צבי=הירש פון ניישטאָט.

חוץ דעם איז נאָך אומגעקומען, צוזאַמען מיט ר' אברהמען פון מאָשציסק, אַ נאָמענלעך ניט באַקענטע יידישע פרוי.

4 פּויליש Sandomierz.

היסטאָרישע לידער זיינען אין פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער גע־ווען זייער אַ באַליבטער ליטעראַרישער זשאַנר, אין יידיש פונקט ווי אין אַנדערע שפּראַכן.

קיין צייטונגען אין היינטיקן זין זיינען נאָך דעמאָלט ניט גע־ווען, אָבער עס איז געווען פונקט אַזוי ווי היינט דער חשק צו אינפאָרמירן די וועלט וועגן וויכטיקע פּאַסירונגען. וועגן אַ גזרה, אַ שרפה, אַ גירוש, אַ בלבול פלעגט מען שרייבן ניט קיין טעלע־גראַמען און ניט קיין לייט־אַרטיקלען, נאָר אַ ליד, צו זינגען מיט אַ ניגון, וועלכן מען פלעגט איבערנעמען פון אַן אַנדער ליד, וואָס איז שוין געווען באַוואוסט פון פריער. אַזאַ ליד פלעגט מען אָפּ־דרוקן און פאַרשפּרייטן, און אין אַ קורצער צייט אַרום פלעגט מען שוין דאָס זינגען אומעטום, ביז וואַנען עס פלעגט קומען אַ נייע צרה און אַרויסשטופּן דאָס געדעכעניש פון דער אַלטער. אַנדערע מחברים פלעגן שאַפן ניט קיין ליד, נאָר אַ פּשוטע דערציילונג, אָבער לויטן גוסט פון דער צייט האָט אַפילו אַ באַריכט געדאַרפט זיין געגראַמט, און אַזוי זיינען צושטאַנדגעקומען פאַרשיידענע ווערק־לעך, וואָס זייער פאָרם קענען מיר אַנדערש ניט אָנרופן ווי געגראַמטע פּראָזע. זיי פלעגן שוין ניט געזונגען ווערן, נאָר רע־טשיטירט ווערן, מסתּמא מיט אַ מין קינה־מעסיקן ניגון.

אַזעלכע פאַרשיידענע לידער און דערציילונגען האָבן זיך אויפגעהיט צווישן די אוצרות פון דער אָקספאָרדער ביבליאָטעק, וועלכע איז די רייכסטע אין דער גאַנצער וועלט מיט יקר־המציאותן פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. ביז איצט האָט מען כּמעט קיין אַכט ניט געלייגט אויף די דאָזיקע קליינטשינקע ביכלעך. די חכמי־ישראל (און אַפילו שטיינשניידער אַליין, וואָס האָט צונויפגעשטעלט דעם פולן העברעיש־יידישן קאַטאַלאָג פון דער באָדלעיאַנאַ) האָבן ניט נעהאַט דעם געהעריקן אינטערעס פאַר דעם מין שריפטן. זיי האָבן ווינציק וואָס געהאַלטן פון אונז מזרח־יידן, וואָס מיר קענען אַפילו רעכט דייטש ניט ריידן, און ממילא האָט זיי ניט שטאַרק אינטערעסירט דאָס וואָס עס איז שייך צו אונזער געשיכטע. זיי האָט מער געצויגן דער גלאַנץ פון דער יידיש־אַראַ־בישער תקופה אין שפּאַניע, די ראָלע פון יידן אין דער אייראָפּעי־

שער ליטעראַטור פון מיטלעלטער. הײנט װאָס פאַר אַ װערדע קענען נאָך האָבן לידער װאָס זײנען געשריבן ניט אין לשון־קודש און ניט אין דײטש, נאָר אויף פּראָסט „יידיש־טײטש״?

ערשט װען בײ די „יידישע״ יידן האָט זיך דערװעקט דער אינטערעס צו זײער אײגענער פאַרגאַנגענהײט, האָט מען דערזען, אַז אויך די היסטאָרישע לידער (װאָס זײער צאָל דערגײט אַזש ביז הונדערט) האָבן אַ גרויסן װערט, און ניט נאָר פאַר דעם פאָרשער פון ליטעראַטור, נאָר אויך פאַר דעם היסטאָריקער. אויף פאַקטן, װאָס זײנען אונז שוין באַװאוסט פון אַנדערע מקורים, געפינען מיר דאָ תמיד אַ נײע באַלויכטונג; אָפטמאָל גיבן אונז די שילדערונגען פון אונזערע לידער אַן אָנװײז צו זוכן װײטער אין אַנדערע מאַטעריאַלן; און טײלמאָל טרעפט אַפילו[1], אַז דאָס יידישע ליד איז געבליבן דער אײנציקער עדות פון אַ היסטאָרישער איבערלעבונג.

אין דער דאָזיקער אַרבעט װעט צום ערשטן מאָל געמאַכט װערן אַ פּרוּװ צו סיסטעמאַטיזירן דעם אין יידיש־געשריבענעם מאַטעריאַל װעגן די יידישע קדושים אין פּוילן אין דער צװײטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט. דערמיט איז נאָך געװײנטלעך ניט פאַרענדיקט די אויפגאַבע. מען דאַרף נאָך אַרויסזוכן ענלעכע באַריכטן פון דער העברעישער ליטעראַטור פון יענער צײט, און דער עיקר דאַרף מען לויט די דאָ געבראַכטע נעמען און סימנים געפינען די אַקטן פון די פּראָצעסן אין די פּ ו י ל י ש ע מ ל ו כ י ש ע אַ ר כ י װ ן. לויט יענע אָפיציעלע מאַטעריאַלן, איבערהויפּט לויט די אַקטן פון לובלינער טריבונאַל, װעט זיך אײנגעבן פעסטצושטעלן די דאַטעס און אַ סך װיטיקע אומשטאַנדן, אויף װעלכע די מחברים פון די יידישע לידער האָבן קײן אַכט ניט געלײגט.

װי װיכטיק עס איז אַזאַ קאָנגזײטיקע דערגאַנצונג פון יידישע און ניט יידישע מאַטעריאַלן, װײזן אונז די פריער דערמאָנטע אַרטיקלען פון בערשאַדסקין און דובנאָװן. בײדע שילדערן טײלװײז די נעמלעכע פאַקטן, נאָר אײנער איז זיך סומך אויף מלוכישע אַרכיװ־אַקטן, דער צװײטער אויפן װײגעשרײ פון יידן.

1 אַ שטײגער מיט דעם ליד װעגן די װילנער קדושים, װאָס װערט באַהאַנדלט װײטער אונטן.

נענויערע ידיעות געפינען מיר אין אונזערע לידער וועגן די דריי ווילנער קדושים (1, 6, 7), וועגן שלמה פון קשעשוּוו (13), אברהם פון מאָשציסק (3), מתית פון קראָקע (8), פּנחס פון טאָ־מאַשאָוו (10) און שכנא פון קראָקע (12).

ב

ר׳ אברהם פון מאָשציסק

אַן אַנאָנים ביכל, אָן אַן אָנווייז וועגן צייט און אָרט פון דרוק. לויט שטיינשניידערן, וועלכער האָט עס אַריינגענומען אין זיין באָדלעיאַנאַ־קאַטאַלאָג אונטער נומ׳ 4030, איז עס נעדרוקט געוואָרן צווישן 1666—1692; עס וועט שפּעטער ניט זיין שווער זיך אָנצושטויסן, פון וואַנען נעמט זיך אָט די סברא.

די גרייס פון דעם ביכל איז 14,2 אויף 8 צענטימעטער. ס׳איז זייער אָרעם אַרויסגעגעבן, אַפילו קיין שער־בלאַט איז ניטאָ. באַלד די ערשטע זייט אויבן הייבט זיך אָן מיטן טיטל:

קידוש השם המיוחד של ר׳ מתית ור׳
פנחס ור׳ אברהם זכותם יעמוד לנו
במדינות פולין

און תיכף גייט אַוועק דער טעקסט אויף דרייאונצוואַנציק זייטן; די פיראונצוואַנציקסטע זייט איז אַ ווייסע.

דער אָנהייב:

„איר ליבן פרומן לייט דאז ביכל האב איך אן גברייטי פון קדושים וטהורים טוט עז ביטייטן׳ עז איז איין גרושה רפואה די לייטן׳ דער דרינן ווערט לייאנן אונ ווערט זעהן׳ דאז שפיכות דם קדושים וטהורים דז דא איז גשעהן׳ דער ווערט (מתבודד על לבו) זיין אונ ווערט זיך נעמן אין זיין זין איניין׳ וואז דאז קאן גזיין דז דאז זענן (חסידים מפורסמים) גוועזן׳ אונ זענן פון דען ביטרן טוט ניט ווארן גנעזן׳ ווערט אך אידרר דאש אן זייני זינד העננן׳ און זייני זינד פר גאט יתברך שמו בקעננן׳ אונ ער ווערט גאט יתברך

שמו (בתשובה נכונה) פלייסיק בעטן׳ און פון זייני זינד פשיטא אב טרעטן״ [1].

ווען עס איז געשען דאָס אומגליק מיט ר׳ אברהמען, איז בפירוש ניט אָנגעוויזן; דער מחבר זאָגט אונז אָבער, אַז דאָס האָט פּאַסירט אין דעם יאָר, ווען אַלע האָבן זיך געריכט אויף דער אויסלייזונג; דאַרף מען משער זיין, אַז ס׳איז 1666, דאָס יאָר, ווען שבתי־צבי האָט געקלונגען איבער דער וועלט און יידן האָבן געמיינט, אַז אָט־אָט קומט משיח.

אַזאַ איש חשוב ווי ר׳ אברהם, דערציילט אונז דער שרייבער, איז ניט געווען אויף דער וועלט. ער האָט זיך קונה עולם־הבא געווען ביי זיין לעבן דערמיט וואָס ער האָט געגעבן צו עסן אָרי־מעלייט און אורחים: ער פלעגט איטלעכן פּאַרטרעטן דעם וועג און אים אַריינבעטן צו זיך אין הויז. זיין גערעדנק איז נאָר געשטאַ־נען אויף מצוות: „אַן אָרימע בתולה אויסצונעבן, דאָס איז געווען זיין לעבן... מיט ערלים אַז מיט יהודים האָט ער זיך גוט פּאַר־האַלטן, מיט די יונגען אַז מיט די אַלטן״, און אויך ביי זיין פּריץ איז ער געווען באַליבט.

דאָס האָט אים אָבער ניט פּאַרהיט פון אַן „עלילת שקר לחם הגואל״. מען האָט געכאַפּט אַ גנב, וואָס האָט גענומען די הייליקע כלים פון אַ קלויסטער. דאָס איז געווען אַ גוטע געלעגנ־הייט צו מאַכן אַ בלבול אויף יידן, און מען האָט אָנגערעדט דעם גנב, ער זאָל זאָגן, אַז דאָס האָבן אים יידן געהייסן באַגנבענען דעם קלוי־סטער, ווייל זיי דאַרפן האָבן דאָס הייליקע ברויט, וואָס איז לויטן קריסטלעכן גלויבן דעם דערלייזער יעזוסעס קערפּער. מען האָט דעם גנב מבטיח געווען, אַז אויב ער וועט טון ווי מען הייסט אים, וועט מען אים באַפרייען און נאָך געבן פיל געלט. האָט ער אָנגע־רופן דעם נאָמען פון ר׳ אברהמען און פון נאָך אַ יידענע, וואָס האָט געוואוינט ביי אים אָדער געפירט מיט אים מסחר. מען האָט

---

1 מיר זעען, אַז אין דעם פּאַל האָבן מיר צו טון נים מיט אַ ליד אין איינגעטלעכן זינען, וואָס דאַרף געזונגען ווערן, נאָר מיט געגראַמטער פּראָזע. דאָ ווערט געגעבן דער טעקסט פּינקטלעך אות באות; ווייטער זיינען די ציטאַטעס געבראַכט מיט אונזער הייגטיקן אויסלייג, סיידן עס איז ספּעציעל אָנגעוויזן אַנדערש.

זיי ביידן אַריינגעזעצט אין תּפיסה. אין דער לעצטער מינוט האָט זיך דער גנב אַרומגעזען, אַז מען האָט אים אָפּגענאַרט: מען האָט באַשלאָסן אים פאַרט צו טייטן, כּדי ער זאָל דערנאָך ניט חרטה האָבן אויף זיינע רייד. אָבער ווען מען האָט אים געפירט פאַר־ברענען, איז שוין געווען צו שפּעט; קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיינע געשרייען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען גענומען צו דער עינוי די פרומע יידענע. מען האָט געגעבן דעם תּלין פריער גוט צו טרינקען, כּדי ער זאָל זיך באַגיין מיט איר שטרענגער. מער ווי צוויי שעה האָט מען זי געפּייניקט — געבראָכן די געלענקען, געברענט זי מיט ליכט און אַלץ געהייסן, זי זאָל דערציילן „דעם גאַנצן אמת”. די פרו־מע פרוי האָט זיי געענטפערט: וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך פאַרשטיי דאָך אייער מיין, אַז איר קלערט נאָר אויס אויף אונז שקרים. אָבער גאָט וועט אייך דאָס ניט פאַרגעסן, איר וועט באַקומען אייער לוין אויף יענער וועלט. זיי האָבן ווייטער ביי איר געפרעגט: אפשר האָט דיין באַלעבאָס, ר׳ אברהם, דיר אָנגערעדט? זאָג אונז אויס, וועלן מיר דיך אָפּלאָזן, צו אים וועלן מיר זיך שוין נעמען, אומזיסט פאַרלאָזט ער זיך אויף זיין פּריץ, אַז יענער וועט אים באַשיצן.

די פרוי האָט אָבער ניט אָפּגעטראָטן פון איר רייד, און מען האָט זי אָפּגעפירט צוריק אין טורמע מיט גאָרנישט. פון דאָרטן האָט זי געפונען אַ מיגלעכקייט איבערצוגעבן ר׳ אברהמען וועגן דעם פּלאַן קעגן אים. ער האָט אַלץ געמיינט, אַז ער איז זי־כער מיטן פּריץ; אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין פאַר־זיכערונג איז געווען אַ פאַלשע.

ווען מען האָט דעם משפּט לסוף געבראַכט פאַרן טריבונאַל, איז אַרויס אויף דער פרוי דער פּסק, מען זאָל זי „בראָטן פון ווייטן”, יעמאָלט וועט זי זיך שוין מודה זיין. מען האָט זי אַרויס־געפירט צום פּסק־פּלאַץ ביי דער ליכטיקער שיין פון טאָג און אָפּגעשטעלט זיך ביי איטלעכער טיר, כּדי אַלע זאָלן אויף איר קוקן.

אין מיטן מאַרק האָט מען זי צוגעבונדן צו אַ קלאָץ מיט די פיס און די הענט, מיטן פּנים צום קלאָץ און מיטן רוקן צו לייטן;

און אַ ביסל ווייטער האָט מען אָנגעצונדן דעם שייטערהויפן. „זי האָט זיך געטאָן ברענען בראָטן און גענזענע גריבן", שרייבט דער פאַרפאַסער. דערנאָך האָט מען זי אומגעקערט מיטן פּנים צום פייער, נאַקעט ווי די מאַמע האָט זי געהאַט, ווייל דאָס העמד איז שוין לאַנג געווען אָפּגעסמאַליעט. מען האָט אַלץ געוואַרט, זי זאָל זיך מודה זיין אויף דער קלויסטער-גנבה, אָבער אָנשטאָט דעם האָבן זיך פון איר מויל געשאָטן זלזולים: איר ניט-גוטע, גרויסע פּיין און ליידן זאָלן אויף אייך קומען! ווי דערלאָזט איר דאָס, דער גאַנצער עולם זאָל אָנקוקן אַ נאַקעטע אשה![1] טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, נאָר לאָזט ניט אַזוי שטיין אַ פרוי! האָט בושה פאַר גאָט!

אָבער זיי האָבן ניט געאַכט אויף אירע רייד. די צנועה האָט זיך אַזוי לאַנג געקערט און געווענדט, געריסן און געדרייט, ביז זי האָט אַרויסבאַקומען אירע הענט. האָט זי אָפּגעבונדן אירע שטריק און זיך מיט אימפּעט אַ וואָרף געטאָן אין דעם גרויסן פייער אַריין; איידער די נשמה איז איר אַרויס, האָט זי נאָך באַוויזן מיט אירע אייגענע הענט אַרויפצושאַרן אויף זיך די קוילן, כדי זי זאָל גיכער פאַרברענט ווערן.

תיכף נאָכדעם איז אָנגעקומען צו ר׳ אַברהמס פּריץ אַן אויפפאָדערונג[2] פון טריבונאַל, אַז ער זאָל אַרויסגעבן דעם יידן, אַניט וועט זיין אייגנס קאָנפיסקירט ווערן און ער אַליין וועט אי-בערגעגעבן ווערן צום געריכט. דער פּריץ איז געווען שטאַרק אין כעס אויף די שטאָטלייט, וואָס האָבן צו דעם אונטערגעהעצט, אָבער ער האָט זיך דערשראָקן און נאָכגעגעבן. קעגן זיין ווילן האָט ער געהייסן תפסענען רב אַברהמען, און מען האָט אים גע-בראַכט אַ געפאַנגענעם קיין לובלין.

מען האָט אים אַרויפגעזעצט אין ראָטהויז, און ער האָט

---

1 צי דערמאָנט איר זיך ניט דערביי אין דעם בילד פון דעם מיידל אין פּרצעס „דריי מתנות"? מען האָט זי געדאַרפט שלעפּן דורך די גאַסן צוגעבונדן צום עק פון אַ פערד, און זי האָט זיך אויסגעבעטן פאַר אַ גנאָד בלויז אַ פּאָר שפּילקעס אויף צו פאַרשפּיליען איר קלייד...

2 אין אָריגינאַל שטייט: „הזמנה".

דערפון, זאָגט דער פּראָפעסער פון דעם ליד, געהאַט גרויס שמחה, ווייל ער האָט זיך אַלץ געשראָקן, יידן זאָל אים ניט אַריינפירן אין דער „אונטערשטער תּפיסה", ווענן וועלכער מען האָט דער־ציילט שרעקלעכע זאַכן. ער האָט פאַר דער תּפיסה מער מורא געהאַט ווי פאַרן טויט, און בשעת מען האָט אים אַרויסגע־פירט פון שטוב האָט ער געבעטן, יידן זאָל געבן אַ סך געלט, אַבי מען זאָל אים ניט האַלטן אין דער אונטערשטער תּפיסה; צום סוף איז דאָס געשען פון זיך אַליין, אָן קיינעמס בקשה. אַהער אין ראָטהויז, וואו ער איז געזעסן, האָט מען אָפט געקענט קומען אים געוואויר־ווערן, און אַ סך יידן זיינען טאַקע געקומען. יעדערער וואָלט פאַר אים אָפּגעגעבן זיין געזונט; מען וואָלט ווער ווייס ווי־פיל געלט אויסגעבראַכט אויף צו ראַטעווען אים, נאָר ער האָט אַלץ געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט, און זיך געגרייט צום טויט.

„עס וואָר געוועזן אין דיזער צייט, דאָס כל העולם האָבן געמיינט צו ווערן דערלייזט און דערפרייט; און דרום האָט ער אַזוי איין שמחה דאָס ער איז לקרבן וואָרן אָנגענגרייט". איך אַליין האָב פון אים געהערט, גיט איבער דער מחבר: ליבער גאָט, איך לויב דיך און איך דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך אויסגעקליבן פאַר אַ קרבן; איך האָב געמיינט, אַז איך בין דאָס ניט ווערט. הגם מיינע ליבע קינדערלעך ווערט פאַרשטערט זייער שמחה, דאָך איז גענוג פאַר מיר וואָס איך גיי פאַר אַ כּפּרה פאַר כּל־ישׂראל; דערי־בער אַרט מיך ניט, וואָס איך לאָז איבער ווייב און קינדער.

עס איז געקומען דער טאָג פון משפּט, ווען מען האָט פיר־גענומען דעם פרומען ר' אברהמען. די בעלי־משפּטים האָבן אים אָנ־געקוקט און געזאָגט: אַ שאָד אויף דיר, ביסט אַזאַ שיינער וואוק־פיקער מאַן; אויב דו וועסט אָפּטרעטן פון דיין אמונה, וועלן מיר פסקענען, אַז מען זאָל דיך ניט פאַרברענען, נאָר מען זאָל דיר אָנטון אַ גאַנץ גרינגן טויט, און יענע וועלט וועסטו דאַן אויך האָבן; האָט ער זיי געענטפערט: ליבע האַרן, איר מיט זיך גאָר אומזיסט, לאָזט בעסער אָפּ דערפון; אַפילו ווען מען זאָל מיינע אָדערן טרע־נען, וועל איך קיין אַנדער אמונה ניט דערקענען. איך הייס אברהם, כ'בין פון אברהם אבינוס ווימען, און זאָל מען מיר שוין טון מיין פסק.

דער באַשלוס איז נעווען, מען זאָל אים פאַרברענען. ווען ער האָט דאָס דערהערט, האָט ער נעבעטן, מען זאָל אים ברענגען אַ קרוג מעד צום טרינקען, און ער האָט געטאַנצט און געזוננען, וואָס מען האָט אים ניט באַשטימט קיין גרעסערע יסורים. ער האָט געהייסן אָנגרייטן אַ שיינעם קיטל, אַ טלית, אַ היטל, „דען מאָרגן וועט מען מיך צו מיין חתונה פירן; דרום קער איך מיך שיין און ריין צו צירן". איך בין זיך מתחתן מיט גאָר אַ גרויסן יחוס, דעריבער מוז איך מיך קליידן שיין און פיין. ווייב און קינדער האָט ער געהייסן אָנזאָגן, זיי זאָלן ניט טרויערן: אויב ער וועט זוכה זיין צו טרעטן פאַר גאָט, וועט ער בעטן פאַר זייערטוועגן.

עס איז אָנגעקומען דער מאָרגן. ער האָט אויסגעבעטן וואַרעם וואַסער און אַ ליילעך, כּדי ער זאָל זיך קענען גוט אַרומוואַשן. ער האָט זיך אָנגעטאָן אין ווייסן און זיך רויִק געזעגנט מיט אַלע, וואָס זיינען צו אים אַריינגעקומען. ווען מען האָט אים אַרויסגעפירט, איז נאָכגעגאַנגען אַ גוואַלדיקער עולם. די נלחים זיינען אים נאָכגעגאַנגען פון ביידע זייטן און אַלץ איינגערעדט, ער זאָל אָננעמען זייער גלויבן. נאָר ער האָט זיי קורץ געענטפערט: אייער מי און מאַטער איז אומזיסט, לאָזט מיך אָפּ און פאַרשטערט מיר ניט מיינע תּפילות.

ווען מען האָט אים געבראַכט צו דער „מערכה" [1], האָט ער ווידער געזאָגט: ליבע האַרן, וואָס זאָל איך מיך מיט אייך קריגן? אַדרבא, איך דאַנק אייך פאַר אייער פּסק. איך שפּיר ניט אין זיך קיין שום שולד, וואָס איר שפּילט מיט אונז אַזוי ווי קויל און קייגל [1]. נאָר פונדעסטוועגן נעם איך דעם טויט מיט פרייד, זאָל ער נאָר זיין אַ כּפּרה, אַז אויף מיינע ברידער זאָל ניט קומען לייד, אפשר איז נאָך ניט פאַרגעבן די זינד וואָס יידן האָבן געמאַכט דאָס נאָלדענע קאַלב, וועל איך זיין דערויף אַ כּפּרה.

מען האָט צוגעבונדן ר' אברהמען פון אויבן צום אָנגעגרייטן שייטער. דער תּלין האָט אים נאָך אַרומגעוויקלט דעם גאַנצן קער-

1 אַזוי איז אין סייל לידער דער טערמין פאַר „שייטערהויפן".

2 די קייגל-שפּיל באַשטייט אין דעם, וואָס מען וואַרפט מיט קוילן אין קייגלעך, כּדי זיי איבערצוקערן.

בּער מיט פּעך און אים אַריינגעלייגט פּולווער אין מויל, כּדי די יסורים זאָלן זיין גרעסער; אָבער גראָד דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט צום גוטן. זיין גוטס און זיין פרומקייט איז ר׳ אברהמען בייגעשטאַ־נען: תיכּף ווי מען האָט אָנגעצונדן דאָס פייער, איז ער תיכּף דערשטיקט געוואָרן און פריי געוואָרן אָן גרויסע עינוים.

עס קומט טאַקע אויס, אַז רב אברהם איז אַרויס מיט חסד, ווען מען הערט וועגן די פּייניקונגען, וואָס עס האָט געהאַט אויסצושטיין דער קדוש פּנחס פון טאָמאַשאָוו צוליב דער זעלביקער באַשולדי־קונג אין גנבענען דאָס הייליקע ברויט פון קלויסטער.

נ

ר׳ פּנחס פון טאָמאַשאָוו

וועגן אים דערציילט דאָס געמלעכע ביכל:

ר׳ פּנחס דער צדיק איז געזעסן אין טאָמאַשאָוו[2]. ער איז געוועזן אַזאַ פּרוש, אַז ער האָט ניט געהאַלטן פון טרינקען און עסן; רק ער האָט עוסק געווען אין תעניתים און סיגופים און געלערנט תורה. מען האָט אים קיינמאָל אויף דער גאַס ניט געזען, ער איז רק געזעסן בחדרי־חדרים און האָט כּל־ימיו ממש די וועלט ניט פריי אָנגעזען. עס איז גאָר ניטאָ די גוטע מעלה וואָס ער זאָל ניט האָבן געהאַט אין זיך.

קעגן ר׳ פּנחסן איז אויך דערוועקט געוואָרן אַזאַ „עלילת שקר לחם הגואל“. מען האָט אים גענומען אין תפיסה און אָנגע־הויבן פּייניקן נאָך איידער דער תלין האָט זיך צו אים צוגערירט. איינמאָל אין טאָג האָט מען אים געגעבן וואַסער און אַ שטיקל גראָב ברויט. געזעסן איז ער אין דער פינסטער אָן ליכט, אַזוי אַז ער האָט גאָרניט געקענט זען. קיין יידן האָט מען צו אים ניט צו־געלאָזן, ס׳האָט ניט געהאָלפן שוחד און בעטן. ראַצן און אומפּלייט זיי־

---

1 טאָמאַשאָוו לעבן לובלין אָדער טאָמאַשאָוו לעבן פּיעטריקאָוו? דערויף וואָלטן אפשר געקענט געבן אַן ענטפער די אַקטן.

בען אומגעקראָכן איבער דערקאַמער און אים אָנגעטאָן פּיין און שרעק. וויפיל מאָל האָבן אים די ראַצן אַראָפּגעריסן אין שלאָף די קאָלדרע און דאָס היטל פון קאָפּ, אַזוי אַז ער פלעגט אויפשפּרינגען האַלב אָן זינען. פאַרן טויט האָט ער געזאָגט, אַז די תּפיסה איז אים געוועזן ערגער איידער אַלע עינוים, מיט וועלכע מען האָט אים דערנאָך געפּלאָגט. מסתמא איז דאָס געווען אַזאַ מין „אונטערשטע תּפיסה" ווי די, פאַר וועלכער ר׳ אברהם האָט מורא געהאַט.

די שתדלנים האָבן געטאָן אַ סך מיטלען כּדי צו באַפרייען דעם פרומען מאַן. עס האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן, ווייל די זאַך איז שוין דערגאַנגען צו אַ העכערער אינסטאַנץ: פון טריבונאַל איז אָנגעקומען אַן אויפפאָדערונג [1], אַז די גאַנצע זאַך זאָל תּיכּף אַריבערגעטראָגן ווערן אַהין: עס האָט זיך געפונען אַ דינסטמיידל, וואָס האָט געמסרט אויף אים.

געשען איז דאָס אַזוי: מען האָט איר איינגערעדט, אַז זי זאָל בלייבן ביי איר באַשולדיקונג, וועט מען זי אַרויסלאָזן און זי רייך מאַכן; קענטיק דאָס איז געווען אַן אָנגענומענע מיטל אין קאַמף קעגן יידן. האָט זי זיך ביי דער עינוי אַלץ געהאַלטן ביי דעם וואָס מען האָט איר געהייסן: אַז ר׳ פּנחס איז שולדיק אין דער גנבה פון דעם הייליקן ברויט, און זי איז אויך געווען דערין באַטייליקט. דער שטאָטשרייבער האָט דאָס אַלצדינג פאַרשריבן, און דערנאָך האָט מען געפּסקנט, אַז ווייל זי האָט זיך אַליין מודה געווען אין איר פאַרברעך, זאָל מען זי טייטן. דאָס איז אַוועקגעשריבן געוואָרן צום טריבונאַל, וועלכער האָט דעם פּסק-דין אויף דעם דינסטמיידל באַשטעטיקט (זי איז טאַקע איבערגעגעבן געוואָרן צום תּלין) און דעם יידנס ענין אַרויסגעפאָדערט צו זיך. מען האָט אים באַלד אַ געשמידטן אין קייטן אַוועקגעשיקט קיין לובלין.

ווען ר׳ פּנחס האָט געמאָלדן ביים ערשטן פאַרהער, אַז ער ווייסט ניט פון קיין זאַך צו זאָגן, האָבן די ריכטער זיך נעקלערט: ווען מען וועט זיך נעמען דיך פּייניקן, וועסטו ריידן אַנדערע דיבורים.

1 דאָ נוצט דער מחבר דעם פּוילישן אויסדרוק „פּאָזעוו" (אויסלייג: „פּאָזעבֿ").

מען האָט אים אויסגעצויגן זיינע גלידער, אָנגעגליט אַ שין־אייזן[1], געבראָכן אים די נעלענקען און מיט דעם גליענדיקן אייזן געברענט אים זיין לייב. דערנאָך האָט מען אים אַריינגעשרויפט די גלידער צוריק אין די געלענקען; דאָס איז געווען די גרעסטע פּיין. נאָך דעם עינוי האָט מען אים אַ נאַקעטן אַריינגעוואָרפן אין מיסט, און ער איז געבליבן ליגן אָן אַ ברעקל כּוח.

ווען ער איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט מען אים פּונ־דאָסניי געבראַכט פאַרן געריכט. ער איז געבליבן ביי זיינס: אַז די באַשולדיקונג איז ליגן. האָבן זיי אים געפרעגט: ווי אַזוי האָסטו עס אַזאַ קופּערנעם שטערן צו זאָגן, אַז דאָס איז ליגן, וויבאַלד די דינסט האָט דאָך אַליין מודה געווען, אַז איר האָט זאַלבענאַנד אָפּ־געטאָן דעם פאַרברעך, און אַלץ איז פאַרשריבן? האָט ער געענט־פערט: ווען די שפחה זאָל געוועזן וויסן, אַז זי וועט מיט אירע רייד אומקומען פון דער וועלט, וואָלט זי געערעדט אַנדערש, נאָר מען האָט זי פאַרפירט מיט שקר, איז זי ביים שקר געבליבן; מען האָט איר צוגעזאָגט אַ סך געלט, און צום סוף האָט זי פאַרלוירן די וועלט און יענע וועלט.

ווען זיי האָבן געזען, אַז דער ייד וועט ניט אַראָפּגיין פון זיין וועג, האָבן זיי אים ווידער גענומען צו דער עינוי. עס איז אַרויס אַ נייער פּסק: מען זאָל אים ווייטער ברענען מיט אַ שין־אייזן; מען זאָל אים אָפּשערן אַלע האָר ביז איינס און אים געבן דאָס אויסטרינקען, און ער מוז דאָס אַראָפּשלינגען אינגאַנצן. דערנאָך זאָל מען אים איבערגעבן צום תּלין.

דער תּלין האָט אים גענומען, צוגעבונדן צו אַ קלאָץ מיט אַלע פיר און „אויסגעשפּאַנט", דאָס הייסט אַרומגעוויקלט אים אַרום דעם קלאָץ און אים אויסגעבויגן ווי אַ פייפלנבויגן, „דאָס זיינע בשרע ביינער האָבן אין אים טון קנאַקן". דערנאָך האָט ער אים גענו־מען ברענען מיט ליכט אונטער די הענט און אויף די פיס און אים ממש אויסגעברענט לעבער. דערביי האָט דער תּלין שרעקלעך געשריען אויף אים — אַזוי איז דאָס געווען אָנגענומען, כּדי די מורא

[1] שין-אייזן — אַ שטאַבע אייזן, פון וועלכער מען מאַכט רעדער־שינעס; איינער פון די מכשירים פון דעם עינוי-קעלער.

זאָל ווערן גרעסער — און אים געוויזן פון דערווייטנס גליענדיקע אייזנס, כדי אים נאָך מער אָנצושרעקן. ווען דער קדוש האָט אַלץ געשוויגן, האָט מען אים נאָך מיט די אייזנס אויך געבּרענט אַזוי, אַז שטיקער פלייש זיינען געפאַלן פון די בּיינער.

איצטער האָבּן זיי אויסגעטראַכט אַ נייע פּייניקונג: געמאַכט אַ פלאַסטער פון פעך, אַרויפגעלייגט דאָס דעם קדוש אויפן גאַנצן לייב בּיזן אַקן און געוואַרט, בּיז וואַנען דאָס האָט זיך גוט צוגע-קלעפּט צו די וואונדן; דערנאָך האָט מען אים אַנידערגעלייגט אויפן רוקן און דעם פלאַסטער אַראָפּגעריסן. מען האָט געריסן מיט אַזאַ אַכזריות, אַז דאָס בּלוט האָט זיך געגאָסן, דער קדוש האָט געשריען ווי אַ לייב. דערנאָך איז ער געבּליבּן פאַרחלשט און אַנטשוויגן געוואָרן.

נאָכדעם האָבּן זיי ווידער צוגעקלערט עפּעס נייס: געבּראַכט אייזערנע שטיוול מיט שרויפן און אָנגעהיצט זיי. מען האָט גענומען דעם קדושס הוילן פוס און אַריינגעשטופּט אין שטיוול און מיט די שרויפן גענומען איינדרייען דעם פוס. מיטן אַנדערן האָט מען אויך געטאָן דאָס אייגענע. דער קדוש האָט געשריען געוואַלד: די פיס זיינען געוואָרן ווי אויסגעבּאַקן, און די בּיינער האָבּן געקנאַקט פון די שרויפן.

אויף מאָרגן האָט מען גענומען אַ פור, אָנגעלייגט זי מיט פּעסער פעך, אַרויפגעזעצט אַהין דעם רב פּנחסן און אים אַוועקגע-פירט צו דער תליה, מען האָט אָנגעלייגט אַ גרויסן בּאַרג האָלץ, בּאַשאָטן די בּרעטער מיט פּולווער, כדי זיי זאָלן בּעסער בּרענען, און אינמיטן שייטערהויפן אַריינגעשלאָגן אַ שטאַרקע פּאַליע. צו דער פּאַליע האָט מען צוגעבּונדן דעם צדיק און אָנגעצונדן דאָס פייער. דער קדוש האָט זיך געוואָרפן ווי אַ פיש אין וואַסער אַזוי, אַז די פּאַליע האָט זיך געטרייסלט; דערנאָך איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, און ס'איז אים אויסגעגאַנגען די נשמה. פאַר די רשעים איז נאָך אָבּער דאָס ניט געווען גענוג: זיי האָבּן נאָך צונויפגענומען די אַש און זי אַריינגעוואָרפן אין טייך.

אין דער צייט ווען מען האָט דעם קדוש געפירט צום פּסק, האָט מען אין אַלע שולן געזאָגט בּ'יחות. און אַ גרויסער נס, דער-

ציילט דער מחבר, איז יעמאָלט געשען: יידן, וואָס האָבן באַהאַלטענערהייט געקוקט אויף דער עקזעקוציע, און אויך גוים האָבן געזען, אַז בשעת מען האָט דעם קדוש געטראָגן צום שייטער זיינען צוויי שניי־ווייסע טויבן געפלויגן איבער אים. די גאַנצע צייט וואָס דער קדוש האָט געברענט זיינען זיי אויך געווען אין פייער, און פונדעסטוועגן איז אַפילו אַ פעדער זייערע ניט פאַרסמאַליעט געוואָרן. דאָס זיינען געווים געווען מלאכי־השרת, וואָס האָבן זיך געטאָן מיען פאַרן קדוש. די גוים, וואָס האָבן דאָס געזען, האָבן זיך באַוואַשן מיט טרערן דערציילדיק דאָס, און זיי האָבן געזאָגט: מיר פאַרשטייען אַליין, אַז אַ גרויס אומרעכט איז דאָ געשען...

אָט וועגן מיר שוין, ווי עס נעמט זיך וועבן אַ לעגענדע באַלד נאָך דעם געשעעניש גופא. ווי יעדע לעגענדע ווערט זי איבערגעגעבן אַלס אַ פאַקט: וואָס דאַרף מען נאָך אַ מער זיכערן באַווייז, ווי־באַלד אַפילו גוים האָבן געזען?

ד

ר׳ מתית פון קראָקע

ר׳ מתית איז געווען אַ געלערנטער ניט נאָר אין תורה, נאָר אויך אין וועלטזאַכן, ער פלעגט אָפט שטודירן מיט גלחים און איז וואויל באַשטאַנען; ער האָט זיך ניט געלאָזט אַראָפפירן פון דרך. איינמאָל האָבן זיך ווידער „כמה כומרים אויף אים מיט דער שטודיר טון שאַרפן; ס׳האָט זיך זיי אָבער ניט איינגעגעבן אים גובר צו זיין; זיינען זיי געוואָרן שטאַרק אין כעס, וואָס זיי האָבן אים ניט געקענט „איבערשטודירן", און זיי האָבן באַשלאָסן אים צו באַצאָלן דערפאַר. זיי האָבן אָנגעשריבן אַ לעסטער־כתב אויף זייער אמונה, גלייך דאָס וואָלט געשריבן ר׳ מתית, און האָבן דאָס פאַרשפרייט אין אַלע קלויסטערס.

מען האָט דעם הייליקן מאַן גענומען אויף אַ פרווו און געוואָלט אים צווינגען, ער זאָל מודה זיין, אַז ער האָט דאָס טאַקע געשריבן; נאָר ער איז געבליבן ביים אמת.

איז אַרויס אויף אים דער פסק: מען זאָל אים אַרומוויקלען

די האַנט ביזן עלנבויגן מיט שטריק, באַגיסן דאָס מיט שוועבל און פעך און סמאַליען פון אונטן פון אַ גרויס בעקן מיט גליענדיקע קוילן, כדי די פיין זאָל געדרייערן לענגער. דערביי האָבן זיי אַלץ געהייסן דעם קדוש, ער זאָל מודה זיין. ער האָט אָבער נאָר גע־שריען „שמע ישראל" און גערופן: וואָס זאָל איך מודה זיין, אַז ס'איז אַ ליגן!

ווען די כשרע האַנט האָט אָפּגעברענט און דער קדוש וטהור האָט ניט מודה געווען, האָבן זיך די רשעים גענומען באַראָטן, וואָס מען זאָל טון. זיי האָבן געהייסן דעם תלין, ער זאָל ניט שפּאָרן קיין עינויים, אָבער זיין לעבן זאָל מען נאָך ניט נעמען. האָט מען אים אָפּגעשונדן די הויט אַרום האַלז ווי אַ קאָלנער, באַ־גאָסן די וואונדן מיט בראַנפן און אָנגעצונדן. ער האָט יאָמערלעך געשריען, אָבער זיי האָבן זיך געפרייט און ווידער געפּאָדערט, ער זאָל מודה זיין. דער קדוש האָט אָבער נאָר געבעטן, אַז גאָט זאָל אים גיכער שיקן דעם טויט און ער זאָל זיין אַ כפּרה פאַר כל ישראל. דער תלין האָט אים נעטרענט רימענס פון רוקן און איט־לעכן רימען געוואָרפן אין זיין טאַש אַריין; דערביי האָט ער נאָך חוזק געמאַכט: ס'וועט גוט צו־נוץ קומען, איך וועל דאָס פאַרקויפן די רופאים אויף צו שאַרפן זייערע גאָלמעסערס... די וואונדן אויף דעם קדושס לייב האָבן זיי באַשמירט מיט פעך און באַשאָטן מיט שוועבל און דאָס אָנגעצונדן. אָבער ער איז פאָרט געבליבן ביים אמת און איז געגאַנגען צו דער מיתה־משונה, ווי צום טאַנץ.

דער פּסק איז געווען אויף פאַרברענען, און מען האָט אָנגע־גרייט די „מערכה". אָבער פריער האָט אים דער תלין אַרויסגע־ריסן די צונג פון מויל: אויפגעהאַקט מיט אַ האַק דעם אַקן און מיט אַ צוואַנג דערלאַנגט פון הינטן די צונג. בכדי צו פאַרלענגערן די יסורים האָט מען אים נאָך אַרויפגעלייגט פלאַקס אויפן האַרצן, איידער מען האָט אים צונעבונדן צום שייטערהויפן.

ווען ער איז שוין געווען אינגאַנצן פאַרברענט, האָט מען צו־נויפגענומען די אַש, אַריינגעשאָטן זי אין אַ ראָרביקס [1] און אויסגע־שאָסן, כדי עס זאָל פון דעם יידן גאָר קיין זכר ניט בלייבן...

[1] אַ גרויסע ביקס, וואָס ווערט געפירט אויף פיר רעדער.

ה

ר׳ שלמה פון קשעשוּוו

וועגן דעם קדוש פון קשעשוּוו [1] דערציילט אַ ביכל אָן אַ שער-בלאַט, וואָס הייבט זיך אָן אַזוי:

מן הקדוש הר״ר שלמה בניגון אל מלא רחמים [2].

דערנאָך שטייט די שורה:

לשם יחוד ושכינתיה ולשם כל ישראל,

און באַלד גייט אַוועק דער טעקסט:

„האב איך דאש ביכל גמאכט על הקדוש הטהור מהר״ר שלמה בן מהר״ר שמואל זנוויל הי״ד [3] מקרשעשי״וו...״ [4].

אָט דער אַריינפיר האַלט ד' ייצן שורות און ענדיקט זיך מיט דער חתימה פון מחבר: „... מיט ווייגן האב עש גשריבן׳ אונ, מיין טרעהרן האב איך גריבן (=נעריבן)׳ שמואל בן הקדוש הר״ר דוד הי״ד ממשפחת אויערבך הנקרא בפי כל ר׳ שמואל מלובלין״.

דער שמואל אויערבאַך איז באַוואוסט אויך אַלס מחבר פון אַ העברעישן ספר „חסד שמואל״, אַמסטערדאַם 1699. ווען אונזער ביכל איז געדרוקט געוואָרן איז ניט אָנגעוויזן, אויך איז ניטאָ דער דרוק-אָרט; נאָר די אותיות ווייזן אויף אַמסטער-דאַם, און אַגב איז דאָס יעמאָלט געווען די איינציקע פרייע שטאָט, וואו אַ ייד האָט זיך געקענט אויסריידן דאָס האַרץ אויף זיינע באַ-דריקער. וועגן דער צייט ווידער דאַרף מען זאָגן, אַז דער פאַקט, וואָס ווערט דאָ באַשריבן, האָט זיך פאַרלאָפן אין תנ״ב, ווי מיר זעען אַרויס פון דעם חיבור גופא, ד״ה 1691—1692; 1699, אין דעם העברעישן ספר, ווערן די נעמלעכע פאַקטן איבערדערציילט

1 Krzeszów, אַ קליין שטעטל אויף דרום פון לובלין ביים טייך סאַן.

2 איבער די זייטלעך פון טעקסט שטייט שוין ניט „מן״ נאָר „פון״.

3 „אדני יקום דמיו״ — גאָט זאָל זיך רעכענען פאַר זיין בלוט.

4 דאָ איז אַלזאָ געגעבן די אוקראַאינישע פאָרם פון דעם שטאָטנאָמען.

בקיצור; לייגט זיך דעריבער אויפן שכל שטיינשניידערס השערה, אַז דאָס ביכל איז געדרוקט צווישן 1692—1699.

קיין צווייטער עקזעמפּלאַר אַחוץ דעם אָקספאָרדער איז ניט באַוואוסט.

די זעקסאונפופציק סטראָפעס גייען על־פּי־נוסח אַלף־בית.[1]

אל מלא רחמים, דערבאַרמיקער פאָטער מיין!
מיין אויגן טונען[2] ניט אַנדערש אַז אין טרערן זיין
פון וועגן די ביטערע גזרות; אָך, ליבער גאָט,
דאָס מיר בעוונותינו הרבים אונטער די אומות זיין צו איין
געשפּאָט!

בעוונותינו הרבים דעם קדוש טהור ר׳ שלמה דעם פרומען מאַן
האָט מען בשנת תנ״ב נאָך לובלין פירן טאָן
פון וועגן איינער עלילה די ער איז באַגאַנגען;
אַלזאָ האָט מען אים געזעצט אין לובלין געפאַנגען.

גאָר באַלד דאָ עס איין שר[3] האָט פאַרנומען,
דאָס ר׳ שלמה איז געפאַנגען, איז ער נאָך לובלין געקומען
און האָט אים מציל געוועלט זיין,
דאָ ער ניט דרויף האָט געדאַכט פאַר די ביטערע פיין.

אין וואָס עס איז באַשטאַנען די „עלילה" קעגן ר׳ שלמהן זאָגט אונז דער מחבר גאָרניט אויס; וואָס איז דער אונטערשייד, צי אַזאַ בלבול צי אַנדערער? מיר קומען באַלד צום עיקר. דער פריץ האָט געוואָלט ראַטעווען דעם יידן, אָבער ס׳האָט זיך אים ניט איינגעגעבן. דער משפט איז אַרויס אויף ר׳ שלמהן ערב סוכות, ווען כ׳איז אָקאָרשט „יאָריק געוואָרן" די גרויסע לובלינער הריגה פון יאָר 1656. דער באַשלוס איז געווען: ר׳ שלמה זאָל שווערן אין שול ביי דער הייליקער ספר־תורה, אַז ער איז אומשולדיק. יידן האָבן געמיינט, אַז ער וועט דורכדעם ניצול ווערן; אָבער שוין נאָך דער שבועה איז אַרויס דער פסק אויף טויט. מען האָט אויס־

1 מיר גיבן דאָ דעם טעקסט מיט אַ מאָדערניזירטער אָרטאָגראַפיע, אָבער וואָרט ביי וואָרט.
2 טוען.
3 פריץ; הייסט עס, דאָ נעמט זיך אויך דער פריץ אָן פאַר זיין ייד.

נעטאָן דעם קדוש „נאַקעדיק און בלויז גלייך אַז איין קינד דאָס דאָ זיצט אין דער מוטערס שויס" און אים אַריינגעוואָרפן אין אַ פינ-סטערער תּפיסה, וואו עס זיצן אַלע וואָס זיינען חייב מיתה.

די ראָשים און מנהיגים „טעטן גרויסע שתּדלנות טרייבן", זיי האָבן געגעבן גרויס שוחד צו די פּריצים און באַקומען צוזאָגן אויך, נאָר סוכּות איז קלאָר געוואָרן, אַז מען וועט דעם צדיק פּאָרט טייטן. אַ גאַנצן טאָג סוכּות איז מען געזעסן אין שול און געזאָגט סליחות, נאָר די תּפילות זיינען ניט דערהערט געוואָרן. האָט מען ווידער גענומען געבן מתּנות און געבעטן, אַז אויב מען קען ניט ראַטעווען דעם קדושם לעבן, זאָל כאָטש די מיתה זיין אַ גרינגערע. אָבער אַפילו דאָס האָט ניט געהאָלפן: „פּסק הראשון, שפּראַכן זיא, מוז האָבן זיין בשטאַנד".

דער צדיק האָט זיך גענומען גרייטן צום טויט. דעם ערשטן טאָג חול-המועד זיינען די כּומרים [1] אים געקומען איינריידן, אַז אויב ער וועט זיך אָפּקערן פון זיין גלויבן, וועט מען אים מאַכן פּאַר אַ גרויסן האַר און געבן אים פיל זילבער און גאָלד. נאָר ער האָט זיך שאַרף אָפּגעזאָגט: ער וועט ניט אָפּטרעטן פון יידישקייט אַפילו ווען מען וועט אים מאַכן פּאַר אַ פּריץ אָדער אַ גראַף. זיי זיינען אַוועק אין צאָרן און האָבן אים געזאָגט, אַז נאָך צוויי טעג האָט ער צייט. הושענא-רבה זיינען זיי ווידער געקומען, נאָר די תּשובה איז געווען די אייגענע. זיי האָבן געזאָגט: מען וועט דיר היינט טון דיין רעכט. האָט ער געענטפערט: „פון קידוש-השם ווענן וויל איך זיין געשעכט" [2].

ס'איז געקומען די „חברה הקדושה הקברנים" מאַכן פּאַר אים אַן אָרון לויט זיין פּאַרלאַנג, און „די פרומע ווייבער קאָמען מיט וויינען בייאַנאַנדער אום תּכריכים צו נייען. ווי געשריען, פּאַר איין לעבעדיקן תּכריכים צו מאַכן, וועלכעס אונזערע אויגן טוען זען!"

ווען מען האָט דעם קדוש געפירט צום שופט, איז ר' שבתי-לווי [3] מיטגעגאַנגען מיט אים און געטראָגן זיין העמד. דער קדוש

1 גלחים.

2 געשאָכטן.

1 אַ שטאָטישער באַלעבאָס?

האָט געפּרעגט וואָס פֿאַר אַ מיתה ער וועט האָבן. ר׳ שבתי האָט געזאָגט: מען וועט דיר אָפּהאַקן דעם קאָפּ. האָט ר׳ שלמה געדאַנקט דעם אייבערשטן: וואָלט מען אים געהאַנגען אויף דער תּליה, וואָלט די מיתה בזויה געשענדט ניט נאָר אים, נאָר אויך זיינע קינדער נאָך זיין טויט. ר׳ שבתים ענטפֿער איז אָבער געווען נאָר אַ באַרוי-קונג: אין דער אמתן איז דער פּסק גראָד געווען אויף הענגען.

ביים שופט אין שטוב זיינען די כּומרים ווידער צו אים צו-געשטאַנען, אָבער אומזיסט. זיין ענטפֿער איז געווען: מער ווי מיין לעבן קענט איר דאָך ביי מיר ניט נעמען; איבער דער נשמה וואָס מיין באַשעפֿער האָט מיר געגעבן האָט איר דאָך ניט קיין מאַכט; דעריבער טוט מיר מיין רעכט וואָס גיכער. ר׳ שבתי איז געשטאַ-נען דערביי מיטן העמד אין גרויס פּיין; האָבן די כּומרים אָנגע-הויבן: „ווי קומט אַ ייד אַריין? לאָזט אים מיט דעם העמד גע-שווינד אַוועק גאָן [1], דען ער וויל מיט דעם העמד כּישוף טאָן"; האָט ר׳ שבתי געמוזט אָפּטרעטן.

דער תּלין האָט גענומען דעם קדוש און אים אַרויסגעפֿירט הינטער דער שטאָט. אין שול איז מען געוואויר געוואָרן די בייזע בשורה, האָבן אַלע יידן, גרויס און קליין, געוויינט און געקלאָגט. אָנגעקומען הינטער דער שטאָט אויפֿן פּסק-פּלאַץ, האָט ר׳ שלמה ווידער געהאַט אויסצושטיין די רייד פֿון די כּומרים. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז אויב ער איז גרייט זיך צו שמדן, נעמען זיי אים תּיכּף צוריק אין שטאָט אַריין מיט גרויס כּבוד און גרויס פֿרייד, „און פֿאַרויס זאָלן גיין אַלערליי שפּיללייט, פּויקן און טרומייטן און שאַל-מייען [2] — אַלט, יונג, גרויס, קליין וועט זיך דיינער דערפֿרייען".

„דער קדוש שפּראַך: איך טו ביי זיין הייליקן נאָמען שווערן,
דאָס איך אייערע נאַרישע רייד ניט מיין [3] וויל צוהערן.
דען מיין האָפֿענונג איז צו גאָט, דאָס איז מיר געוויס.
און צום תּלין זאָגט ער: טו וואָס דיר באַפֿוילן איז".

די כּומרים זיינען אַוועק מיט חרפּה. דער תּלין האָט אָפּגע-האַקט דעם קדוש זיין רעכטע האַנט. ער האָט הויך געשריען שמע

1 גיין.
2 אַ בלאָז-אינסטרומענט.
3 מער.

ישראל. ווידער ויינען געקומען די כומרים און ווידער איז געווען דער ענטפער: „אייער נאַרישע רייד נײנען [1] מיר ניט איין"; און „ער קערט זיין כשר פנים פון זיי אַוועק".

דער תלין האָט געגעבן דעם קדוש די אָפּגעהאַקטע האַנט אונטערן אָרעם און אים געהייסן אַרויפגיין דעם לייטער צו דער תליה. ער האָט אָבער קיין כוח ניט געהאַט. האָט מען אים אַרומ־געבונדן אַ שטריק אַרום לייב, און צוויי קנעכט האָבן אים אַרויפ־געצויגן; דערנאָך האָט דער תלין גענומען די אָפּגעהאַקטע האַנט און זי צוגעשלאָגן מיט נעגל איבער ר׳ שלמהס קאָפּ. דאַן ערשט האָט מען אים אָנגעטאָן די אייזערנע תליה־קייט אויפן האַלז. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אויסצושרייען איבעראַניים שמע־ישראל, האָט דער תלין אַרפּגעוואָרפן דעם לייטער, און דעם קדוש איז אויסגע־גאַנגען די נשמה.

די בשורה רעה איז דערגאַנגען צו דער שול, ווען גאַנץ קהל איז געווען אויפגעקליבן. מען האָט באַלד געמאַכט פאַרן קדוש אל מלא רחמים, און אַלע האָבן געבראָכן די הענט פון געוויין.

וויי געשריען, ווי איז דעם קדוש אָן הושענא־רבה זיין ל׳עבן
וואָרדן באַנומען!

וויי געשריען, ווי איז אונז אונזער יום־טוב ניט באַקומען!

וויי געשריען, ווי האָט מען דעם קדוש זיין האַנט אָפּגעהאַקט
מיט דעם שווערד!

וויי געשריען, ווי איז די ברכה פון גשם צו דם פאַרקערט!

וויי געשריען, ווי איז דער קדוש וטהור אָן הושענא־רבה
וואָרדן געהאַנגען!

וויי געשריען, ווי איז אונזער שמחת־תורה פאַרשטערט געוואָרדן,
וואו איין אידער [2] ייד [3] טוט דערנאָך פאַרלאַנגען!

פאַרפינסטערט זיין אונזערע אויגן אין דעם באַטריבטן גלות,
וועלכעס ניט אַנדערש טוען [4] אַלם [5] אונזערע שווערע עוונות.

1 נייען.
2 יעדער.
3 אין טעקסט שטייט דאָ און כסדר „יהודה".
4 טוען.
5 ווי.

צו דעם דאָזיקן האָט מען נאָך דעם קדוש געלאָזט הענגען עטלעכע וואָכן, כדי צו דערלענגערן פאַר יידן די שאַנד און די לעסטערונג. עס האָט נאָך געקאָסט דער קהילה פיל געלט, גע-פועלט האָט מען אַפּנים נאָר איינס: אַז די שומרים זאָלן זיך מאַכן ניט זעענדיק; ווייל באַלד נאָכדעם ווערט איבערגעגעבן, אַז פּרשת לך-לך האָבן זיך דריי יידן, חשובע באַלעבאַטים, מוסר-נפש געווען, אוועק ביי דער נאַכט און אַראָפּגענומען דעם קדוש פון דער תּליה. די פרומע ווייבער האָבן שוין געהאַט אויפגענייט אויף-אַ-נייעם תּכריכים, און די חברה-קדישא האָט דעם גוף-טהור געטאָן זיין רעכט.

ו

ר׳ שכנא פון קראָקע

דאָס ליד פון ר׳ שכנא געפינט זיך און דער באָדלעיאַנאַ אין אַ כתב-יד; נאָר געשריבן איז דער כתב-יד מיט היפּשע גרייזן, אַזוי אַז מיר האָבן פאַר זיך געוויס ניט דעם מחברס אָרי-גינאַל; עס איז אוממיגלעך צו זאָגן, צי איז אונזער טעקסט — דער איינציקער וואָס האָט זיך אויפגעהיט — קאָפּירט פון אַן אַנ-דער מאַנוסקריפּט אָדער פון אַ געדרוקטער אויסגאַבע. געשריבן איז דאָס, אויף וויפיל די פאַרווישטע שריפט לאָזט זיך דערקענען, „בשנת שמע קול בכיי״, דאָס הייסט תּמ״ב = 1682. די לעצטע צוויי שורות זיינען: „מיין נאָמען וויל איך געבן צו דער קענין: יעקב בן לא״א [1] מהר״ר [2] אַברהם מלמד ר׳ זיסלעך [?] טוט מן מיך נענן״. חוץ דעם זיינען נאָך פאַראַן אויף דעם ביכל נעמען, וואָס זיינען צונעשריבן אויפן גליון: „יעקב בן לא״א כמר שמואל שמלק [= שמאַלץ?] (צוויי מאָל) און יהודא ידל [= יידל] בן לא״א כהר״ר איציק שמש״. צי זיינען דאָס איבערשרייבער? אָדער אפשר שפּעטערדיקע באַזיצער פון דעם ביכל, איידער עס איז אַריינגע-

1 לאיש אלהים.

2 מורנו הרב רב.

פאַלן צו ר׳ דוד אָפּענהיימערן, וואָס פון זיין ירושה באַשטייט דער־עיקרשט די יידיש־העברעאישע אָפּטיילונג פון דער באָדלעיאַנאַ?

ר׳ שכנאס זינד איז באַשטאַנען דערינען, וואָס ער האָט גע־קויפט געגנבעטע קלויסטער־כלים; „צווייא שקצים האָבין אויף אים מודה געוועזין״, און מען האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה צו־זאַמען מיט יענע צוויי. עס האָט זיך אָנגעהויבן די געוויינטלעכע פּראָצעדור: אויספאָרשונג דורך עינוים. „דער גוטער ר׳ שכנא״ האָט דערציילט דעם גאַנצן אמת, נאָר עס האָט ניט פאַרלייכטערט זיין גורל. אַ דאָנערשטאָג פאַרנאַכט האָט מען אים געבראַכט קיין קראָ־קע, און פרייטאָג פאַרטאָג האָט מען אים גענומען מענה זיין. די מיטלען זיינען געווען די שטענדיקע: ברענען מיט ליכט אונטערן אָרעם, שינדן די הויט, פלעכטן אויף אַ ראָד. ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג זיך כופר צו זיין; זיין ענטפער איז געווען: „פון דעם גאט וואש איך בין גוואָרין גבארין, פון דעם זעלבדיקן גאט וויל איך ווידור [= ווידער] ווערין פארלארין״. ער האָט נאָר ווייער גע־בעטן, אַז מען זאָל צולאָזן צו אים זיין ווייב און זיין אַלטן פאָ־טער. דער פאַרלאַנג איז געוואָרן באַוווערט. דער פאָטער האָט אים געבעטן, ער זאָל ניט אָפּטרעטן פון יידישקייט, און האָט אים גע־בראַכט צוזאַמען מיט ישעיה משרת אַ ווייס העמד און ווייסע הויזן, ער זאָל דאָס אָנטון ווען מען וועט אים פירן צו דער מיתה. דער פסק איז געווען אויף הענגען, און מבטל זיין דאָס איז ניט געווען קיין מיגלעכקייט; האָט קהל כאָטש אויסגעפועלט, אַז מען זאָל ניט פירן דעם קדוש דורכן „קוזמאַרק״־טויער [1], ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז „מען״ זאָל חלילה ניט אָנפאַלן אויף דער יידישער גאַס.

אַרויסגעפירט האָט מען אים דורך דעם נייעם טויער. געקו־מען צו דער תליה, האָט דער תלין אים באַלד אָנגעטאָן דעם שטריק אויפן האַלז, און ווי נאָר מען האָט אים אַרויפגעצויגן, האָבן „די גוים״ תיכף אויסגעשאָסן אין אים, דערנאָך געוואָרפן אויף אים שטיינער; „גם האט מען אים אן גטאן אנדרה זכין וואש מען קען ניט שרייבן״.

---

1 אין טעקסט געשריבן: „קזמריק״; = Kazimierz, אַ יידישער טייל פון קראָקע.

איינגאַנצן גלאַט איז דער קהילה פּאָרט ניט אַראָפּ. די „שי־לער" — דאָס זיינען יענע תּלמידים פון די יעווזשישע שולן, פון וועלכע יידן האָבן אין פּוילן געהאַט אויסצושטיין אַזוינע צרות [1] — זיינען אָנגעפאַלן מיט בלויזע שווערדן אויפן מאַרק „און' האבין בעו"ה צווייא נוולבער אויש גלערט [= אויסגעלערט, אויסגעליי־דיקט]". דערנאָך זיינען זיי אַוועק, און די אַנדערע זיינען אָפּגעקו־מען מיט שרעק.

זעקס טעג איז דער קדוש אַזוי געהאַנגען. אין דער נאַכט פון דאָנערשטאָג אַנטקעגן פרייטאָג זיינען עטלעכע יידן אַוועק צום פּסק־פּלאַץ איינשטעלנדיק זייער לעבן, און איינער לייזער קאַסקע [2] איז אַרויף אויף אַ לייטער און האָט אָפּגעשניטן דעם קדוש פון דער תּליה. ווען מען האָט דעם קערפּער געבראַכט אין דער יידישער גאַס, איז באַלד געוואָרן אַ געוויין, גלייך דאָס בית־המקדש וואָלט ערשט חרוב געוואָרן. מען האָט דעם קדוש געבראַכט צו קבורה און שבת געמאַכט אים אַן אל מלא רחמים.

אויסלאָזן לאָזט דער מחבר אויס מיט דער וואָרענ:יש, אַז קיינער זאָל ניט קויפן קיין געגנבעטע זאַכן, ווי שטאַרק דער פאַר־קויפער זאָל ניט צושטיין, און ער בעט גאָט מיר זאָלן געניסן דעם זכות פון די קדושים.

ז

ווי אַ געשאָכטענע שאָף

ווען די אַנדערע בלוטיקע קרבנות [3] האָבן מיר בלויז גאַנץ קורצע ידיעות אין דעם נאָכוואָרט צו שמואל אויערבאַכס „מן הקדוש ר' שלמה". דער מחבר שטעלט די פראַגע, פאַרוואָס שטייט אין תּהלים: „נחשבנו כצאן טבחה" (מיר זיינען געגליכן צו אַ גע־

1 אויף פּויליש הייסן זיי: żacy.

2 אין טעקסט: „איינר היישט ליזר קאסקי".

3 אַחוץ ווען די דריי ווילנער קדושים, וועגן וועלכע עס וועט ווייטער זיין די רייד באַזונדער.

שאָכטענער שאָף״); דוכט זיך, ריכטיקער וואָלט דאָך געווען צו זאָגן: „כצאן לטבח״ („ווי שאָף וואָס מען פירט צו דער שחיטה״)· און ער דרשנט דעם פסוק אַזוי[1]:

מיר ישראל זיינען געגליכן ניט צו אַ לעבעדיקער שאָף וואָס מען שעכט זי; וואָרים איר טוט מען אָן אַ גרינגע מיתה. ווי דען — מיר ישראל זיינען געגליכן צו אַ געשאָכטענער שאָף: מען נעמט זי און צעהאַקט זי אויף שטיקער און מען בראָט זי ביים פייער. אַזוי זיינען אונזערע קדושים. מען טוט מיט די לעבעדיקע קדושים ווי מיט אַ געשאָכטענער שאָף.

טייל פערטלט מען בעונותינו הרבים לעבעדיקערהייט, ווי זיי האָבן געטאָן דעם קדוש יהודה בר׳ אהרן פון פרעמיס־לע[2]: מען האָט אים אויפגעשניטן הינטן דעם האַלז און אַרויסגע־ציִיגן די צונג דורכן אַקן, דערנאָך לעבעדיקערהייט געפערטלט.

טייל שלאָגט מען לעבעדיקערהייט אויף דער פאַליע, אַזוי ווי ר׳ אברהם בר׳ יהודה פון לובלין.

טייל קדושים איז מען מענה מיט פייער און בראָט זיי, גלייך ווי מען האָט געטאָן מיט ר׳ בנימין־וואָלף בר׳ נפתלי און ר׳ פנחס־זעליג בר׳ יעקב פון לוקאָוו.

די קדושים נחמן בר׳ נתן פון מאַקאָוו[3] און ר׳ שמואל־זיינוול בר׳ צבי־הירש פון ניישטאָט[4] האָט מען לעבעדיקערהייט פאַרברענט[5].

ח

שרעק און ישועה אין פויזן

בלויז ווענן איין פאַל ווערן מיר געוואויר פון אַ יידישן ליד, וואו די שווערד פון די אָנפאַלער איז אָפּגעווענדט געוואָרן: דער

1 מיר גיבן דעם אָרט פינקטלעך, מערגים מיטן היינטיקן לשון.
2 געשריבן: פרמסל״י.
3 געשריבן: מקוו״ה.
4 אין טעקסט: „עיר־חדש״.
5 דער זעלביקער דרש און די זעלביקע ידיעות זיינען פאַראַן אויך אין דעם מחברס „חסד שמואל״, אַמסטערדאַם 1699.

פּויזנער בלבול פון 1696 האָט געמאַכט יידן שוועבן אַ גאַנצן חודש אין אַ שטערבלעכער אימה, נאָר דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַשולדיקונג איז געווען אַ פאַלשע. „ספר גאולת ישראל" רופט זיך דאָס ביכל, וואָס דערציילט וועגן יענע פאַקטן אין העברעיש און יידיש אויף פיראונפערציק קליינע זייטן 1. באַלד אויפן שער (וועלכער איז געשריבן נאָר אין יידיש) ווענדט זיך דער אַנאָנימער מחבר צום עולם: „הערט צו גרוש און קליין, ווערט איר זיך משמח זיין, וויא ער [= עיר] ואם בישראל ק"ק פוזנן 2 איז וואָרן גנעזן. דאָ מיט האָט הקב"ה ב"ה כלל ישראל מציל גווזן. ווער ח"ו דאָש מינשו [= מינדסטע] אין אונזר קהילה גישעהן, העט מן ח"ו כלל יהדות אויף פיל מייל ניט גזעהין... אַזו איין עת צרה איז ניט גוועזן זינטער אחשורוש צייטן..."

אין דער ערשטער סטראָפע הערן מיר ווידער דאָס איינענע:

„הרט צו, איר פעלקער, זיצר אויף דער ערד, וויא נאָט דער אַלמעכטיגער האָט אונז בישערמט פון דעם שווערד... מיר ווע-לין אַלש אויפשרייבן, דא מיט קינדש קינדר זאלין אן נאט נלויי-בין... בקיצור וועלן מיר אַלש שרייבן; דאש אנדרי וועלין מיר לאזן בלייבן... אָבר דער קלוגר קאן וואָל פר שטיאן [= פאַר-שטיין], וויא מיר האָבין גיהט אין גאט אויגן חן" 3.

די זאַך גופא איז פאָרגעקומען לויט אונזער ליד אַזוי:

אין תנ"ו (1696), צוויי און פערציק טעג אין ספירה, איז אַ ייד מיטן נאָמען ר' יצחק בר' חיים משורר אַרויסגעגאַנגען אויפן מאַרק, „זיין ווייב און קינד מחיה צו זיין". האָט אים באַגעגנט „אַן ערל" און זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער שווערד. דער ייד האָט גענומען לויפן, נאָר אַ שטאָך אין רוקן האָט ער נאָך באַקומען. ער איז אַריינגעלאָפן אַ פאַרוואונדעטער צו אַ באַלבירער אין הויז, און דאָרט איז אים אויסגעגאַנגען די נשמה.

די אַדמיניסטראַציע וואָלט געמוזט באַשטראָפן דעם פאַרבויעך,

---

1 דאָס ביכל איז אָן אָנווייז פון יאָר און דרוקאָרט; לויט שטיינשניידערס קאַטאַלאָג פון דער באָדלעיאַנאַ (נומ' 5392): פּראָג אַרום 1696.

2 די פּוילישע פאָרם: Poznań.

3 אויסלייג פון אָריגינאַל.

נאָר גוטע פריינד האָבן געהאָלפן דעם מערדער צו אַנטלויפן הינ=טער דער שטאָט „אונטער דעם גלהות" (אין אַ מאָנאַסטיר). האָבן זיך צונויפגענומען אַ סך יידן, ניט אָנגעזאָגט די פרנסים פון דער קהילה און ניט די גלחים און זיינען אַוועק צום מאָנאַסטיר. „די יהודים באַרינגלטן דאָס הויז; זיי שפּראָכן: גיבט אונז דעם רוצח אַרויס!"

איז געוואָרן אַ גערודער צווישן דער גייסטלעכקייט: סטייטש, יידן זאָלן אָנפאַלן אויף אַ מאָנאַסטיר? יידן „זיינען זעלבער גע=פאַנגען אין איינעם פרעמדן לאַנד און ווען האָבן איבער אונז איר אייבערהאַנט". די גלחים האָבן געהייסן אויף „די געוואַלד=גלאָק... שלאָגן"; עס האָט געשמעקט דערמיט, אַז אַלע יידן אין פויזן זאָלן אומקומען ביז איינעם, ווייל עס זיינען געווען גענוג מענטשן אין שטאָט, וואָס האָבן נאָר געלאָקערט אויף דער מינוט זיך אַ לאָז צו טון אויף דעם יידישן קוואַרטאַל. נאָר אין דער לעצטער רגע האָבן די גלחים נאָך איינגעהאַלטן דעם המון, ווייל עס איז זיי געקומען דער געדאַנק, אַז אפשר ווייסן די פרנסים ניט פון דעם אָנפאַל; אויב אַזוי, „האָבן די עטלעכע יהודים דעם שטות געטאָן פון זיך אַליין. האָבן זיי געפּעלט[1], מענן זיי ליידן איין, זיי און קיין אַנ=דערע יהודים מיין[2]." צווישן די יידן אַרום מאָנאַסטיר האָט מען צום גליק טאַקע ניט געפונען קיינעם פון די „קהל=שמשים"; האָט מען אָנגעטאָן פיין נאָר די עטלעכע יידן, און די שטאָטישע האָט מען פאַרווערט אָנצורירן. דער רוצח איז אַנטלאָפן.

אסרו=חג שבועות איז אַרויס אַ בייזע בשורה: אין פעלד האָט מען דערשלאָגן אַ שילער, וואָס איז געווען „פון הויכע האַרן"[3]. דער קערפּער איז געווען באַרויבט פון קליידער און אַכזריותדיק צעקאַליעטשעט: הענט און פיס אָפּגעהאַקט, האַרץ און צונג אויס=געשניטן, דאָס גאַנצע פּנים צעשלאָגן.

---

1 געזינדיקס.

2 מער.

3 לויט אַ קונטרס פון דער אַלטער שול אין פויזן (זע י. פּערלעססעס אַרטיקל, דערמאָנט אויף ז' 166 אָנמערקונג) איז דער דערהרגעטער געווען אַ זון פון דעם סטאַראָסטע אין אָבאָרניק.

ווען מען האָט געפונען דעם הרוג און אים געבראַכט אין שטאָט, „האָט איין ערל טאָן פאַלש עדות זאָגן": אַז דעם שילער האָבן דערהרגעט דריי יידן. ער, דער עדות, איז געשטאַנען מיט עטלעכע טעג צוריק אויף אַ הויז, האָט ער געזען, ווי דריי יידן האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ שילער. ער האָט געמיינט, אַז דאָס שפּילן זיי זיך, האָט ער ניט געלייגט דערויף קיין אַכט; נאָר איצטער מוז ער דאָס מעלדן, ווייל „עס טוט זיך אויסווייזן היינט, וואָס זיי האָבן דער־מיט געמיינט".

מען האָט אים באַלד געגלייבט און באַשלאָסן, אַז דאָס איז אַ נקמה דערפאַר, וואָס מען האָט געלאָזט אַנטלויפן דעם רוצח פון יצחק משורר. זיינען געוואָרן געשרייען: „קומט, לאָזן מיר זיי פאַרוויסטן און בארויבן, לאָזן מיר זיי שעכטן אַז ווי די טויבן!" און מען האָט געמאַכט אַ פּלאַן: ווען די פּויערים וועלן קומען אויפן גרינעם זונטאָג 1 אין שטאָט אַריין, וועט מען זיך נעמען צו יידן און צו זייערע הייזער. עס איז געוואָרן אַ סכנה פאַר אַ יידן אַרויסצוגיין הינטער דער שטאָט: „איטווידער 2 וואָלט גערן דעם יהודי צעריסן, אויף צוויי וואָלט ער אים צעביסן". דערווייל האָט מען זיך גענומען גרייטן צום אָנפאַל.

די מהומה האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין גאַנץ פּויזנער געגנד: „אויף אונז האָבן זיי ניט געדאַכט אַליין, נייערט אויף אַלע יידן געמיין" 3. אומעטום האָט מען זיך געגרייט נאָכצוטון פּויזן. די מנהיגים מיטן שתדלן האָבן געוויינטלעך ניט גערוט, זיינען גע־גאַנגען פאַר שררות נאָך הילף און שוץ. פאַר דער שטאָט האָבן זיך שוין שילער 4 מושטירט און געלערנט שיסן; נאָר דער אָרון

---

1 אין אַלגעמיין הייסט „גרינער זונטאָג" (zielona niedziela, grüner Sonntag) דער זונטאָג פאַר פּאַסכע; נאָר דאָ איז מסתּמא געמיינט דער זונטאָג פון גרין-חגא.

2 יעטווידער.

3 אויף אַלע יידישע קהילות.

4 אין טעקסט הייסן זיי: „שלרים"=שאָלאַרים, אַ העברעאיזירטע פּילצאָל־פאָרם פון שאָלאַר, פּויליש scholar, לויט לאַטייניש scholaris. אויך „שילער" איז פון דעם שורש.

הגדול וואָוואָדי 1 האָט געהייסן פֿאַרשליסן די טויערן, און פֿון די אַרומיקע הויפֿן זיינען געקומען פּריצים, וואָס האָבן זיך אָנגענומען פֿאַר די יידן: „דאָס פֿאָלק וואָר אַזוי פֿיל אַז פֿון קאָפּ די האָר; אָבער פּריצים שטינדן 2 אַקענן אַז איין שאָר" 3. עס איז שיר ניט דערגאַנגען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי מחנות. יידן האָבן אָבער פֿאַרשטאַנען, אַז אַפֿילו ווען די פּריצים זאָלן איצט מנצח זיין, וועט אויך דער סוף אויסגיין צו יידן; האָט מען דערייבער געלאָזט בעטן די פּריצים, זיי זאָלן אָפּלאָזן פֿון געשלעג. די פֿאָרשטייער פֿון דער קהילה האָבן זיך געווענדט מיט זיסע רייד צו די נלחים, אַז מען זאָל באַשיצן יידן פֿון אָנפֿאַלן.

די שונאים האָבן איצט אויסגעקלערט אַזאַ מיטל: זיי וועלן ברענגען דעם געהרגעטן שילערס פֿאָטער, וועט ער געווים אויפֿהעצן דעם המון. געשען איז אָבער פּונקט פֿאַרקערט: ווען ער איז געקו־מען קיין פּויזן, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז צו יידן האָט ניט דער פֿאַרברעך, און ער האָט געהייסן באַגראָבן דעם בר־מינן. איז גע־וואָרן אַ געשריי, אַז יידן האָבן דעם פֿאָטער אונטערגעקויפֿט.

דערווייַלע האָט געטראָפֿן עפּעס נייס: אויפֿן מאַרק האָט מען געכאַפּט אַ גויע, וואָס איז געקומען פֿאַרקויפֿן פֿאַרבלוטיקטע קליי־דער. מען האָט זי געפּאַקט, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען די קליידער פֿון הרוג. זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט די זאַכן געפֿונען; וואו און וואָס האָט זי ניט געקענט אָנווייזן. יידן האָבן געמיינט, אַז איצט זיינען זיי געהאָלפֿן, נאָר די רשעים האָבן אַ דריי געטאָן צוריק: טאַקע אַזוי, יידן האָבן דעם שילער דערהרגעט און די קליידער אַוועקגעוואָרפֿן; די גויע האָט דאָס געפֿונען.

די אַלטע גויע איז געווען פֿון שטעטל ראָגאָזשנע 4 ניט ווייט פֿון פּויזן. ווען מען איז אין שטעטל געוואויר געוואָרן, אַז מען האָט פֿאַרהאַלטן די גויע מיט די קליידער פֿון הרוג, האָבן די דאָרטיקע יידן זיך דערוואוסט, אַז מיט דער אַלטער וואוינען אַ זון

1 וואָיעוואָדס.

2 זיינען געשטאַנען.

3 מחנה.

4 אין טעקסט געשריבן: „ראגשני".

אין אַ טאָכטער. מען האָט זיי גענומען נאָכקוקן און דערזען ביי דער טאָכטער אַ העמד וואָס איז פאַרשמירט מיט בלוט. ווען מען האָט ביי איר געפרעגט, פון וואַנען זי האָט דאָס, איז זי געוואָרן שטאַרק דערשראָקן און געענטפערט, אַז דאָס האָט איר דער ברו-דער געגעבן און געהייסן אויסוואַשן. מען האָט געפרעגט ווייטער, וואו איז דער ברודער, האָט זי געשוויגן.

האָבן זיך יידן געלאָזט אים זוכן. האָבן זיי אים געפונען אין אַ בירהויז. עטלעכע יידן האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער שטוב, כדי ניט אַרויסצולאָזן דעם פאַרדעכטיקן, און איינער איז אַוועקגע-לאָפן צו דער שררה. „די שררה טוט ער צו פום פאַלן, מציל צו זיין די יהודים אַלן. ער שפראַך: מיין האַרציקע ליבע שררה! דו ווייסט דאָך וואָל וואָס אויף אונז איז פאַר איין צרה“. איצטער איז די זאַך אויפגעדעקט געוואָרן: „קום דו אַליין, לאָז אים טון אַ ביסל פיין, אַזוי וועסטו אונז דערלייזן אוים די הענט די פיינט די בייזן“.

די שררה איז מיטגעגאַנגען מיט דעם יידן אין בירהויז, גע-נומען דעם חשוד „אין שטיבל אַריין“. און געטאָן אים אַ בי-סעלע פיין. דער באַשולדיקטער האָט דאָס ניט געקענט לאַנג אויס-האַלטן און האָט אויסגעזאָגט, אַז ער איז טאַקע דער רוצח. ער האָט איינגערעדט דעם שילער, אַז יענער זאָל גיין מיט אים שפּאַ-צירן, אַ קוק טון „ווי מען פיש טוט פאַנגען“; פון הינטן האָט ער דעם קרבן געגעבן אַ שטאַרקן קלאַפּ מיטן שטעקן, איז יענער אַני-דערגעפאַלן; מיט ווייטערדיקע שלעק האָט ער אים געטייט, אַראָפּ-גענומען די קליידער פון קערפער און געבראַכט דאָס צו דער מו-טער, ווייל זי האָט אַזוי געהאַט געהייסן.

ראַגאָזשנער יידן האָבן געמיינט, אַז די סכנה איז אָפּגעווענדט, און באַלד געשיקט אָנזאָגן די בשורה אין פויזן; נאָר דאָרט איז גאָר די הילף פאַרקערט געוואָרן אין אַ נייעם אומגליק. „איין בראָך איבער דעם אַנדערן בראָך האָט זיך טון שטאַרקן, איר קאָנט עס אייך וואָל מאַרקן [1]. קיין שעה זונדער [2] רעה, קיין רגע זונדער

1 מערקן.
2 אָן.

פּגע; און אַל די פֿיינד האָבן טאָג און נאַכט אויף אונזער לעבן געטראַכט״.

אַ ייד איז געקומען צו רייטן פֿון ראַגאָזשנע און געבראַכט אַ בריוו פֿון דער דאָרטיקער שררה צום אָדון־הגדול (צום וואָיעוואָדע) מיט אַ באַשרייבונג פֿון דעם געשעעניש. מען האָט דעם רוצח געבראַכט קיין פּויזן און איינגעזעצט צווישן די חייבי־מיתה. אָבער די רשעים האָבן אים אָנגערעדט, ער זאָל זאָגן, אַז דאָס האָבן יידן געגעבן געלט און געהייסן טייטן דעם שילער. דער רוצח האָט דאָ דערזען אַ וועג, וואָס וועט אים אפשר ראַטעווען, האָט ער דערציילט, אַז יידן, אַ פּאָטער מיט דריי זין, האָבן אים אָנגערייצט אויף דעם שילער: „צוואַנציק גילדן האָבן זיי... געלייגט אין בייטל אַריין, איך זאָל אים אָנטון גראָסע שמאַרצן און פּיין״. דער געריכט האָט באַשלאָסן צו פֿרעגן דעם רוצח דריי טעג נאָכאַנאַנד, און אויב ער וועט בלייבן ביי זיינע רייד, איז אַ סימן, אַז יידן זיינען שולדיק.

דער רוצח האָט אַלע דריי טעג גערעדט זיינס, און די רשעים האָבן שוין געשאַרפֿט די שווערדן. יידן האָבן קוים אויסגעבעטן מען זאָל דעם באַשולדיקטן נאָך פֿריער פּייניקן. „דען די זאַך איז נאָך ניט קלאָר, ביז מען וועט אין [1] פּייניקן; דאָסמאָל [2] זאָגט ער ערשט וואָר. לאָז מען אים אויף דעם עינוי פֿראָגן [3], יעמאָלט וועט ער אַנדערשטער [4] זאָגן״. די האַרן פֿון געריכט האָבן דאָס אָנגענומען און געענטפֿערט: מיר וועלן וואַרטן ביז נאָך די שמאַרצן און פּיין; נאָר טאָמער וועט ער אויף דער עינוי אויך זאָגן דאָס נעמלעכע, זאָל אייך העלפֿן גאָט: קיינער פֿון אייך וועט ניט ניצול ווערן.

דער גאון ר׳ נפתלי [5] צוזאַמען מיט די אָנפֿירער פֿון דער

1 אים.

2 יעמאָלט.

3 פֿרעגן.

4 אַנדערש.

5 אין ליד ווערט ער אָנגערופֿן מיטן פֿולן טיטל: „הגאון מוה״ר נפתלי״; ס׳איז רב נפתלי כהן, אַ באַוואוסטער רב און מקובל, געבוירן 1649 אין אָסטראָ (וואָלין), געשטאָרבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין 1718. 1690—1704 איז ער געווען הויפּט־רב אין פּויזן. פֿגל׳ יעווריסקאַיאַ ענציקל׳ IX, 623—624.

ישיבה האָבן גוזר געווען אַ תענית, און ר׳ יוסף דרשן [1] האָט גע-
רופן צו תשובה. עס איז געווען אין חודש תמוז, נאָר אין שטאָט
איז געוואָרן אַ יום-כיפור.

די רשעים האָבן געגעבן געלט דעם „שאַרף-ריכטער״ [2], ער זאָל
דעם רוצח באַהאַנדלען מיט חסד. אָבער יידן זיינען וועגן דעם גע-
וואויר געוואָרן דורך דעם תלינס פאַקטאָר [3], און מען האָט אים
אויך צוגעשיקט געלט. „נאָר ווייניק האָט ער פון אונז גענומען,
קיין עוולה וואָלט ער ניט טון״.

גראָד איז ביים וואָיעוואָדע אין יענעם טאָג געווען אַ סעודה,
זיינען אַלע האַרן, צווישן זיי אויך דעם הורנס פאָטער, געזעסן
און געשיכורט. אָבער אין אָוונט האָבן זיך יידן אַריינגעריסן צו די
פאַרזאַמלטע שררות; זיי האָבן געקלערט: „סיי ווי סיי זיינען מיר
דאָך פאַרלאָרן באַלד, לאָזן מיר גיין צו דעם האַרן פון לאַנד״;
און זיי האָבן אָנגעשריבן פאַרן רוצח „פראַגע-שטיק״ (שאלות), וואָס
די האַרן האָבן אָנגענומען. עס איז נאָך געווען אַ סכנה, אַז די ני-
דעריקערע מאַכט-אָרגאַנען וועלן עובר זיין אויף דעם וואָיעוואָדעס
באַפעל: „אָבער אונזערע מנהיגים זענען מיט שתדלנות, אַז עס זאָל
ניט געשען קיין פסלנות״.

הגאון ר׳ נפתלי מיט נאָך עטלעכע רעכטפאַרטיקע לייט האָבן
געפאַסט ביז אויף דער נאַכט. אַנדערע האָבן זיך געגרייט צו אַ ווי-
דערשטאַנד אויף דער יידישער גאַס. זיי האָבן געזאָגט: „מיר לאָזן
זיך ניט טון קיין געדראַנג״; מיר וועלן זיך ווערן אַזוי ווייט ווי
עס וועט מיגלעך זיין; אַפילו אויב ס׳איז אַ גזרה פון גאָט, וועלן
מיר כאָטש נקמה נעמען.

צוויי מאָל האָט מען „געצווינגן״ דעם רוצח אויף דער עינוין
נאָר ער האָט אַלץ געזאָגט דאָס פריערדיקע. די שרים האָבן געהייס,
דעם פייניקער, ער זאָל „ציען״ אַ דריטן מאָל לויט ווי די געזעצן פאָ-
דערן: ניט צו שטאַרק און ניט צו מילד. האָט דער פייניקער גע-

1 צי איז דאָס דער יוסף בר׳ משה דרשן, וועגן וועלכן עס שרייבט
יעווריסקאַיאַ ענצ׳ VIII, 868 ?

2 תלין.

3 אין העברעאישן טעקסט שטייט בלויז: „על ידי יהודי אחד מאתנו״.

ענטפערט: די האַרן מעגן זיך פאַרלאָזן, אַז איך וועל מיין נשמה ניט פאַרקויפן; איך וואָלט זיך דאָך געדאַרפט שעמען ווען איך זאָל טון אַ רעה די אָרימע יידן.

ביי דער דריטער עינוי האָט דער רוצח מודה געווען, אַז ס'איז אַלץ געווען שקר: דאָס האָבן אים די „פאָרנעמע בירגער"[1] אָנגערעדט, ער זאָל מאַכן דעם בלבול אויף יידן. אין דער אמתן האָט ער קיין יידן ביים מאָרד ניט געזען; אונטערגעהידעט האָט אים נאָר זיין מוטער, וועלכע האָט דאָס נעדאַרפט האָבן צוליב כישוף: „דאָס קען מען ניט נענוג דערשרייבן, וואָס מענטשן זי האָט צו שאָדן געבראַכט מיט איר כישוף־טרייבן". די מוטער האָט אים געהאַט אָנגעזאָגט, ער זאָל הרגענען דעם ערשטן וועמען ער וועט באַגעגענען, האָט ער אַזוי געטאָן. דאָס האַרץ, די צונג, די פים און די הענט האָט די מוטער אַריינגעלייגט אין אַ טאָפּ און דאָס פאַרקלעפּט; זי דאַרף דאָס אַלץ צוליב כישוף. מיטן האַרץ, האָט זי געזאָגט, וועט זי מאַכן, אַז אַ סך מענטשן זאָלן שטאַרבן; מיט דער צונג וועט זי פאַרהאַלטן דעם רעגן, אַז מענטשן זאָלן שטאַרבן „פאַר הונגער און קומער"; און מיט די הענט און פים וועט זי מאַכן, אַז אַ סך שיינע הייזער זאָלן פאַרברענט ווערן.

מען האָט איבערגעריסן די פייניקונג, און די „בלוטשרייבן"[2] האָבן אַלצדינג פאַרשריבן. די רשעים זיינען וועגן דעם געוואויר געוואָרן, אָבער זיי האָבן נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם מוט: ווער ווייס וואָס ער וועט זאָגן, ווען מען וועט אים נעמען צו דער עינוי נאָך דריי מאָל. יידן האָבן געפאַסט ווייטער.

דער געריכט האָט געמיינט, אַז מען וועט פון דער אַלטער עפּעס דערגיין, האָט מען זי אויך מענה געווען. אָבער דער אַשמראַי האָט זי געהיט, דערציילט אונזער מחבר, האָבן איר די ברען־וואונדן ניט וויי געטאָן. נאָר דערפאַר האָט זי אַרויסגעלאָזן אויפן שאַרף־ריכטער „אַ לופט אוים איר מויל", אַז ער איז אין צוויי טאָג אַרום געשטאָרבן.

---

1 אין טעקסט „בערגר".

2 אין דער עלטערער שפּראַך האָט מען באַנוצט, אַחוץ „דער שרייבער" אויך דעם אויסדרוק: „דער שרייב" מיט דעם נעטלעכן פּשט.

דער זון האָט ביי דער ווייטערדיקער עינוי געזאָגט, אַז ער האָט אַ סימן אויף דער מוטער: זי האָט באַגראָבן דעם כישוף-טאָפּ אונטער דער שוועל פון זייער שטוב. זיינען יידן אויף גיך אַוועקגעפאָרן אַהין מיט אַ כתב פון וואָיעוואָדע, אַז מען זאָל דאָרט זוכן; „דער אַשמדאַי האָט עס אָבער פריער לאָזן האָלן" [1], און דעריבער האָט מען מער גאָרניט געפונען.

ביי דער לעצטער עינוי איז דער רוצח געבליבן ביי זיינע רייד. עס איז אַרויס דער גזר, אַז מען זאָל אים דן זיין שווער. יידן זיינען געוועזן געראַטעוועט.

מען האָט דעם רוצח אָפּגעפירט אויפן מאַרק און אים אויף אַ שווידערלעכן אופן אָפּגעהאַקט איינציקווייז זיינע גלידער, „ווייל ער האָט אַזאָ געטאָן".

דערנאָך האָט מען געלאָזט אויסשרייען „אין די עקן: די יהודים מעגן זיך פריי אַנטפּלעקן", קיינער טאָר זיי קיין זאַך ניט טון [2].

ט

אכזריות

מען דאַרף נאָך זאָגן: זאָל מען ניט מיינען, אַז אין דער אָנווענדונג פון אַזעלכע מערדערישע פּייניקונגען און שטראָפן שטעקט

1 אָפּנעמען.

2 דאָס גאַנצע ליד האַלט ניינאונניינציק סטראָפעס. — די געטלעכע פאַקטן זיינען אויך דערציילט, אָבער אין פּראָזע, אין דעם „מעשה בלבול מק"ק פּוזנא", וואָס איז צוגעגעבן צום ספר „מעשה ה'", אָנהייבנדיק פון דער אויסגאַבע פראַנקפורט-מאַין 1722 (דאָס גאַנצע ספר איז יידיש, און אַזוי אויך אונזער דערציילונג, ניט געקוקט אויף די העברעאישע טיטלען). אין דעם דאָזיקן „מעשה בלבול" געפינען מיר צום סוף נאָך אַזאַ אינטערעסאַנטן שטריך: „דען דש זעלביג מאל איז אונזר (מלך חסיד) גישטורבן, אונ' דש מעשה איז גישעהן (בין מלכא למלכא): דרום גהערט כל ישראל שבח צו הקב"ה צו געבן..." ס'איז ריכטיק: קיניג יאַן סאָביעסקי („מלך סאַבעצקי" אָדער „מלך אַבעצקי" פון דער יידישער טראַדיציע) איז געשטאָרבן דעם 17טן יוני 1696, און דער נאָכפאָלגער אויגוסט דער צווייטער איז ערשט אויסגעקליבן געוואָרן דעם 27טן יוני 1697. אַפּנים, אַז אין דער צייט פון אַן אינטערעגנום, צווישן איין קיניג און דעם צווייטן, איז די לאַגע פון די יידן אַלעמאָל געווען אַן אומזיכערע.

עפּעס אַ ספּעציעלע אַכזריות פון דעם לאַנד, וואו דאָס איז געשען. פּוילן האָט זיך דעמאָלט ניט געהאַט וואָס צו שעמען אַנטקעגן אַנ־דערע לענדער. וועגן טויט־שטראָפן איז ניטאָ וואָס צו ריידן, — אַפילו היינט קען מען איבערציילן אויף די פינגער די לענדער, וואו טויט־שטראָף איז אָפּגעשאַפט. אָבער מערדערשע עינוים זיינען דאַן אויך געווען אַ גאַנץ געוויינטלעכע זאַך, וואָס האָט ביי קיינעם קיין פאַרוואונדערונג ניט אַרויסגערופן. וואָס דען, דער שולדיקער וועט זיך מיטן גוטן ווילן מודה זיין, אַז ער איז שולדיק? ווען מען זאָל אים ניט ניטן, וועט ער געוויס זאָגן, אַז ער ווייס פון גאָרניט. דאַאף מען ביי אים איבערגוואַלד אַרויספּרעסן דעם אמת, און דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון דעם הענקער. אין יאָר 1610 האָט מען אין ענגלאַנד נאָך פאַרברענט צוויי קריסטן־סעקטאַנטן; אין יאָר 1692 האָט מען אין די ענגלישע קאָלאָניעס פון צפון־אַמעריקע געפייניקט איינעם דושעימס קאָרי אָוו סעילעם, וועלכן מען האָט באַשולדיקט אין כישוף און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן אין געריכט. אין שאָטלאַנד האָט מען נאָך אין יאָר 1708 פאַרברענט אַ מכשפה. אין פראַנקרייך האָט מען ערשט אין יאָר 1789 אָפּגע־שאַפט די פייניקונגען, און אין פּרייסן האָט מען ערשט אין יאָר 1851 אויפגעהערט צו מאַכן פון די טויטשטראָפן אַן עפנטלעכן ספּעקטאַקל. די צאַרישע רעגירונג האָט נאָך אין יאָר 1863 עפנט־לעך געהייסן הענגען די אָנטיילנעמער פון פּוילישן אויפשטאַנד. אפשר קענען מיר פאָרט זיין צופרידן אַ ביסעלע, וואָס מיר לעבן אין אַ צייט, וועלכע האָט כאָטש דעם שאַנדפלעק אָפּגעווישט פון דער מענטשהייט?

אָדער איר מיינט, אַז עס איז ניטאָ מיט וואָס זיך איבערצו־נעמען, ווייל עס זיינען געבליבן גענוג אַנדערע שאַנדפלעקן און ס׳זיינען נאָך צוגעקומען נייע?

דער ווילנער בלוט־בלבול פון 1690

א

דער מקור

דאָס ליד װעגן די װילנער קדושים האַלט אַרום און אַרום אַכט קליינע זייטלעך. עס שטייט אויף דער ערשטער זייט, אַז ס׳איז געדרוקט אין אַמסטערדאַם — אין דער איינציקער שטאָט װאו יידן האָבן געמעגט פריי האַלטן זייער גלויבן און זאָגן װעגן גלויבן-זאַכן װאָס זיי װילן; אַנדערשװאו האָט מען געשלאָגן און אַפילו ניט געלאָזן שרייען. די צייט פון דרוק איז ניט אָנגעװיזן, נאָר מען קען דאָס דערקענען לויט די אותיות און לויטן פּאַפּיר; שטיינשניידער װייזט אָן, אַז ס׳איז געדרוקט געװאָרן 1692, דאָס הייסט אין אַ יאָר אַרום נאָכדעם װי דאָס אומליק איז געשען. הייסט עס, מיר האָבן דאָ די דערציילונג פון אַ פרישן עדות, און לויט דער שפּראַך, װאָס איז גאַנץ נאָענט צו דער היינטיקער, דאַרפן מיר משער זיין, אַז דאָס האָט פאַרפאַסט אַ ליטװישער ייד; װער דען װעט שרייבן „זעטינע" אָנשטאָט „אַזעלכע"?

דאָס ליד איז געשריבן אין סטראָפעס צו פיר פערזן, און די סטראָפעס זיינען אויפגעשטעלט לויטן אַלף-בית: די ערשטע סטראָפע הייבט זיך אָן מיט אַן א („אין יאָר ת״נ...״), די צווייטע מיט אַ ב און אַזוי װייטער; אַזוי גייט זיך דער מחבר דורך צוויי מאָל איבערן גאַנצן אַלף-בית פון א ביז ת. ניט אַלעמאָל קען ער דווקא צוטרעפן יידישע װערטער װאָס זאָלן זיך אָנהייבן מיט דעם נייטיקן אות; יעמאָלט נעמט ער אַ װאָרט פון העברעיִש און װעצט דאָס באַלד איבער: „חייבים שולדיק..." הייבט ער אָן די סטראָפע װאו ער דאַרף צוליב דעם אַלף-בית אַ ח, „סכין אַ מעסער..." שרייבט ער, װען עס פעלט אים אויס אַ ס. אָבער אַזעלכע אומבאַהאָלפנ-

קייטן זיינען דאָ ניט קיין סך; אין אַלגעמיין איז דאָס ליד געשריבן גאַנץ געשיקט, און עס שפּירט זיך אין אים דער פרישער ווייטאָג אויף אַ גרויסן אומגליק, הגם דער שרייבער קומט אָן, ווי מיר וועלן זען ביי אַ פאַרגלייך מיט די פריער באַהאַנדלטע לידער, צו אַ סך סקאַרבאָווע אויסדרוקן. עס איז שוין געווען אַ פּאַרטיקער נוסח פאַר אַזוינע קלאָגזינגער.

לאָמיר זיך קודם כל נעמען צום אינהאַלט.

פּ

די פּאַקטן

אין יאָר ת״נ (פינף טויזנט פירהונדערט פופציק, ד״ה לויט דער אַלגעמיינער רעכענונג 1690), אַכט און צוואַנציק טעג אין אייר, איז דערטרונקען געוואָרן אַ קריסטלעך קינד אין ווילנע. די דינסט, וועלכע האָט אים נעדאַרפט היטן, האָט מורא געהאַט פאַר איר האַרס צאָרן; האָט זי באַהאַלטן דעם טויטן קערפּער אין קאָרן און געקומען אַהיים מיט דער בייזער בשורה, אַז דאָס קינד איז פאַרפאַלן געוואָרן. מען האָט גענומען זוכן דאָס קינד און ניט געקענט געפינען. איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן עס גערויבט, און מען איז אַוועק אין „גראָד״ (אין דעם שטאָטישן קרימינעלן געריכט) מעלדן וועגן דעם יידישן פאַרברעך. דאָרט איז מען גערן געווען דאָס צו גלייבן אויף יידן, און ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט, האָט מען אַרעסטירט דריי יידן: ר׳ יחזקאל, ר׳ משה און ר׳ אַברהם. מען האָט זיי פאַרשמידט אין קייטן און איינגעזעצט אין תפיסה. און איבער דער שטאָט איז אַרויס אַ קלאַנג: יידן האָבן גערויבט אַ קריסטלעך קינד! די שטימונג איז געווען אַן אומרויקע, די גאַנצע עדה האָט געציטערט.

אַ יאָר צייט זיינען די דריי געזעסן אין תפיסה, ביז וואַנען עס איז געקומען די צייט פון פּסק. עס איז געווען פּורים־קטן, ווען יידן דאַרפן זיך משמח זיין, און ביי ווילנער יידן איז דאַן געווען טרויער און קלאָג. גאַנץ קהל האָט געפּראַוועט אַ תענית, איינגעהילט

אין טליתים האָט מען אַ גאַנצן טאָג תּפילה געטאָן, און דערווײַלע זײַנען פאָרשטייער פון יידן געגאַנגען צו די מאַכטהאָבער און גע־טראָגן מיט זיך גאָלד און זילבער און אַנדערע מתּנות.

אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן: ס׳איז אַרויס דער פסק, מען זאָל אַלע דריי טייטן: יעדערן פון זיי זאָל מען צעהאַקן אויף פיר שטיקער. נאָר איין רעטונג איז פאַראַן, האָט מען זיי געזאָגט: זיי זאָלן אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן, — דאַן וועט מען זיי שענקען דאָס לעבן.

האָבן די דריי געענטפערט: אַפילו ווען איר וועט אונז צעהאַקן אין פירן, קענט איר אויך ניט אַוועקנעמען אונזערע נשמות. אַפילו ווען איר וועט אונזער פלייש אויפעסן, וועלן מיר אויך פון אונזער גלויבן ניט אָפּטרעטן. נאָר אײַך וועט דאָס אויסנײַן צום בייזן, די טרערן פון אונזערע ווייבער און קינדער וועלן פאַלן אויף אייער קאָפּ. פון אונזער גאָט וועלן מיר ניט אָפּקערן:

„זייט ווסן, איר לייט,
אומצוקומען פון זיין ליבן נאָמען ווענן זיינען מיר
אָנגעברייט

כאָטשי תּיכף היינט
און זונסט אַלע צייט!"

ווי נאָר זיי האָבן אַזוי אָפּגעענטפערט, האָט מען זיי אָנגעטאָן שווערע אייזנס אויף די הענט, אויף די פיס און אויפן האַלז, און מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ „פינסטערער פאַרשטונקענער תּפיסה", וואו מען האָט געהאַלטן אַלע פאַרמשפּטע צום טויט. דאָרט האָט מען זיי געפייניקט מיט אַזוינע יסורים, אַז דער טויט קען שוין ניט זיין האַרבער; אָבער זיי זיינען געווען פעסט ביי זיך: זיי וועלן אומקומען פון כּל־ישׂראל ווענן על־קידוש־השם, און פון יידישן גלויבן וועלן זיי ניט אָפּטרעטן.

אין דעם פרייטאָג פון פּרשת ויקהל האָט מען די קדושים גענומען צו דער אמתער עינוי (פייניקונג). מען האָט זיי געברענט און געבראָטן און געפּרעגלט אַ גאַנצע נאַכט. אָבער ביי די קדושים, שרייבט דאָס ליד, האָט דאָס קיין ווערדע ניט געהאַט.

„עס איז זיי ניט געלעגן געוועזן אָן זייערע לייבער,
נייערט עס האָט זיי באַנג געטאָן דעם גרויס צער וואָס
אין דער היים האָבן זייערע קינדער און ווייבער.“

אויף מאָרגן האָט מען געדאַרפט מקיים זיין איבער זיי דעם פּסק. דעם ערשטן האָט מען געבראַכט אויפן פּלאַץ ר׳ יחזקאלן. גרויסע מאַסן מענטשן פון די קריסטן זיינען געקומען צוקוקן. דער תלין האָט אים אויסגעטאָן נאַקעט און בלויז, געגאָסן אים פּעך און שוועבל אויף די פּיס, און דערביי האָט דער תלין אַלץ געמאָנט ביי אים: גיב אַרויס עטלעכע מנהיגים פון אייער קהילה, אַז זיי האָבן געהייסן טייטן דאָס קינד, וועסטו דערמאָלט זיין פריי. אָבער דער קדוש האָט געענטפערט: ביז איצט ביסטו געוועזן מיין האַר, נאָר איצט איז געענדיקט דיין ממשלה; איצטער גרייט איך זיך צו גיין צו מיין הויכן האַר, איך וועל גיין אויף קידוש-השם.

מען האָט גענומען צו דער פּייניקונג דעם צווייטן קדוש, ר׳ משהן. דער רשע דער ריכטער איז געשטאַנען דערביי און גע-הייסן פּייניקן וואָס מער; דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופן: ייד, טרעט אָפּ פון דיין אמונה, וועלן מיר דיך מאַכן רייך, — מיט די גרעסטע האַרן וועסטו זיין גלייך. אָבער דער קדוש האָט געענט-פערט:

„כפל כפלים מעגט איר מיר יסורים מערן,
אָבער אַ שבועה טו איך שווערן,
אַז אייערע נאַרישע רייד וועל איך ניט צוהערן!
לאָזט אָפּ און טוט די רייד ווייטער ניט מערן,
דען איך וועל פון מיין ליבן שיין-האַרציקן גאָט ניט,
אָפּקערן!“

ווען מען האָט געבראַכט צו פירן דעם דריטן קדוש, ר׳ אברהמען, האָט ער געחלשט פון שרעק. האָט דער תלין גענומען אַ מעסער און אים אַ שניט געטאָן אין האַנט, און ווען דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָט ער אים געשלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט. מען האָט ר׳ אברהמען אָנגעטאָן מער עינוים ווי יענע צוויי, אַזוי אַז זיין גאַנ-צער קערפּער איז געווען הוילע גריבער, — אָבער געהאָלפן האָט דאָס אויך ניט, ער איז אויך ניט אָפּגעטראָטן פון יידישקייט.

מען האָט אַלע דרייען אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַלטן חדר, כּדי די יסורים זאָלן זיין נאָך גרעסער. יידן האָבן דערווײַלע נאָכ־אַ מאָל געגעבן געלט, מען זאָל די אומגליקלעכע כאָטש איצט אָפּ־לאָזן, אָבער אומזיסט אוז געווען זייער טאָן. נאָר איינס, אויף וואָס די קדושים האָבן די גאַנצע צייט געבעטן צו גאָט, האָט מען גע־פּועלט: אַז מען זאָל זיי דן זיין ניט אויפן פרייען מאַרק, פאַרן גאַנצן המון אין די אויגן; עס איז געבליבן, מען זאָל זיי אומברענ־גען אויפן בית־עולם. און דעם מין פון דער מיתה האָט מען אויך גע־ביטן: דעם פּסק פון פערטלען די פּאַרמשפּטע האָט מען אָפּגע־שאַפט, און עס איז געבליבן,

„.... מען זאָל זיי נאָר קעפּן,
און דערמיט דעם רשע דערזעטן".

ווען דער תּלין איז געקומען נאָך די אומגליקלעכע, זיינען זיי אַוועק מיט שמחה, „ווי עס גייט דער חתן צו דער כּלה".

אויפן בית־עולם איז שוין געווען „די ליבע חברה קדושה פון קברנים", וואָס האָבן גענומען גראָבן די קברים פאַר די קדושים אין די אויגן, כּדי זיי זאָלן ניט דאַרפן ליגן לאַנג פאַר די מערדער. די דריי האָבן זיך גענומען בעטן איינער ביי דעם אַנדערן: „לאָז מיך דן זיין צום ערשטן!" געפאַלן איז דער ערשטער ר' יחזקאל. ווי ר' משה האָט געזען דעם קידוש־השם מיט זיינע אויגן, איז ער צוגעלאָפן פייל אויסן בויגן צום תּלין און געבעטן, ער זאָל זיך איצטער נעמען צו אים. ר' אברהם ווידער האָט אויך גענומען שרייען, אַז ער וויל דער ערשטער, אָדער אויב ניט זאָל מען גורל וואַרפן. זיי האָבן פריש און שאַרף אָפּגעזאָגט ביידע ווידוי, גלייך ווי קיין שום פייניקונג וואָלט זיי ניט אָפּגעשוואַכט.

דער רשע דער ריכטער האָט געהייסן, מען זאָל זיך פריער נעמען צו ר' משהן, און שוין איז זיין קאָפּ געלעגן לעבן ר' יחזקאלס קאָפּ אויף דער ערד.

ווען דער רשע האָט דערזען רינען דאָס ריינע בלוט פון די צוויי קדושים, האָט ער זיך מישב געווען און געזאָגט: וואָס וועט מיר אַרויסקומען, אויב איך וועל דעם דריטן אויך טייטן? זאָלן

מיר יידן געבן אַ סך נעלט, וועל איך דעם דריטן אָפּלאָזן. די באַ־לעבאַטים פון ווילנע האָבן באַלד געגעבן גרויסע טויזנטער, אַז דער דריטער קדוש זאָל בלייבן לעבן, אָבער ווי נאָר

„ר׳ אברהם הקדוש טוט דערהערן,

אַז ער זאָל זיך ווידער בשלום אַהיים אומקערן,

ער הייבט אָן צו שרייען: וואָס פאַר אַ זינדיקער מוז איך

זיין, אַז מען מיך פאַר אַ קרבן וויל ניט באַגערן!

אַ שבועה וועל איך שווערן:

אויף דעם אָרט וויל איך אומקומען, מיט מיין בלוט וויל

איך גאָט פאַרערן!"

זיינען געקומען צו לויפן זיין מוטער און זיין ווייב „און הייבן אָן צו וויינען מיט הייסע טרערן: מיין קינד, טו ועטיקע דייד ווייטער ניט מערן". קער זיך אום אַהיים, האָט געבעטן וויי־טער די מוטער, טו מיר ניט אָן קיין צער אויף מיינע אַלטע יאָרן! ווי ר׳ אברהם האָט דערהערט די ווערטער, האָט ער שוין מער ניט גערעדט. ער האָט מקיים געווען די מצווה פון כבוד־אם. ביי די צוויי קדושים די ריינע האָט ער געבעטן מחילה: מיען זאָלט איר זיך, ליבע חברים מיינע, פאַר מיר און פאַר כל־ישראל. גאָטס ווילן איז אַזאַ, איך זאָל אַוועקגיין פון דאַנען אַהיים. ניט מיטן גאַנצן האַרצן טו איך דאָס; אָבער גאָט וויל דערפרייען מיין ליבע מוטער.

די פרייד האָט אָבער ביי דער מוטער לאַנג ניט געדויערט, זי איז איר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרוים לייד. דער גוטער פרו־מער זון הקדוש ר׳ אברהם איז אין עטלעכע וואָכן אַרום געשטאָרבן; זיי האָבן פאַרלאָרן זייער גוט און זייער בלוט.

דער קדוש איז מיט פרייד אַוועק צו זיינע חברים. יענע צוויי קדושים האָבן אים געווים שיין צוגענומען, וואָרעם ער איז באַשטאַנען על־קידוש־השם אַזוי גוט ווי זיי.

„נו, איצונדער וויל איך דאָס מאַכן שליסן.

מיר זאָלן דעם זכות פון די קדושים געניסן!"

אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם ליד. צי איז מיגלעך, אַז דאָס זאָל זיין אַ לעגענדע, אָן אַ היסטאָרישן אונטערשלאַק? ניין, דאָס איז נישט מיגלעך, און אָט זיינען די ראַיות:

דאָס ווערק איז געשריבן און פּובליקירט אוממיטלבאַר נאָך דעם פאַקט, וואָס איז דאָ באַשריבן. דער עולם האָט געוויס גע־מווט קענען די פאַקטן, און דער פּאַרפאַסער האָט דאָ בלויז מחדש געווען דאָס, וואָס ער האָט זיי איבערדערציילט אין פּערז. ווען ער וואָלט געדעדט וועגן אַ זאַך, וואָס קיינער ווייס ניט, וואָלט ער זיך גע־מווט פאַרענטפערן אָדער דערמאָנען, פון וועמען ער האָט דאָס געהערט.

די פאַקטן זיינען דערציילט זייער גענוי. באַלד צום אָנהייב איז פאַראַן אַזאַ וויכטיקע איינצעלהייט, אַז ווען דאָס קינד איז פאַרפאַלן געוואָרן, איז מען אַוועק אין „גראָד” דאָס פאַרשרייבן. אַזוי איז טאַקע געווען דער סדר: ווען עס פלעגט זיך עפּעס טרעפן אין שטאָט, פלעגט מען גיין מעלדן אין גראָד, און דאָרט פלעגט מען דאָס פאַרשרייבן אין גראָדישן בוך.

די נעמען פון די דריי אומגעקומענע זיינען געבראַכט גאַנץ בפירוש, און זייערע איבערלעבונגען זיינען ניט קיין שאַבלאָנישע. עס שפּירט זיך די לעבעדיקייט אין דער שילדערונג.

איך האָב זיך געווענדט צום דירעקטאָר פון דעם ווילנער מלוכה־אַרכיוו ה׳ וואַצלאַוו סטודניצקי, האָט ער מיר מיטגעטיילט, אַז די גראָדישע ביכער פון יענע יאָרן זיינען פ אַ ר פ אַ ל ן ג ע וו אָ ר ן. עס איז מיגלעך, אַז די רוסן האָבן דאָס מיטגענומען, ווען זיי זיינען אַוועק פון ווילנע האַרבסט 1915, און אפשר איז דער שאָדן גע־שען ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

אַנדערע אַקטן, אויך פון געריכטן, זיינען יאָ פאַראַן פון סוף זיבעצטן יאָרהונדערט, און איך האָב אַ פּאָר טעג געזוכט אין די בענד, וואָס האַלטן באַלד אַ האַלבן מעטער די גרעב און זיינען אָנגעפילט מיט הונדערטער דאָקומענטן אין פּויליש און נאָך מער אין ווייסרוסיש. דאָרט איז אָבער קיין זאַך ניטאָ וועגן דעם בלוט־בלבול, און איך האָב זיך באַלד געכאַפּט פאַרוואָס: יענע אַלע דאָקו־מענטן זיינען שייך בלויז צו צ י וו י ל ע פּראָצעסן, צו געלט־ און פאַרמעגן־זאַכן. פאַר קרימינעלע פּראָצעסן איז געווען אַ באַזונדער געריכט מיט באַזונדערע אַקטן, — און יענע זיינען אויך פאַרפאַלן געוואָרן. אַזוי האָט מי[ר] באַשטעטיקט ה׳ סטודניצקי.

מיט אַנדערע ווערטער מיינט דאָס, אַז אונזער ליד, וואָס האָט זיך צופעליק אויפגעהיט אין איין איינציקן עקזעמפּלאַר אויף דער גאַנצער וועלט, איז דער איינציקער עדות פון אַ גרויסן אומגליק. אָבער דער איינציקער עדות איז אַ באַגלייבטער, און דעריבער איז שוין צייט, אַז נאָך עמעצער אַחוץ די ביכער-פּאָליצעס פון דער אָקספאָרדער ביבליאָטעק זאָל וויסן וועגן די דריי קדושים יחזקאל, משה און אברהם און וועגן דעם בראָך, וואָס האָט געטראָפן די יידישע קהילה אין ווילנע אין די יאָרן 1690—1691.

ג

דאָס ליד

און איצטער ברענגען מיר דאָס ליד גופא פון אָנהייב ביזן סוף אין אַ געטרייען איבערדרוק [1].

דאָס בלבול איז אויף די דרייא

קדושים

בק״ק ווילנא

וואָרן נעמאַכט

נאָך דען א״ב צווייא מאָל פון דער א׳ ביז אָן דר ת׳ איז
עש וואָרין גיטראַכט.

אויך זייער דרייא נעמין איז נאָך דען אַנדערן א״ב אין די
ערשטה אותיות וואָרין אַריין גיבראַכט

זייער נעמין איז גיוועזין ר׳ יחזקאל אונ׳ ר׳ משה אונ׳
אברם הי״ד [2]

אונ׳ דרום איז אין עש צווייא מאָל נאָך א״ב וואָרין גישטעלט
דן [3] אין א״ב זענין צווייא אונ׳ צוונצינ אותיות פר מעלט

[1] בלויז די נקודות און די אָפּשטעל-צייכנס זיינען צוגעגעבן אויף פאַרגרינגערן דאָס לייענען. [2] = אדני יקום דמם, נאָט וועט זיך רעכענען פאַר זייער בלוט. [3] דען.

אונ׳ צווייא מאָל צווייא אונ׳ צוונציג
איז פיר אונ׳ פירציג
איז מ״ד אונ׳ מ״ד מכט דם.
ווישט [1] דו די תורה וואָש קומט אַרויש אויש דען א״ב וואָל
אײן מליץ יושר זיין פר דער ליבה שכינה פון
וועגין דאָש ריינה דם
וואָש פון די קדושים איז וואָרן פר גאָסין
אונ׳ אַל די עלילות זאָלין ווערין פון ישראל פר שלאָשין
אמן:

נדפס באמשטרדם

אין יאָר ת״נ, אַכט אונ׳ צוונציג טאָג אין חודש איר,
איז אונץ די גזירה רעה גיקומן איין פיר [2],
דו מן ווערט גיוואר פון דער עלילה שקר פר דען קדוש טיר.

בערה [3] — איין גרושה גזירה איז אויף זיא גוועזן,
דרום זיינן זי דר פון ניט וואָרן גינעזין.

גאָר האָבן זיא אָן גיוואָרן זייער גוט אונ׳ בלוט;
מלך מלכי המלכים האָט ניט וועלין פר שטערין די
רשעים איר מוט.

דער טרונקן איז איין ממזר גיוואָרן,
אונ׳ די דינשט האָט זיך גיפאָרכטין פר איר הערנס
צאָרין;
בהאַלט זי דאָש ממזר אין קאָרן;
צו דען אָבינט טואין די רשעים עש זוכן הינטן אונ׳ פאָרין.

היבט זיך אָן די גזירה רעה
אין דער ביזה שעה.

וואָש האָבן זיא זיך בדאַכט:
אין גראָד [4] פר שרייבן האָבן זיא עש גיבראַכט.

---

[1] ווייסט. [2] איינפיר = אַפיר, אַרויס. [3] „עס האָט געברענט״. פון צייט צו צייט ניצט דער מחבר העברעאישע ווערטער, אויב עס פעלט אים אויס אַ פאַסיק וואָרט צום אלף־בית. [4] גראָד, פוילש gród, אַן אַלט־פוילישע געריכטס־אינסטיטוציע.

זיא האָבן מגד[1] גינומן הקדוש ר׳ יחזקאל והקדוש ר׳ משה
והקדוש ר׳ אברם בכבלי ברזל[2] תפיסה,
אונ׳ איז גבליבן בייא זיא איין עצה רעה, דו זיא זיינן
חייב מיתה.

חייבים שולדיג האָט ער נאָך פיל לייט גימכט אונ׳ האָט זיא
גנומן לתפיסה נאָך מער,
דאָ וואַר דיא עלילה נאָך איין זוא[3] הַרב און שווער.
אוי וויא, דו ליבר גאָט, ווי קאָנשטו צו זעהן
אונזער גרושה גזירה וואָש דאָ איז גשעהן!

טוט זיך שלעפין דאָש משפט נאָהנט פון איין גאַנץ יאָר.
דיא רשעים האָבן גיזאָגט: אום קומן מוזין אַל די וואָש
דאָ אין תפיסה זיצן גאָר.

ימ״ש,[4] זיער בוונה איז גוועזן פון יהודים פיל געלט אויש צו רייסן.
ליבר גאָט, טוא אַז[5] אָן המן אָן זי איין צייכן אונ׳
שטראָף זי נאָך אַלר פלייסן[6].

כלם אַלי האָבן זיך איין גיזאַמלט אין יאָר תנ״א ביום ד׳
פורים קטן;
האָט בגליקט מעשה שטן;
ווען מן גהער זיך משמח צו זיין מיט לאַבין די מגילה,
איז וואָרן אין דער קהילה איין גרושה עלילה.

לנו — צו אונז איז וואָרן פר קערט אונזער פרייד
צו גרושה לייד;
ווען די אומות האָבין זיך איין גיזמלט צו אַנגדר,
איינר אַרגר אַז דער אַנדער.
אונגר ברידר בני ישראל
השי״ת[7] זאָל מציל זיין פון אַלן בֵּיזין עד ביאת הגואל[8].

משחד האָבן זי גוועזין[9] פון פיל גאָלד אונ׳ זילבר,
אויך האָבן זי געטאָן תשובה אונ׳ האָבן גפיינינט זיער
לייבר אונ׳ גלידר,

---

[1] תיכף. [2] אין אייזערנע קייטן. [3] איינזאָ — אַזוי. [4] ימח שמם.
[5] ווי. [6] ווי ס׳געהער צו זיין. [7] השם יתברך. [8] ביז וואַנען דער דערלייזער
וועט קומען. [9] משחד זיין = געבן שוחד.

און׳ איין גנצן טאָג ויינען זיא גיזעשן אין טלית ותפילין
איבר זיער סידר.

נאָך האָבן זי גיטאָן גרושה תפלות,
כל הקהל קליין און׳ גרוש,
דז עש זאָל זיך איבר זי דר ברמן השי״ דר דאָ הייסט
יושב תהלות.

שונאי ישראל האָבן ניט וועלן דען פסק אויש זאָגין,
דער דז[1] אונזר הרץ זאָל פר צאָגין.

ערשט האָט מן איבר נייז אָן גיהובן מתנות צו טראָגין,
אוי וויא אונזר טאָגין!

פסק הרשע טואין זיא אויש געבן:
דרייא קדושים מוזן קומן אום זיער לעבין.
מן זאָל דיא דריי קדושים וטהורים די ריינן
איטליכש לייב אויף פיר טיילן זיא מיינן.
ליבר גאָט, ווי קאָנשטו צו זעהן די אומרעכט וואָש זיא
טואן דען פאָלק דיינען!

צדיקים וקדושים ענטפערן אַלי דרייא אין איינן:
ווען איר וועדט שון אונז פיר טיילן,
דאָך קענט איר ניט איין וועק נעמן אונזרה ווילן.
ווען שון איר מעכט פרעסין אונזר פלייש פון אונזר לייבר
אויף אייער פס טאָג[2] מיט אייער קינדר אונ ווייבר –
עש וועדט אָבער אייך איבל בקומן,
דז עטך[3] אונז האָט מיט עלילות אין גיפענקינש אַריין
גינומן!
עש זאָל ניט לייריג קומן
די טרערין פון אונזר ווייבר און׳ קינדר וואָש דאָ טואן
וויינן און ברומן!

קערין מיר פר אונזר טויט צו גאָט לובן און׳ דנקן,
און׳ מיט אייך וועדין מיר הבן אונזר שפיל און׳ גרושה
צנקין.

---

1 פשט: כדי. 2 פאַסט-טאָג—תענית; אָדער אפשר גיכער „פעסט-טאָג—
חגא? 3 איר.

פון אונזרן ליבן הר גאָט וועַ[ל]ן מיר ניט אָב קערין,
דען ער קאָן אַל אונזרן גיבעט דר ווערן [1].
דרום,
איר כומרים,
די ריד פון ענק [2]
איז אונק נאָר בנג אוני ענג.

רײדן וואָש עך טוט אונק אָפּ רײדן פון אונזר ליבה אמנה,
אויף דען האָבן מיר קײן כוונה.
דער פון זײט ווישן, איר לײט,
אום צו קומן פון זײן ליבן נאָמן וועגין זענין מיר אָן
גיברײט

חאָטשי תיכף הײנט
אוני זונשט אַלי צײט.

שונאים, דז איר אונזר ביז נינר [3] זײט,
ווײשן מיר ניט וואָש איר מײנט.
איר ווײשט דאָך וואול, דז אונזר ליבר הר גאָט שטראָפּט
אימדאָר [4] אונזר פײנט.

תיכף אַז די קדושים טואין דען קידוש דשם בווײזין,
לאָט [3] מן זי אויף דיא הענט אוני פיס אוני האַלז אָן טאָן
שווערה ביטרה אײזין,
אוני מן לאָשט זיא וורפין אין אײן פינצטרה פר שטונקין
תפיסה,
וואו עש זיצן אַל דיא וואָש זײנען חייב מיתה,
אוני מן טוט זיא אין דיא תפיסה אָן נרושה פײן —
אײן טוט קען ניט הרבר גזײן [5].

אײן שווערה זך האָבן זיך די קדושים פיר גנומן,
על קידוש השם מוזין זיא אום קומן
אוני יסורים ועגויים פון כל ישראל וועגין צו לײדן;
מיט דען ווילן זיא זיך פון די וועלק אָפּ שײדן.

---

[1] גרײז אָנשטאָט „דערהערן"? [2] אײך. [3] בײזגינסר, ניט־פאַרגינער.
[4] תמיד. [5] לאָז. [6] גזײן=זײן.

ביום השׁשי פ׳ ויקהל פר נכט
האָט מן די קדושים צו דער ענו[י] צו פירן גיבראַכט;
אונ׳ בייא אַל די ענוים וואָש מן האָט זיא אָן גיטאָן
דענוכט[1] איז די קדושים נישט גיוועזין גילעגי[ן] דראָן[2].
גיברענט אונ׳ גיבראָטן אונ׳ נפֿרעגלט האָט מן זיא איין גנצה נכט,
דענוכט איז ביי די קדושים נישט גוועזן גיאַכט;
עש איז זי נישט גילעגין גיוועזין אָן זייער לייבר,
נייארט[3] דש האָט זי בנג געטאָן דען גרושן צער וואָש
דר היים האָבין זייער קינדר אונ׳ ווייבר.
דען קדוש ר׳ יחזקאל האָט מן צום ערשטין געצוגין
אַז איין פייל פון בוגין.
דער תליין האָט אים אויש גיטאָן נאַקט אונ׳ בלום
אונ׳ האָט אים גינאָסין שוועבל אונ׳ פעך אויף זיינה פים
אונ׳ שום;
האָט אים גיקערט הינטן אונ׳ פאָרין —
מלך מלכי המלכים, ווי קאָנשטו צו זעהן דען גרושן
צאָרין!
וואָש האָט דער רשע דען קדוש גיבעטין:
„גיב אונש עטלכה ראשים ומנהיגים אונ׳ זונשט אַל דיא
נערטין[4] אונ׳ טוא זיא ניט פר טרעטין[5],
ווערשטו בלייבן לעבן
אונ׳ אַלפי אַלפים ווער איך דיר דר צו געבן“.
זוא ענטפערט דער קדוש: „ביז אַל הער בישטו מיין הער
גיוועזין,
אונ׳ היינט בין איך פון דיר גינעזן.
איך וויל צו מיין הוכין הער גיאן[6],
דער ווערט מיר העלפן על קידוש השם צו בשטיין“.
אומות העולם אונ׳ פיל גימיין
זיינן גקומן צו זעהן, אויב די קדושים ווערין בשטיין.

---

[1] פונדעסטוועגן. [2] עס האָט די קדושים ניט געאַרט. [3] נייערט — נאָר.
[4] = נעפרטן, נעפרטע. [5] נעם זיך ניט אָן פאַר זיי. [6] = גיין.

חלילה ווערן וויא ניט בשטיין [1] בייא איין דיבר,
ווער אום גיקומן חס ושלום איין גנצן ציבור.
די יסורים פון דען קדוש האָבין לנג גיווערט,
ביז מן האָט זיין לייב אָפּ גיברענט אונ׳ גילערט
אונ׳ גיבראָטין אונ׳ הין אונ׳ הער גיקערט.

טוט מן נאָך אים נעמן דעם קדוש ר׳ משה איין פיר,
אונ׳ דר רשע איז נישטאַנן בייא דר טיר
אונ׳ האָט באַפולן, מן זאָל אים מער מענה זיין
אונ׳ זאָל אים אָן טאָן גרוש שמרצן אונ׳ פיין.

„יהודה[2], האָבין גירעט די רשעים צו דען קדוש אַלי גלייך:
טרעט אָפּ פון דיינר אמנה, ווילן] מיר דיר מכין רייך,
מיט דיא גרעשטי הרין ווערסטו זיין גלייך״.

„כפל כפלים, זאָגט דר קדוש, מעגט איר מיר יסורים מערין,
אָבר איין שבועה טוא איך שווערן,
איירה נערשה [3] ריד וויל איך ניט צו הערן!

לאָט אָפּ אונ׳ טוט די רייד ווייטער ניט מערן,
דען איך וויל פון מיין ליבן שיין הרצגין גאָט ניט אָפּ קערין!״

מיין גוטר קדיש איז גבליבן בייא זיינר אמונה
אונ׳ ענטוור׳ מיט גרושה כוונה אונ׳ הבנה,
דו אַלץ איז שקר ועלילה ואין ...נה [4].
מען האָט אים אין שוועביל אונ׳ אין פעך טון פרעגלין
אונ׳ גצונין אַז די שוועבלן[5],
אַז דער תליין האָט גישפּראָכן: „איך האָב ניט גהאַט אין מיינם זין
צו טאָן זעלכה יסורים קשות ווידרן [6] דין.

נאָך דעם טוט מען הקדוש ר׳ אַברהם פירן,
איז ער חליש גיוואָרן פר זיינה [7] טירן.
האָט דער תליין גינומן

---

[1] אין טעקסט: בשטעין. [2] ייד. [3] נאַרישע. [4] אויסגעריבן אין טעקסט; „ואין נכונה״? [5] שוו:ב.לע.ר. [6] קעגן רעם. [7] דעם תלינס.

סכין — איין מעסר אונ׳ שנייט אים אין ויינה הנט,
אונ שלאָגט אין דען קאָפּ אָן דער וונט.

ער טוט דען קדוש אויף דער עינוי[1] לייגן
אונ׳ טוט אים אָן יסורים מער אַז יענה קדושים אלי ביידן;
אוב ער ווערט בשטיין טואן זי אים פּרובן,
אונ׳ זיין לייב האָט דער תליין גימכט אייטל גריבן.

פריי‌א זאָל מן דרויף קלאגין איין גרושה קינה,
דז עש האָט נישט ניהאלפן קיין בקשה אונ׳ תחינה
אונ׳ דען גרושן קידוש השם וואָש ער האָט גוויזן אויף
דר עינוי[1]!
איר זכות זאלין מיר גניסן אלי צייט,
דז הש״י זאָל פר קערן אונזרה לייד
צו גרושה פרייד
ביז משיח צייט,
דרויף וויל[ן] מיר אָמן זאָגין הייגט!

צוררים, פריצים אונ׳ גלחות איין זוא בלד אַז[2] זי האָבן דאָש
גזעהן
דעם גרושן קידוש השם וואָש איז גשעהן,

קדושים אַלי דרייא זאלין בלייבן בייא איינם וואָרט,
דאָ גינגן זי אַזו בלד פּאָרט.
דאָך האָט נאָט ניט ווען אָב טואן זיין צאָרן,
אונ׳ די דרייא קדושים האָבן מוזין ווערן פר לארין;
אוי וויי, וואָש פר איין מכה איז גשעהין דאָ אין
אונזרה יאָרן!

רשעי׳ נאָך דר עינוי טוט ער זיא אין איין קלט חדר אַריין,
דער וואָרטן[3] דז די יסורים זאָלן גרעשר זיין;
דאָ ליידן זי איבר גייז נאָך גרעשר פּיין.

שוהד האָבן אונזרי ברידר גיגעבן פיל געלט,
אונ׳ דיא קדושים זענן וואָרן בייא איין וואָרט בשטענט[4]

---

[1] אין טעקסט: עיני. [2] תיכף ווי. [3] כדי. [4] לויטן גראַם דאַרף דאָ שטיין: „באַשטעלט״, אָבער אויך דאַן איז מיר דער פשט נים קלאָר.

פאָרט האָבין די רשעים דען פסק אויש גיזאגט, דז אַל
דרייא מוזן קומן פון דר וועלט.

תפלות צו נאָט האָבין גיטאָן די קדושים אַלי דרייא
אונ׳ האָבן מצדיק הדין אויף זיך גיוועזן מיט גרוש גשרייא.

רבונו של עולם, איז זייער גיבעט גיוועזן:
ווען שון מיר קאָנין ניט ווערן גינעזין,
דאָך לאָזין מן זי עס ניט אויף דעם פרייאן מַרק מכין,
דז די אומות זאָלן אויש זי ניט לאַכן!

יתברך שמו, נאָט האָט איר גיבעט פר גומן, לאָש דאָז זיין בשמי השמים,
דז מן זאָל זי אום ברענגין אויף דען בית החיים;
וונשט ווער דער חליל השם גוועזין כפל כפלים.

חאטשי קהילה קדושה ווילנה האָבין דרויף גילֵינט פיל געלט,
האָבן זי נישט אויש גירעכט נייערט זי האָבין הרבה מיתה נרינג גשטעלט,
דז מן זאָל זי נאָר קעפן,
אונ׳ דר מיט זאָל זיך דר רשע דר זעטין.

זי ועהין דען תליין קומן נאָך זי אַלה,
דאָ וענן זי גיגנגן מיט שמחה, אַז עס גֵיט דר החתן צו דער כלה.

קומן זי אויף דעם בית החיים,
היבט איינר צום אַנדרן: לאָז אונש דוכמן מיר וענן אין ירושלים!
דא היבן זי אָן צו זגין די ברכה:

אשרי העם שלהם ככה,
גלייך אַז מן איז מקרב איין קרבן טרה אויף דר מערכה.

ליבה חברה הקדושה פון קברנים האָבן פר די קדושים אויגין מכין אירה קברים,
דז [זיי] זאָלין ניט לנג ליגין פר די אומה אכזרים.

רעט איין קדוש צו דעם אַנדרן אונ׳ היבט איינר דעם אַנדרן אָן צו בעטין:
„לאָז מן מיך דן זיין צום ערשטין!"

מיין גוטן קדוש הטהור ר׳ יחזקאל האָט מן דן גיוועזין,
איין גרושן קידוש השם איז דארך אים גשעהין.
שטינד אַז הקדוש ר׳ משה האָט דען קידוש השם גיזעהן
מיט זיין אויגין,
דא לופט ער צו דען תליין גשווינד אַז איין פייל פון בוגין
אונ׳ ביט אים פריינטליך: „אַז ר׳ יחזקאל[1] זאָלשטו
מיין קאָפּ אַראָפּ היבן!"
הקדוש ר׳ אַברם היבט אָן שרייאן אונ׳ צו רידן:
„איך ביט, לאָז מן מיך צום ערשטן טיטן
אָדר לאָז מן גורל וורפין צווישן אונש ביידן."
זי היבן אָן צו זאָגין פריש אונ׳ שרף זיער ווידוים,
גלייך אז זי העטן ניט גליטן נאָר קיין ענויים ניט
רשע טוט דען תליין זאָגין, ער זאָל הקדוש ר׳ משה דען קאָפּ
אָפּ שלאָגן.
איער[2] דער רשע טוט דאָש רידן
ליגט שון דער קאָפּ פון ר׳ משה מיט דען קאָפּ פון ר׳
יחזקאל אלי ביידן.
אוי ווייא, האָבן מיר דער לעבט גרושה ליידן.
אַז דר רשע ועט דאש ריינה בלוט פון דיא צווייא
קדושים רינן,
טוט דר רשע זיך בזינן.
ער זאָגט: וואָש וויל איך גווינן?
ער וויל הקדוש ר׳ אברם לאָזין לעבן,
אָבר פיל געלט, איר יהודים, זאָלט איר מיר פר אים געבן.
בעלי בתים דק״ק ווילנא טואין גרושה אלפים געבין,
דז הקדוש ר׳ אברם זאָל בלייבן לעבין.
ר׳ אברם הקדוש טוט דאָש דר הערן
דז ער זול זיך ווידר בשלום אַהיים אום קערן,
ער היבט אָן צו שרייאן: „וואש פר איין זינדגר מוז
איך זיין דז מן מיך פר איין קרבן וויל ניט בגערין!

[1] אין טעקסט שטייט דאָ: „אַברם", נאָר ס׳איז קלאָר אַז ס׳איז אַ טעות.
[2] = אייער, איידער.

איין שבועה וויל איך שווערן:
אויף דעם אָרט מוז איך אום קומן, מיט מיין בלוט וויל
איך גאָט פר ערין!"
מוטר זיינה אונ' זיין ווייב פלן אויף זיין הלז אונ' היבן אן צו
וויינן מיט היישי טרערן:
„מיין קינד, טוא זעטיגה ריד ווייטר ניט מערן.
היים זאָלשטו דיך אום קערין;
אויף מיין אַלטה יאָרן
לאָז קיין צער איבר פאָרין..."
ווא, דר קדוש טוט ווייטר ניט רידן איין וואָרט מיין
אונ' טוט מקיים כבוד אם זיין.
דא טוט ער מחילה בעטין דיא צווייא קדושים דיא ריינה:
„מיהן זאָלט איר אייך פר מיר אונ' פר כל ישראל,
לבה[1] חברים מיינה!
ווען גאָטש ווילן טוט אזו זיין,
דאָ וויל איך אַהיים גֵיאן,
אבר ניט מיט גנצן הרצן מיין. [אין מיין] הרצן טוט עש
מיר גרייאן[2],
נאָר גאָט טוט מיין ליבה מוטר דר פרייאן."
די פרייד האָט ביי דר מוטר ניט לנג גיווערט;
צו איין גרוסר[3] ליידן איז עש איר וואָרין פר קערט.
דער גוטר פרומר זון הקדוש ר' אבר' איז עטלכי וואָכן
אַרום גישטאָרבן,
אונ' זיער געלט איז... ערשטן וואָרין פר דאָרבן.
דאָ זיינן זיא גיקומן אום זיער גוט אונ' בלוט.
אונ' דר קדוש איז צו זיינה חברותה מיט פרייד ניגנגין;
יענה צווייא קדושים האָבין אים גוויש שיין אַנטפנגין,
וואָרום ער איז זוא גוט אַז זיא על קידוש השם בשטנין.
נוא איצונדר וויל איך דש מאַכין שליסין,
מיר זאָלן דען זכות פון דיא קדושים גניסן.
אמן:

---

1 = ליבע. 2 פאַרדריסן, חרטה האָבן. 3 גרעססער.